STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08252

FARSHRIBEN IN A SHAYER

Ruth Leimenzon-Engelshtern

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רות לײמענזאָן־ענגעלשטערן

פֿאַרשריבן אין אַ שײַער

פֿוטער מײַ 1944 - פֿוטער יולי 1944

בית לוחמי הגיטאות ע"ש יצחק קצנלסון
בשיתוף עם הוצאת הקיבוץ המאוחד • תשל"ג

RUTH LEIMENZON-ENGELSHTERN
FARSHRIBN IN A SHAIER

צוגעגרייט צום דרוק
און באַגלייט מיט הערות :
ישראל רודניצקי

©
Ghetto Fighters' House, Publishers
Printed in Israel

דפוס שמגר, ת"א, הר־ציון 104

אַ וואָרט פריִער

ווילנע איז באַפֿרײַט געוואָרן דעם 13טן אויגוסט 1944. די געטאָ־חורבות האָבן זוכה געווען צו זען צווישן די באַפֿרײַער אַ גרופּע ייִדישע בחורים און מיידלעך, פּאַרטיזאַנער פֿון די דערבײַיִקע וועלדער, די ערשטע עדות פֿון ווידערשטאַנד און גבורה. באַלד נאָך דעם האָבן אָנגעהויבן זיך צוריקקערן אין זייער היים, וואָס איז שוין מער ניט געווען, די ניצול־געוואָרענע אין מאַלינעס און אונטער קברים, אַ קליין הײַפֿל — איינער פֿון טויזנט. דאָס האָט ווילנע פֿון אַ מאָל געטוליעט צו זיך די שארית־הפּליטה.

רות ליימענזאָן איז נאָך אַלץ געלעגן אין איר באַהעלטעניש, אין אַ סטויג היי, אין אַ שײַער, סך־הכּל 20 קמ פֿון איר היימשטאָט. זי האָט זיך ניט געאײַלט. ניט געווען וווהין. ווי אויף אַ ווילדן וווּנדער וועט מען דאָך קוקן אויף אַ לעבעדיקן ייִדן. — — און ווי הייבט מען אָן פֿון דאָס נײַ? אירע נאָענטע האָבן געטיילט דעם גורל פֿון דער ווילנער עדה, זי האָט געזען דעם וועג וואָס האָט געפֿירט צו פּאָנאַר, איז אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ בײַם אָנהייב פֿון דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע, אין אויגוסט 1943.

ווען רות האָט פֿאַרלאָזט דעם שײַער, דעם 19טן יולי 1944, איז איר אייגנס באַשטאַנען פֿון אַ העפֿט, אין וועלכער זי האָט פֿאַרשריבן אירע איבערלעבונגען. מיר ווייסן אַז זי האָט זיך צוריקגעקערט אין ווילנע און פֿון דאָרט זיך געלאָזט מיטן פּליטים־שטראָם, ביז זי האָט זיך דערשלאָגן צו אַ ברעג. אין די יאָרן פֿון וואַנדער איבער לענדער און פּליטים־לאַגערן און שפּעטער אין איר באַנײַטער היים אין אַמעריקע האָט זי אָפּגעהיט איר טאָגבוך ווי אַן אינטימען זכר פֿון יענע טראַגישע טעג, זיך ניט געשיידט מיט אים ביזן סוף פֿון איר לעבן. ערשט אין 1968 איז דער דאָקומענט געבראַכט געוואָרן אין ישראל:

אַ דיקע העפט אין רויטע טאָוולען, 18,5 × 20,5 צמ, 135 זײַטלעך, ניט נומערירט, פֿאַרשריבן פֿון בײדע זײַטן, פֿון ברעג ביז ברעג, מיט אַ פּשוטן בלײַער. די ערשטע נאָטיץ איז דאַטירט דעם 15טן מײַ 1944, די לעצטע — דעם 19טן יולי 1944. וועגן דרײַ יאָר געטאָ, חורבן ווילנע און 231 טעג אין דאָרף סימאַנוווקאַ, לעבן ניעמענטשין, ווערט דערציילט רעטראָספּעקטיוו, פֿון זכרון, אויף די פֿרישע שפּורן פֿון די פֿאַרלאָפֿענע געשעענישן. דאָס אַלץ — אײַנגעגלידערט אין טאָגבוך צווישן די באַריכטן פֿון 66 טעג, דאַטירטע פֿון 232סטן טאָג אין שײַער ביז דער באַפֿרײַונג.

נאָכן באַקענען זיך מיטן כּתב־יד איז ניט געבליבן קײן ספֿק, אַז מיר האָבן פֿאַר זיך אַ זעלטענעם דאָקומענט: דאָס אײנציקע טאָגבוך (ביז איצט) אין דער חורבן־ליטעראַטור וועגן געטאָ ווילנע — געשריבן פֿון אַ פֿרוי; נאָטיצן־שילדערונגען, אָנפּניותדיקע, ספּאָנטאַנע און גלײַכ־צײַטיק פּסיכאָלאָגיש פּאַרטיפּטע — פֿון אַ פּשוטן פֿאָלקסמענטש; פֿאַקטן וועגן עקשנותדיקן קאַמף פֿון אַן אײנזאַמער פֿרוי, וואָס האָט זיך פֿאַר־מאָסטן, דאַכט זיך, קעגן געהתמעטן גורל. עקשנות און אפֿשר אויך נסים זענען איר בײַגעשטאַנען גובר צו זײַן דעם גיהנום.

וועגן געטאָ ווילנע זענען פֿאַראַן אַן אַ שיעור דאָקומענטן: גבית־עדותן, טאָגביכער, זכרונות און פֿאַרשאַרבעטן, וועלכע ברענגען אַרויס בפּרטי־פּרטים דעם טראַגישן אינהאַלט: דײַטשע פֿאַרברעכנס פֿון ערשטן טאָג אָקופּאַציע ביזן אַרײַנמאַרש פֿון דער רויטער אַרמײ; סיסטעמאַטישע אויסראָטונג פֿון קרוב 70 טויזנט נפֿשות, פֿאַרטראַכט און אויסגעפֿירט דורך דער נאַצישער מאָרדמאַשין. רות לײמענזאָן אַנטפּלעקט ניט קײן נײַע ניט־באַוווּסטע פֿאַקטן, סײַדן דעם טעם פֿון איר אײגענער פּײַן, וואָס איז אויך אפֿשר ענלעך און ניט ענלעך צו דער גרויל און פּײַן פֿון מיליאָנען אין די יאָרן פֿון אומקום.

די גוטע ייִדישע מידה פֿון פֿאַרשרײַבן איז בײַ הונדערטער אַסירים אין געטאָס און לאַגערן, אין אָנבליק פֿון אומפֿאַרמײַדלעכן טויט, דער־הויבן געוואָרן צו דער מדרגה פֿון אַ חוב, אָפֿט מאָל פֿאַרבונדן מיט מסירת־נפֿש — איבערלאָזן ראיות פֿאַר דעם יום־הדין, וואָס וועט געוויס קומען... אין טאָגבוך פֿון „שײַער” איז אָבער פֿאַראַן אַ בפֿירושער רמז אויף אַן אַנדערער, אַ גאָר באַשיידענער כּוונה:

רות געפֿינט זיך אונטער דער שוץ פֿון אײדעלע קריסטן, אָבער פֿון אַנדער זײַט שײַער לויערט נאָך אַלץ דער טויט. ערשט איצט, ווען ס׳זענען

פאַראַן אויסזיכטן, דאַרף מען קענען אויסהאַלטן. ס׳איז ניט לײַכט. שוין 232 טעג אַזוי. זי דאַרף עמעצן, אַ געדולדיקן, זי זאָל קענען רעדן, רעדן אָן אויפהער, זיך אויסרעדן פאַר אַזוי פיל מאָנאַטן. — — האָט זי „סוף־כּל־סוף געקראָגן אַ העפט״ (דאָס הייסט: ניט לײַכט איז איר אָנגעקומען), „אפשר וועט דאָס זײַן אַ מיטל גרינגער צו שטופן די טעג״ (דאָס הייסט: רעדן אָן אויפהער, אויסהאַלטן!). איז אונדז פאַרשטענדלעך דער תּמי־מותדיקער זאָג, אַז טייל מאָל קען זי גאָר ניט איבערלייענען אַליין, וואָס זי האָט אָנגעשריבן, אָדער: „איך פאַרטראַכט זיך ניט וואָס איך שרײַב, איך האַק אַגולנע״.

פון דעסטוועגן דערשײַנט פאַר אונדז יעדעס וואָרט, יעדער געדאַנק, ווי געמאָסטן און געוויגן, יעדע אויפפאַסונג טיף דורכגעטראַכט און שאַרפזיניק אינטערפּרעטירט. אַזוי דערציילן דאַרף מען זײַן באַהאַוונט אין די „געבאָטן״ פון שאַפן. איז דער ווונדער נאָך גרעסער: רות איז ניט קיין בקיאה אין שרײַבן. אויף די זײַטלעך פון טאָגבוך חזרט זי איבער בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן, ווי זי וואָלט זיך שעמען פאַר זיך אַליין, אַז איר ייִדיש איז „אַזוי אָרעם״ און אַז ס׳פעלן איר ווערטער. מיר שטויסן זיך אָן אַז ניט ייִדיש איז געווען איר אַרבעטשפּראַך די לעצטע יאָרן פאַר דער קאַטאַסטראָפע. זי האָט געטראַכט, ווײַזט אויס, אַז אין אַן אַנדער שפּראַך וואָלט איר לײַכטער געווען זיך אויסצוטענהן. אָבער פון געטאָ איז זי אַרויס מיט ייִדיש. איז דער זיווג פון ביידנס טאַלאַנטן איר אַנטקעגנגעקומען: איר פערזענלעכע גײַסטיקע רײַפקייט, וואָס האָט געזוכט אויסלייז אין וואָרט, און דער פענאָמען, דאָס ייִדיש לשון, וואָס האָט די אוצרות פאַר איר געעפנט.

דערפאַר זענען אַזוי מערקווערדיק אין רות לייִמענזאָנס טאָגבוך די טרעפלעכע אַסאָציאַציעס, די פינקטלעך צוגעקליבענע ווערטער, עפּי־טעטן און אַפאָריזמען, ווען זי שילדערט די געטאָ־פּורעניותן, אָדער די מענטשן־שאָטנס וואָס רינגלען זי אַרום, — די וואָס האָבן מיט כּבוד געטראָגן אין זיך דעם ייִדישן בטחון און אַזעלכע וואָס האָבן פאַרשוואַרצט דאָס ייִדישע פּנים. מיט אויפריכטיקער שעמעוודיקייט דערציילט זי וועגן די אינטימע פּראָבלעמען אירע אין דער צײַט פון באַהעלטעניש, און די גרויל־עפּיזאָדן פון געטאָ־לעבן ווערן באַגלייט מיט מיושבדיקע אויספירן:

„די פרויען האָבן ניט גערוט, געלויערט, געזוכט [זייערע אַרעסטירטע מענער], אָבער נאָר מיט דער צונג, קיין אַנדערע מיטלען זענען ניט

געוועזן". ווען מען לייגט איר פּאָר צו פאַרראַטן איר פיקטיוון מאַן פאַרן פרײַז פון לעבן, טראַכט זי: „אויך אַ סאָלדאַטסקער יושר — מיך באַ־פרײַען און אַרויסגעבן אים!" „ער האָט ניט באַמיט זײַן עלטער", פאַר־צייכנט זי מיט ביטול וועגן איינעם וואָס האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגעמען זי פון אַרעסט. די ליטווינער הייסן בײַ איר „געשמאַקע כאַפּונעס" און די יידישע פּאָליציאַנטן — „אינטענסיווע אַרבעטערס". און אויף די דײַטשע דראַונגען: — „אין דעם זין האָט מען געמעגט האָבן צו זיי צוטרוי". אָדער: „די דײַטשן וועלן געווינען צי פאַרשפּילן — מיט אונדז זענען זיי געוויס געווונענע". „איך האָב באַשלאָסן אין פּאַסטקע ניט צו קריכן" — ווען יידן האָבן זיך פאַרשריבן אויף עסטאַניע. „קיינער פון די טויזנטער אויסגעהרגעטע האָט געוויס ביזן לעצטן מאָמענט ניט געקלערט, אַז פּאַר אים איז שוין ניטאָ קיין רעטונג". און אין מינוטן פון העכסטער שפּאַנונג: „די אַלע וועלכע איך האָב מיט צוויי טעג צוריק געלאָזן אין געטאָ זענען שוין ניטאָ — און מען זאָגט נאָך אַז ס'איז דאָ אַ גאָט". און ווי אַ פאַרענטפערונג פאַר די „לעסטערדיקע" רייד: „שרײַען, טענהן, ווי די איבעריקע האָבן דאָס געטאָן, בין איך ניט אימשטאַנד".

די סך ציטאַטן ווערן דאָ געבראַכט לאַוו־דווקא כּדי צו אילוסטרירן די מאָלערישע וואָרטניואַנסן — ניט דער בעסטער שבח פאַר אַ דאָקו־מענט פון חורבן און אומקום — דאָס זענען נאָר איינזיקע אויסצוגן פון דעם שטומען דיאַלאָג, וואָס די אויטאָרין פירט מיט זיך אַליין אויף די זײַטלעך פון איר טאָגבוך אין אַן אַטמאָספער פון לעבנס־סכנה. עס גרונ־טעוועט אין אים דער וויטאַלער כּוח, די אינערלעכע גבורה, כאַראַקטע־ריסטיש פאַר אַ היפשן טייל געטאָ־אסירים, וואָס האָט ניט נאָכגעגעבן, ניט רעזיגנירט ביז דער לעצטער מינוט, און צווישן אַלע וועגן וואָס האָבן געפירט צום טויט געפונען דעם איינציקן, צום לעבן.

רות איז מצליח געווען. דעם 4טן יולי 1944 שרײַבט זי אַרײַן אין איר העפט: „איך וויס נאָר, אַז פון לעבן האָב איך נאָך גאָרניט גענאָסן, איך האַלט אַז דאָס לעבן איז מיר אַ גרויסער בעל־חוב, עס וואָלט זיך מיר זייער וועלן, כאָטש אין דער צווייטער העלפט פון מײַן לעבן דעם חוב איינמאָנען". עטלעכע יאָר נאָך דער באַפרײַונג האָט דאָס לעבן אָנגעהויבן צו צאָלן מיט אַ ברייטער האַנט. ניט געווען שוין אָבער בײַ איר מער קיין כּוח, קיין געזונט, צו געניסן פון דעם חסד. אין 1956, נאָך אַ לאַנג

דויערנדיקער קראַנקייט, האָט רות ליימענזאָן אויסגעהויכט איר נשמה. זי איז דאַן אַלט געווען סך־הכל 40 יאָר.

„פאַרשריבן אין אַ שײַער" — דעם נאָמען פאַרן דאָקומענט אין בוכפאָרעם האָט צוגעקליבן די רעדאַקציע — איז אַ גענויע קאָפּיע פון רות ליימענזאָנס כתב־יד. בדרך־כלל איז אָפּגעהיט געוואָרן די שפּראַך פון אָריגינאַל, דער אויטאָרינס פאָלקסטימלעך לשון, ס'זענען ניט צוגע־געבן און ניט געענדערט געוואָרן קיין ווערטער, סײַדן אין באַזונדערע פאַלן, ווען ס'איז אויסגעקומען צו פאַרריכטן גראַמאַטישע אָדער סטיליס־טישע גרײַזן (וואָרט־סדר אין זאַץ א"א), וואָס וואָלטן באַשווערט דאָס לייענען. דאָרט ווו ס'איז ניט געווען קיין פולע זיכערקייט, צי די ווערטער זענען ריכטיק דעשיפרירט, זענען זיי געצומען געוואָרן אין קאַנטיקע קלאַמערן, דאָס גלײַכן דערגאַנצונגען צו ניט־פאַרענדיקטע זאַצן און איינוקע באַמערקונגען אין טעקסט גופא. מיר האָבן אָבער געענדערט די אָרטאָגראַפיע (אַרײַנגעפירט דעם אײנהײַטלעכן יִיווָא־אויסלייג) און אינ־טערפּונקציע, אײַנגעטיילט דעם טעקסט אין אַבזאַצן און מיט דער הילף פון ריווחים — אין פּרקים.

די אויטאָרין איז ניט תמיד מקפּיד געווען אויף דער פּינקטלעכ־קייט פון דאַטעס, פאַמיליעס און פאַקטן, טייל מאָל ווערט אין איין אָטעם דערציילט וועגן טראַגישע געשעענישן וואָס זענען פאָרגעקומען אין פאַרשיידענע צײַטאָפּשניטן. די ניט־פולע פּרטים ווערן באַגלייט מיט הערות, אויפן סמך פון די ביז איצט דערשינענע ווערק וועגן ווילנער געטאָ, מיט אָנווײַזונגען אויפן מקור. צום באַדויערן איז אונדז ניט געלונגען פעסטצושטעלן די ביאָגראַפישע פּרטים וועגן אַ גרויסן טייל געטאָ־אסירים (אָפט זענען אָנגעגעבן נאָר די ערשטע נעמען), וועלכע ווערן דערמאָנט אין טאָגבוך.

דער כתב־יד געפינט זיך אין מוזיי פון „בית לוחמי הגיטאות ע"ש יצחק קצנלסון".

ישראל רודניצקי

ביאָגראַפיע פון רות ענגעלשטערן

רות איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין יאָר 1915. איר פאָטער, דוד ליימענזאָן, איז געווען אַן אַפּטייקער און די מוטער אַן אַקושערין. רות האָט געקראָגן אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלע דערציִונג. זי האָט געמוזט איבער־רײַסן איר אויסבילדונג אין דער ייִדיש־פּוילישער גימנאַזיע „אַשוויאַטאַ" אין ווילנע, ווײַל אירע עלטערן האָבן מער ניט געקענט נאָכקומען דעם הויכן שׂכר־לימוד און איר פריִער יוגנט געמוזט פאַרדינען פאַר זיך.

אַ דאַנק איר פאָטערס געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט אַ פּוילישער הורטפירמע פון קאָסמעטיק און אַפּטייק־אַרטיקלען האָט זי דאָרט געקראָגן אַ שטעלע צו ערשט אַלס ביוראַליסטין און שפּעטער איז איר אָנגעטרויט געוואָרן די פאַרטרעטערשאַפט פאַר דער שטאָט און פּראָווינץ.

איר באַלעבאָס האָט געהערט צו דער רעאַקציאָנערער ענדעקישער פּאַרטיי, במילא איז ער געווען ווײַט צו זײַן אַ אוהב־ישׂראל. צו דער ייִדישער אָנגעשטעלטער האָט ער אָבער אַרויסגעוויזן טאָלעראַנץ און רעספּעקט, משמעות דערפאַר ווײַל רות איז געווען פֿעיִק און נוצלעך פאַר זײַן פירמע.

דער פּאָליאַק און זײַן פרוי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר מענטשן אין אַ צײַט ווען די ווערדע פון מין מענטש איז געווען אַזוי שפּלדיק. אַ דאַנק זיי איז רות ניצול געוואָרן פון פּאָנאַר בעת דער ליקווידאַציע פון ווילנער גיטאָ.

צוויי יאָר פאַר דער 2טער וועלט־מלחמה האָט רות חתונה געהאַט מיט בצלאל טראַקינסקי און איז געווען גליקלעך. דאָס גליק האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט.

אַ פּאָר טעג נאָך דער ברוטאַלער אָקופּאַציע פון די דײַטשן אין ווילנע סוף יוני 1941 ווערט איר מאַן געכאַפּט אין גאַס דורך די ליטווישע

„כאַפּונעס״ און מער האָט זי אים שוין ניט געזען. האַרט פאַר דער ליקווי־דאַציע פון געטאָ אין סעפּטעמבער 1943 געלינגט איר מיט דער הילף פון איר געוועזענער פּוילישער באַלעבאָסטע אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט אַ פּויערישער משפחה אין דאָרף סימאַנאָוווקאָ לעבן שטעטעלע נימענטשין, 20 קילאָמעטער פון ווילנע, ווו זי האָט געפונען אַ באַהעלטעניש אין אַ שײַער. געלעגן דאָרט אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען, צו מאָל טעג ניט געהאַט אַ ביסן אין מויל, אַ דאָרשטיקע.

איר גורל איז געווען צו בלײַבן לעבן ווי אַן איינציקער עדות פון איר אומגעבראַכטער משפחה. אַ צעבראָכענע, מיט אָפּגעפרוירענע פיס, נאָך אַ קנאַפּן יאָר ליגן אין שײַער האָט זי דערלעבט די באַפרײַונג און זיך צוריקגעקערט אין ווילנע.

ניט געווען קיין נאָענטער מענטש די ערשטע טעג אין דער אויס־געליידיקטער און חרובער יידישער ווילנע, איז זי געווען גליקלעך איין טאָג צו טרעפן דעם לאַנג־יאָריקן חבר פון איר מאַן.

אויף דעם פאַרלעצטן זײַטל פון טאָגבוך, אין וועלכן רות האָט פאַר־צייכנט טעגלעך אַ בלעטל, איז דאָ אַ קורצער פּאַראַגראַף, וואָס לייענט זיך אַזוי:

„17טער יולי 1944. ...עס דריקט מיך אַ שווערקייט, ווי טרעט מען אַרײַן פון דאָס נײַ אין דעם לעבן? עס שרעקט מיך די עלנטקייט. ווו גיין? וואָס טאָן? עס וועלן זיך אפשר געפינען באַקאַנטע, פרײַנט. עס איז אָבער ניט דאָס. מיר איז באַקאַנט דאָס געפיל פון זײַן צווישן מענטשן און פילן זיך איינזאַם. איך דאַרף ניט קיין סך. איך דאַרף נאָר איינעם״.

מיר האָבן זיך אומגעריכט געטראָפן אויף איינער פון די חרובע ווילנער גאַסן אין 1944. זי האָט מיך באַטראַכט פאַר דעם סאַמע נאָענטסטן. ס׳איז געווען נאַטירלעך. מיט איר מאַן צלאל בין איך געווען חבר נאָך פון שולבאַנק.

אין אַפּריל 1945 האָבן מיר פאַרלאָזט ווילנע און נאָך חדשים וואַנ־דערן האָבן מיר אָנגעשפּאַרט אין דער פרײַער זוניקער איטאַליע, ווו מיר זענען געבליבן שטעקן אין אַ פּליטים־לאַגער אין רוים. פאַר דער צײַט זענען מיר באַגליקט געוואָרן מיט אַ זון און אים אַ נאָמען געגעבן נאָך רותס פאַרשניטענעם פאָטער דוד.

די לאַגער־באַדינגונגען זענען געווען ווײַט פון צו זײַן אידעאַלע פאַר

אַ פֿאַמיליען־לעבן. רות איז אָבער געווען צופֿרידן און געלעבט מיט האָפֿענונג אָנצוהייבן אַ נאָרמאַל לעבן. זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין כּוח אויפֿצונעמען דאָס פֿאַמיליען־גליק אין די געגעבענע באַדינגונגען. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּרופֿן די רעזולטאַטן פֿון דעם שווערן ווינטער אין שײַער, געמוזט צוויי מאָל אַרײַנגיין אין שפּיטאָל, דורכמאַכן צוויי אָפּעראַציעס, זיך דערהאַלטן אין דער דזשאָינט־סאַנאַטאָריע.

סוף 1949 זענען מיר אָנגעקומען אין דער „גאָלדענער מדינה״ און מיט דער הילף פֿון מײַן ברודער און רותס קרובים האָבן מיר אָנגעהויבן אונדזער באַנײַט לעבן אין ניו־יאָרק.

ווי אַ זעצער האָב איך באַלד געקראָגן אַרבעט אין דער ייִדישער צייטונג „טאָג״ און פֿאַרדינט גענוג אויף צו לעבן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז צוזאַמען מיטן נאָרמאַלן לעבן־סדר וועט רות ווערן שטאַרקער אין אירע כּוחות און וועט פֿאַרגעסן פֿון אירע מיחושן.

אין 1953 האָט רות געקראָגן די ערשטע שווערע אַטאַקע און זיך צוזאַמענגעבראָכן. מיר זענען דאַן געשטאַנען אויף דאַטשע אין די קעטס־קיל־בערג. פֿון דאַן אָן האָט זי אָנגעהויבן צו באַקומען הילף בײַ ספּעציאַליסטן־דאָקטוירים, דורכגעגאַנגען כּסדרדיקע בדיקות. אין 1954 האָט זי דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע, געלעגן וואָכן אין שפּיטאָל. ביסלעכווײַז האָט זי זיך דערהוילט, איבערגענומען די באַלעבאַטישקייט אין שטוב און די דערציִונג פֿון קינד, וועלכער איז שוין געווען אין שולעלטער.

נײַן חדשים שפּעטער האָט זי ווידער געמוזט אַרײַנגיין אין שפּיטאָל, וווּ זי איז געלעגן 3 חדשים און זומער 1955 האָט זי אויסגעהויכט דאָרט איר לעצטן אָטעם, אין עלטער פֿון 40 יאָר.

די אַלע יאָרן האָב איך אָפּגעהיט די העפֿט, געוואָלט האַלטן בײַ זיך ביז דער זון מײַנער דוד וועט ווערן רײַף גענוג, צו קענען לייענען אוּן, דער עיקר, פֿאַרשטיין וואָס זײַן מאַמע האָט איבערגעלעבט. שפּעטער אַ ביסל איז בײַ מיר אויפֿגעקומען דער געדאַנק צו באַזעצן זיך אין ישראל און אָפּגעבן דאָס טאָגבוך דאָרט וווּ עס באַדאַרף זיך געפֿינען.

איצט, 4 יאָר נאָך מײַן עליה איז געקומען די צײַט צו פֿאַרעפֿנטלעכן דעם דאָקומענט.

לייזער ענגעלשטערן
אָקטאָבער 1972

סוף־כּל־סוף געקראָגן אַ העפט צום שרײַבן, אַ בלײַפעדער פאַרמאָג איך. כ׳וועל פּרוּוון, אפשר וועט דאָס זײַן אַ מיטל גרינגער צו שטופּן די טעג. שווער קומט דאָס מיר אָן. גלײַך ווי ס׳ווערט טאָג איז מײַן ערשטער געדאַנק: ווי דערוואַרט מען ער זאָל זיך ענדיקן. כ׳האָב דעם אײַנדרוק, ווי כ׳וואָלט דאַרפן שטופּן אַ שיפל קעגן שטראָם. ביז בײַ נאַכט ווער איך טאַקע אַזוי מיד, ווי כ׳וואָלט געטאָן די שווערסטע אַרבעט. איך שטופּ שוין אַזוי דעם 232סטן טאָג. ס׳שרײַבט זיך גרינג, אַרויסזאָגן זיך איז אויך גרינג, אָבער אָפּזיצן 232 טעג אין אַ שײַער, אײַנגעגראָבן אין שטרוי, ניט אַרויסקריכנדיק פון לאָך, דאָס איז שוין עטוואָס אַנדערש.

אמת, מײַנע באַדינגונגען האָבן זיך עטוואָס פאַרבעסערט. ערשטנס איז פרילינג, הײַנט איז 15טער מײַ 1944. ביז מיט עטלעכע טעג צוריק איז נאָך אַלץ געווען קאַלט. אָבער הײַנט דאַרף איך שוין ניט ציִען דעם פעלץ פון אַלע זײַטן און זוכן אַ מיטל ווי זיך אײַנצואָרדענען, אַז דער ווינט זאָל ניט האָבן קיין שפּעלטעלע צו מיר צוצוקומען. צווייטנס, אין מײַן איצטיקער לאָך האָב איך אַ מעגלעכקייט אויך צו זיצן, ניט ווי פריִער — בלויז ליגן פאַרשאָטענערהייט. אויך קומט דאָ צו אַ ביסל די שײַן.

דורך אַ שפּעלטעלע זע איך אַ שטיקל הימל, ווי די הינער שפּאַצירן אין סאַד, אויך ווי די קריסטן גייען אַרום פון שטוב צום שײַער און צוריק. — אַלץ זאַכן וואָס ביז אַהער האָב איך ניט געהאַט.

איין זאַך האָב איך נאָך אַלץ ניט געפועלט, אַרומוואַשן זיך. 147 טעג זיך ניט געוואַשן, אַפילו דעם פּנים ניט. די הענט וואַש איך פון אַ פלעשל וואַסער, און דאָס — ניט שטענדיק האָב איך אַפילו דאָס

ביסל װאַסער. דעם לעצטן מאָל האָב איך זיך אַרומגעװאַשן זײַענדיק בײַ דער קריסטין [1] אין שטוב. יענע צײַט קען איך פֿאַררעכענען פֿאַר די בעסטע, זײַט מײַן זײַן אויפֿן דאָרף.

דעם 5טן דעצעמבער 1943 איז געװען אַ קאַלטער װינטערטאָג. בײַ מיר איז פֿון װינט געשװאָלן געװאָרן אַ באַק, כ׳האָב זיך שטאַרק צוגע־קילט. די קריסטן האָבן שוין ניט געקענט צוזען װי איך פֿריר און זײ האָבן מיך אַרײַנגענומען אין שטוב. מען האָט מיר געגעבן אַ װינקל הינטער אַן אויװן. ס׳איז געװען װאַרעם װי אין אַ באָד. אמת, כ׳פֿלעג דאַרפֿן זיצן שעהען לאַנג װי אַ לײמענער גולם. נאָר װען ס׳פֿלעגט ניט זײַן קײן פֿרעמדער פֿלעג איך זיך מיט זײ דורכשמועסן, זיך דורכשפּאַ־צירן איבערן צימער, ניאַנטשען דאָס קינד. כ׳האָב אָבער געשפּירט, אַז דאָס איז צו גוט און לאַנג קען דאָס ניט דויערן.

אַזוי איז טאַקע געװען.

ס׳איז געקומען צו זײ אַ יונגער מאַן, זײער אַ באַקאַנטער, אַ ניע־מענטשינער [2], כ׳װײס אַפֿילו ניט די פֿאַמיליע, נאָר דעם נאָמען, אַליאַש, און מען האָט אונדז בײדן אַריבערגעטראַנספּאָרטירט אין שטאַל. דאָ האָבן מיר גלײַך אויפֿן צװײטן טאָג געהאַט אַ דורכפֿאַל. דעם 22סטן דע־צעמבער זענען אַהער אַרויף צװײ בורלאַקעס [3] און מיט פֿײַער האָבן זײ װאָס געזוכט, איך רעכן, אַז צום גנבענען. דערזעענדיק אונדז זענען זײ אַראָפּ און געמאַכט אַ טומל: „זשידי סידיאַט״[4]! מיר זענען אַנטלאָפֿן

---

[1] די פֿאַמיליע פֿון דער קריסטין איז סיענקעװיטש. אויף דער לעצטער זײַט פֿון טאָג־בוך איז פֿאַרשריבן דער אַדרעס.

[2] ניעמענטשין — אַ קלײן שטעטל, עטלעכע און צװאַנציק קילאָמעטער פֿון װילנע.

[3] רוסיש. פֿאַדריאַד־אַרבעטערס (מיט יאָרן צוריק, אויף דער װאָלגע), װאָס האָבן מיט דער הילף פֿון שטריק, א״ג ליאַמקעס, אײַנגעשפּאַנטע אין זײ, איבערגעשלעפּט אָנגעלאָדענע באַרקעס מיטן טײַכשטראָם. דאָ װערט געמײנט, װאַרשײַנלעך (פֿיגוראַ־טיװ), באַטראַקעס, שלעפּערס.

[4] רוסיש. ייִדן זיצן [דאָ].

אין וואַלד. ס׳האָט זיך געטומלט. מען איז געגאַנגען ניט ווײַט פון אונדז הין און צוריק. הינט פון דערבײַ האָבן געבילן. קענטיק, מען האָט אונדז געזוכט. מיר זענען אָפּגעשטאַנען בײַ אַ בוים אַ היפּשע צײַט ביז ס׳האָט זיך אײַנגעשטילט. איך, ניט האָבנדיק קיין ברירה, בין אַוועק צו די זעלבע קריסטן, אָבער שוין אין שײַער. ער [אליאַש] איז אַוועק אַנדערש ווו. וואָס מיט אים איז געוואָרן האָב איך ניט קיין אַנונג. ס׳גייען אַרום קלאַנגען, אַז מען האָט אים דערהרגעט. מיר ווילט זיך ניט גלייבן. כ׳וואָלט זייער ווען מיט אים זיך טרעפן, כאָטש ווער ווייס וואָס ס׳קען נאָך מיט מיר אַליין טרעפן. דער מענטש באַהאַלט זיך פון ערשטן טאָג ווי די דײַטשן זענען אַרײַן. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך אַ היפּש ביסל אָנגעמאַטערט.

מײַן באַלעבאָסטע האָט שוין מורא געהאַט מיך צו האַלטן אַפילו אין שײַער. זי האָט געהאַט אָפּגעדונגען אַ פרעמדן שײַער. זי האָט דאָרטן געהאַלטן אויך עטלעכע בהמות און פלעגט קומען דרײַ מאָל אַ טאָג זיי געבן עסן. די באַלעבאָסטע פון שײַער האָט ניט געטאָרט וויסן, אַז איך געפין זיך דאָרט. אַזוי בין איך אָפּגעזעסן פון 24סטן דעצעמבער 1943 ביזן 27סטן מערץ 1944, 95 טעג. איך ווייס ניט וואָס ס׳שטייט מיר נאָך פאָר, נאָר דערווײַל קען איך זיכער דאָס פאַררעכענען פאַר די ערגסטע צײַט. כאָטש דער ווינטער איז געווען אַ מילדער, איז ער פאַר מיר געווען דער שטרענגסטער פון מײַן גאַנצן לעבן. אויב ס׳עקסיס־טירט אַ גיהנום, איז קיין בעסערן דאַרף מען ניט. דער ווינט פלעגט בלאָזן פון אַלע זײַטן. וואָס איך האָב נאָר געהאַט פלעג איך אויסנוצן אויף צוצודעקן זיך, אַפילו די קאַלאָשן און דאָס פלעשל. כ׳פלעג דאָס אַוועקלייגן אויף די פיס עס זאָל זײַן נעט און אַליין זיך ניט רירן, — אַ קנאַפּער מיטל! ס׳פלעגט מיך טאַקע דורכנעמען ראַיעל. די גאַנצע 95 טעג האָב איך ניט געהאַט אַפילו קיין ביסל הייסע וואַסער, געווען נאָר אויף טרוקענע און אַ פלעשל מילך. אָפט מאָל פלעגט דאָס מילך פאַרפרוירן ווערן, פלעג איך עס אָפּוואַרעמען בײַ זיך אונטערן פעלץ. ס׳פלעגט אויך טרעפן, אַז מען האָט גאָר אין גאַנצן ניט געקענט וואָס

דערלאַנגגען. בין איך טאַקע ניט איין טאָג אָפּגעלעגן אַ הונגעריקע אָדער זיך געמאַטערט פון דאָרשט, שטענדיק אין שרעק, מען זאָל מיך ניט אַנטדעקן. אַ פּאָר מאָל געהאַט אמתע טויטשרעק.

איין מאָל זענען אָנגעגאַנגען אַ פּולע גומנע [5] מענטשן, העלפן דער באַלעבאָסטע מלוטשענען [6]. אַ שייגעצל איז אַרויפגעקראָכן [אויפן סטויג היין] אויף מײַן זײַט און האָט אויסגעשריִען: „דאָ מוז עמעצער זיצן!". צום גליק האָט קיינער ניט געלייגט קיין אַכט אויף זײַנע רייד און מען האָט אים אַראָפּגערופן. מיר האָט זיך, פּשוט, אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ. ס'האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אַרײַנצורוקן זיך טיפער צום וואַנט, אַזוי אַז מײַן לאָך איז געבליבן פרײַ. דער שייגעץ האָט אָבער ניט גערוט. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער ווידער אַרויף, געגראָבן מיט אַ גראַבליע, האָט מיך אָבער ניט געפונען. איך בין אָפּגעלעגן אַ גאַנצן טאָג אין פיבער, ביז זיי זענען אַוועק.

אַ צווייטן מאָל — בין איך געווען אַרויסגעקראָכן פון מײַן לאָך, אמת, געזעסן אויף מײַן זײַט, פאַרשטעלט מיט היי. ס'איז ווידער געקומען אַ פרעמדער העלפן דעם באַלעבאָס. דאָס מאָל איז ער אָבער אויף מײַן זײַט ניט געקראָכן, מיר האָט עס אָבער ווידער געקאָסט אַ היפּש ביסל געזונט. זיי וואָלטן מיך טאַקע ניט דערהרגעט, מען וואָלט מיך אָבער אַרויסגעטריבן און ס'וואָלט געוואָרן אַ טומל. דאַן וואָלט שוין מײַן קריס־טין מיך ניט צוגענומען. כ'האָב זיך אַזוי אויך מיט איר געהאַלטן אויף הינערשע פּיסלעך. אַלע ווײַלע פלעגט זי מיר נײַס ברענגען: דאָ האָבן פּאַרטיזאַנער געפונען אַ ייִד, אים דערהרגעט און די באַלעבאַטים צע־שלאָגן; דאָרט האָבן אוקראַיִנצעס געמאַכט אַ רעוויזיע, און שטענדיק עפּעס ענלעכס. דערצו פלעגט קומען אַ צוגאָב, — אַז זי וויל מיך שוין מער ניט האַלטן, אַז מער ווי דרײַ מאָנאַטן האָט זי קיינעם ניט געהאַלטן, און וואָס האָט זי דערפון און צו וואָס דאַרף זי דאָס, און פלעגט מיר

---

[5] רוסיש. שײַער.
[6] פּויליש. דרעשן.

אָפּזאָגן אַ גאַנצן מיזמור: זי וועט בעטן מיטיען [7], ער זאָל מיר געפֿינען אַן אָרט, אָדער זי וועט מיר געפֿינען, אפֿשר אין אַ שטוב.

איך האָב זיך אָבער געשטעלט פֿאַר אַ ציל פֿון איר ניט אַוועקצוגיין. ס'איז אַ קריסטין וואָס האָט שטענדיק געהאַלטן ייִדן, איז זי שוין צוגעוווינט און ווערט ניט נתפּעל פֿון קיינע מעשׂות. חוץ דעם וויל איך ניט מען זאָל מיך זען אין דאָרף, אַזוי איז גרינגער זיך אויסצובאַהאַלטן. פֿלעג איך ענטפֿערן מיט מײַנעם אַ מיזמור: גאָט וועט איר אָפּצאָלן פֿאַר אַלץ וואָס זי טוט פֿאַר מיר, גאָט וועט זי באַשיצן פֿון אַלע צרות, גאָט וועט געבן אַז זי וועט חתונה מאַכן די טאָכטער און האָבן פֿון איר נחת, — איר שוואַכקייט.

ווי אַלע קריסטן, איז זי פֿאַנאַטיש פֿרום. דערצו האָט עטלעכע מאָל פּאַסירט, אַז בײַ אַרומיקע שכנים האָבן פּאַרטיזאַנער צוגענומען זאַכן, פֿערד און בהמות. זי איז ביז הײַנט אָפּגעקומען מיט קלייניקייטן. קענטיק, זי גלייבט אַז גאָט באַצאָלט איר פֿאַר מיר. אין אַזאַ פֿאַל קריג איך גלײַך אַ יום־טובדיקן עסן.

איין מאָל האָבן פּאַרטיזאַנער גענומען בײַ זיי אַ פֿערד און צוגעזאָגט אָפּצופֿירן. ס'זענען אַריבער אַ פּאָר טעג, זיי האָבן שוין דעם פֿערד באַוויינט. מען האָט אים אָבער געבראַכט. גלײַך האָט זי מיר אַרויפֿגעשיקט אַ יום־טובדיקן מיטאָג. פֿלעג איך איר טאָקע זינגען אין גאָטס נאָמען: אויב ס'ווענדט זיך אין מיר, איז מיר גוט און וויל און קיין בעסערס פֿאַרלאַנג איך ניט. איך וויל בעסער זײַן לעבן איר אין אַ שײַער, איידער בײַ פֿרעמדע אין אַ שטוב. דאָס פֿלעגט איר אימפּאָנירן. אויף מאָרגן פֿלעגט זי אויסקרימען דאָס פּנים אין אַ שמייכל און דערלאַנגען מיר אַ שטיקל ברויט און סלאָנינע [8] מיט אַן איי, — דער בעסטער באַווײַז, אַז דאָס איז זי שוין צו מיר גוט.

אַזוי האָט זיך געצויגן, ביז זי האָט אויסגעניצט דאָס גאַנצע היי.

---

[7] דער קריסטינס זון.

[8] פּויליש. חזיר־שמאַלץ.

און ווידער אַלץ פֿון אַ נײַס. צו זיך וויל זי מיך ניט צונעמען. דאָס מאָל האָב איך זיך ניט אײַנגעשטעלט, איך וועל אַוועקגיין. דערנאָך אָבער האָט זי מיר געהייסן קומען. ס׳האָט מיך געשראָקן דער איבערגיין, צי וועל איך טרעפֿן?

דעם 27סטן מערץ [1944] אין אָוונט האָב איך זיך אַרויסגעגנבעט. די פֿיס האָבן זיך געבויגן, דער קאָפּ האָט זיך געדרייט. דערגאַנגען בין איך בשלום, גלײַך אָבער אויף מאָרגן האָב איך געהאַט אַ דורכפֿאַל. דער אַלטער טאָר ניט וויסן, אַז איך געפֿין זיך דאָ. גראָד האָט ער מיך גע־פּאַקט. ער האָט נאָך געבראַכט די קאַלכאָזניצע, וואָס איז געווען בײַ זיי, און זיי האָבן פֿעסטגעשטעלט, אַז עמעצער געפֿינט זיך דאָ. איך בין געזעסן אַ צעשראָקענע. זיי, ניט וויסנדיק ווער דאָס איז, האָבן אויך מורא געהאַט צוצוגיין נענטער. ס׳איז געקומען די קריסטין אַ דענער־ווירטע. כ׳האָב זי באַרויקט, אַז איך גיי אַוועק. איך בין טאַקע אַוועק אין דערבײַיקן וועלדל, זיך באַהאַלטן אונטער אַ בוים. ס׳איז געווען אָנגע־שנייט און ס׳איז געפֿאַלן אַ געדיכטער שניי. וווּ צו גיין האָב איך ניט געהאַט קיין אַנונג. ניט איך ווייס די וועגן, ניט איך קען קיינעם. כ׳האָב זיך אָבער גאָרניט אַרײַנגעטראַכט, זיך אַוועקגעשטעלט און געשטאַנען. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט די קריסטין געשיקט אָנזאָגן אַז אין אָוונט זאָל איך קומען צוריק. פֿאַר נאַכט האָט זי מיר נאָך צוגעשיקט אַ פֿלעשל הייסע מילך. קענטיק, אַז מײַנע לעקציעס אין גאָטס נאָמען ווירקן.

זי האָט מורא פֿאַר גאָט. זיי האָבן אויך אַלע צו מיר מיטלײַד. ס׳האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו געפֿינען בײַ זיי חן. די יונגוואַרג האָב איך אויך אונטערגעשמירט, „ניע פּאַמאַזשעש, ניע פּאָיעדיעש“ [9]. איך האַלט, אַז אויך מײַן קאָנטאַקט מיט מײַנע שטאָטישע קריסטן האָט וואָס

[9] רוסיש. „וועסט ניט שמירן, וועסטו ניט פֿאָרן“.

צו זאָגן, זיי זעען, אַז אינטעליגענטע קריסטן אינטערעסירן זיך מיט מיר, בין איך אויך אין זייערע אויגן אַ ביסל דערהויבן.

פון יענעם טאָג זענען שוין אַוועק נײַע 50 טעג. אין צווישנצײַט איז שוין געווען נאָך אַ מעשׂהלע. פּאַרטיזאַנער האָבן דערהרגעט עטלעכע דײַטשן אין דער געגנט, האָט מען זיך געריכט אויף רעוויזיעס. פֿאַר־שטייט זיך, די ערשטע כּפּרה בין איך. אָבער דאָס מאָל האָט זיך אָנגעגע־נומען פֿאַר מיר איר זון: „לאָז זי צו רו, וווּ וועט זי גיין?" צופעליק האָב איך עס געהערט. אין אַלגעמיין זענען זיי אַלע זייער ווילע און מיר האָט זיך מיט זיי באמת אײַנגעגעבן.

שטייענדיק אין וועלדל האָב איך זיך דערמאָנט ווי מיט 6 מאָנאַטן צוריק, דעם 27סטן אויגוסט 1943 בין איך דאָ געשטאַנען, — דאַן האָט מען זיך אויך ניט געקענט זעצן, ס'איז געווען נאָך אַ גרויסן פּליוך־רעגן, — אין דעם זעלבן וועלדל, אַפילו אויף דעם זעלבן אָרט, פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט און געוואַרט אויף די זעלבע קריסטן.

פון געטאָ בין איך אַרויס דעם 12טן אויגוסט 1943 [10]. ווי שווער דאָס איז מיר אָנגעקומען! די יידישע פּאָליציי האָט געקראָגן אַ באַפעל שטרענג צו היטן, מען זאָל ניט אַרויסגיין. האָט מען כּמעט אַלע מאַלינעס פאַרמויערט. אַ וואָך צײַט בין איך ניט געשלאָפן גאַנצע נעכט, געזוכט אַן אָרט אַרויסצוגיין. אַט־אַט גיי איך שוין אַרויס, און רק עס פּלעגט זיך פאַרהאַקן, ביז אַ יידישער פּאָליציאַנט האָט אויף מיר געמסרט אין געטאָ־קאָמיסאַריאַט, אַז כ'האָב פאַרגעלייגט געלט מען זאָל מיך אַרויסלאָזן. האָט מען מיך אַרעסטירט, אויך אָנגעמאַכט אַ היזק. אין קאָמיסאַריאַט בין איך געזעסן אין גאַנצן אַ פאַרצווייפלטע. כ'האָב געקלערט, אַז דאָס איז שוין דער סוף, אַז איך וועל שוין ניט קענען אַרויס. איך בין געווען

---

[10] אַ קאַרגן חודש פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ. דעם 6טן אויגוסט זענען אַרויס־געשיקט געוואָרן קײַן עסטאָניע (אין ווייוואַרי) די ערשטע טויזנט יידן.

דאַן גרײט אָװעקצוגעבן אַלץ, נאָר מען זאָל מיך אַרױסלאָזן. כ׳האָב געשפּירט לױט אַלע האַנדלונגען, לױט דער אָנגעשטרענגטער לאַגע, אַז די געטאָ איז אױף טעג. אױף דעם מאָמענט האָב איך זיך געריכט פֿון ערשטן טאָג זײַן אין געטאָ. איך פֿלעג שטענדיק זאָגן, אַז די פּאָליטיק גײט מיר װייניק אָן, װײַל צי די דײַטשן װעלן געװינען צי פֿאַרלירן, — מיט אונדז זענען זײ זיכער געװונענע. אונדז װעט מען פֿאַרניכטן אין גאַנצן. די אַרומיקע פֿלעגן װערן אין כּעס. לוצקיכע האָט זיך מיט מיר אַפֿילו אױף אַן אמת צעקריגט. „סטײַטש, זײַן אַזױ פּעסימיסטיש און זען אַלץ אין שװאַרצע פֿאַרבן!״ — װאָס מען האָט ביז איצט אױסגעהרגעט טױזנטער מענטשן, איז נאָך קענטיק אַ קנאַפּער באַװײַז. „נײן, אונדז דאַרף מען האָבן, די געטאָ שטײט אױף אַ הױכער מדרגה, די דײַטשן האַלטן זי אין אײן לױבן, מען האָט אַרײַנגעפֿירט נײַע מאַשינען, אַלע װאַרשטאַטן זענען טעטיק, ס׳גײט אַ פּראָדוקטיװע אַרבעט...״ איך פֿלעג אָבער בלײַבן בײַ מײַן מײנונג און שטענדיק קלערן, אַז איך װעל זיצן אין געטאָ ביזן ענדע, אין לעצטן מאָמענט זיך מיִען צו אַנטלױפֿן. כ׳האָב גוט פֿאַרשטאַנען, אַז זײַן אױסערן געטאָ איז אױך אַ קנאַפּער פֿאַרגעניגן. די הױפּטזאַך — אױסװאַרטן דעם מאָמענט.

זיצנדיק אין קאָמיסאַריאַט האָב איך געקלערט: קענטיק, שױן צו שפּעט. פֿאַרפֿאַלן, ס׳װילט זיך טאַקע שטאַרק איבערלעבן. מיט װאָס בין איך אָבער בעסער פֿון טױזנטער?

אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען מיך אַרױסגעלאָזן. אױף דעם טאָג האָב איך װידער געהאַט אָפּגערעדט אַרױסצוגײן. אין אָװנט האָט מיך אַ יונגער מאַן אַװעקגעפֿירט אין אַ שטוב, דאָ האָט מען מיך אַרױפֿגעלאָזט אױף אַ לײטער אין אַ קראָם, ס׳איז געװען אַ מאָל תּרשישעס גאַלאַנטעריע־קראָם, ראָג שפּיטאַלנע און זאַװאַלנע, דורך דאַנעט האָב איך געזאָלט אַרױסגײן. — װידער דאָס זעלבע. מען קען ניט אַרױסגײן. ס׳דרײען זיך אַרום אױפֿן גאַס פֿיל ליטװינער. מיר האָבן געקוקט דורך אַ שפּעלטל אַ לאַנגע צײַט. אוממעגלעך. אָט האָט אַ ייִד אַרײַנגעװאָרפֿן דערבײַ אין אַ לאָך אַ זאַק קאַרטאָפֿל. ליטװינער לױפֿן אַרום אים

זוכן, ווי דעם גרעסטן פאַרברעכער. איך בין ווידער געבליבן. כ׳האָב באַשלאָסן ניט אַוועקצוגיין און וואַרטן אויפֿן פרימאָרגן.

4 אַ זייגער פאַר טאָג האָט מען מיך סוף־כּל־סוף אַרויסגעלאָזן. איך בין אַרויס אויף זאַוואַלנע גאַס. ס׳איז נאָך געווען פינצטער. אויפֿן גאַס קיין נפש. מען האָט געטאָרט גיין נאָר פון 5 אַ זייגער. מײַן צו־שטאַנד קען פאַרשטיין נאָר אַזאַ וואָס האָט דאָס אַליין איבערגעלעבט. אַרויסגיין אויף אַ פרײַער גאַס, ניט האָבן פאַר זיך אויף יעדן טריט און שריט אַ הויכן פאַרקאַן, פאַרצאַמונגען, און גלײַכצײַטיק זײַן גרייט, אַז יעדע מינוט קען אַ ליאַדע ווער, דער קלענסטער שטשעניאַק [11] אָפּ־האַלטן — דאָס איז אַ זיכערער טויט.

איך בין אַדורך ווינגרי און אַרויף אויף גרויס־פּאָהולאַנקע. די טויערן און די לאָדנס זענען נאָך געווען געשלאָסן. כ׳האָב זיך געמוזט דרייען איבער די גאַסן. ס׳האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אַרײַנצוגיין אין בלאָק פון „קײַליס" [12]. זיי פלעגן קיין פרעמדע ניט אַרײַנלאָזן. דאָ האָב איך גע־קויפט אַ שטיקל וווּרשט און ברויט און צוגעביסן. פאַר די לעצטע וואָך האָב איך זיך שטאַרק אויסגעהונגערט. אַ זייגער 8 בין איך אַוועק צו מײַן קריסטין. אין געטאָ האָב איך אָפּגערעדט מיט איינעם אַ בויווידזער [13], שלמה שקאָלניק, און מיט די שניידמאַנס, עלטשיק און רחלע, אַז מיר

---

[11] פּויליש. צוציק (פיגוראַטיוו).

[12] ליטוויש. טײַטש : פּוטער. צוויי אַרבעטער־בלאָקן מחוץ דער געטאָ, אויף שעפּטיצקע־גאַס, אין וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען די ייִדישע אַרבעטערס מיט זייערע משפּחות, באַשעפטיקטע אין דער פּוטער־פאַבריק „קײַליס". פאַרבליבן חי אַן אַרבעטס־לאַגער אויך נאָך דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ. ליקווידירט דעם 2טן און 3טן יולי 1944, 10 טעג פאַר דעם אַרײַנמאַרש פון דער רויטער אַרמיי. ד״ר מ. דוואָרזשעצקי גיט אָן אין זײַנע זכרונות פון ווילנער געטאָ (ירושלים דליטא אין קאַמף און אומ־קום. פּאַריז, „פאָלקס־פאַרבאַנד", 1948, ז׳ 474), אַז די צאָל ייִדן אין „קײַליס" און ה.ק.פּ. (זען ווײַטערדיקע הערות) איז נאָך דער געטאָ־ליקווידאַציע דערגאַנגען צו 1.500 אין יעדן פון די לאַגערן. גרעסטעוועס האָבן זיך עטלעכע צענדליק.

[13] בויווידז — ווײַזט אויס, אַ שטעטעלע אין ווילנער קאַנט. אין בלעטער וועגן ווילנע, אַרויסגעגעבן פון פאַרבאַנד פון ווילנער אין פּוילן, לאָדזש, 1947, ז׳ 77, איז אָנגע־געבן, אַז צווישן דער שארית־הפּליטה פון דער ווילנער אומגעגנט זענען פאַר־רעגיסטרירט 4 בויווידזער.

װעלן צוזאַמען גײן אין דאָרף. איך האָב געזאָלט אָפּרעדן מיט אַ קריסטין, װעלכע זײ האָבן מיר אָנגעגעבן, אַז זי זאָל אונדז דערװאַרטן און אַװעק־פירן. מײַן קריסטין איז טאַקע גלײַך אַװעקגעפאָרן אַהין. יענע האָט זיך קאַטעגאָריש אַנטזאָגט, זי האָט מורא. מײַנע האָט מיר אָבער צוגעזאָגט, אַז זי װעט מיר אַזאַ מענטש באַזאָרגן.

איצט דאַרף איך דאָס אָנזאָגן אין געטאָ. פֿאַרשטײט זיך, אַז איך האָב זײער מורא געהאַט צו גײן. נאָר ס׳העלפֿט ניט, איך װײס דאָך גוט, װאָס דאָס הײסט אין געטאָ װאַרטן אויף אַ ידיעה פֿון שטאָט, בפֿרט אין אַזעלכע אומזיכערע טעג. בין איך טאַקע אין אָװנט, דעם זעלבן טאָג, אַװעק. כ׳בין צוגעגאַנגען אויף פּאָליצײ־גאַס צו ישׂראליקס פֿענצטער און כ׳האָב געװאָלט אַרײַנרוקן דעם צעטל דורך אַ לעכל אין לאָדן, װי מיר האָבן אָפּגערעדט. פּונקט אַנטקעגן איז געשטאַנען אַ גרופּקע מענטשן. זײ האָבן זיך אַזױ װי צוגעקוקט אויף מיר. ס׳האָט מיר אָנגענומען אַזאַ מין שרעק, אַז כ׳האָב שוין דעם צעטל ניט געקענט אַרײַנװאַרפֿן. כ׳האָב זיך געלאָזט גײן צוריק. געגאַנגען בין איך מיט אַ נאָרמאַלן גאַנג, ניט לױפֿנדיק און ניט אומקוקנדיק זיך. דאָס האַרץ האָט מיר אָבער שטאַרק געקלאַפּט. ס׳איז מיר אויסגעקומען, אַז די גאַנצע װעג שפּירט מען מיך נאָך. קוים אַ לעבעדיקע בין איך אַרײַנגעפֿאַלן צו דער קריסטין אין שטוב. פֿון אויפֿרעגונג האָב איך זיך פֿונאַנדערגעװײנט. דעם צעטל דאַרף איך אָבער פּאָרט איבערגעבן! בין איך אויף מאָרגן פֿרי װידער אַװעק, נאָר שוין מיט מײַן קריסטין. דאָס הײסט, זי איז געגאַנגען פֿאָרױס, איך פֿון הינטן, װי באַזונדער.

בײַ דער געטאָ איז דעם פֿרימאָרגן געװען אַ מאָדנע שטילקײט, װי הינטער די פֿאַרמױערטע װענט װאָלט גאָר קײנער ניט געװען. בײַם טױער איז געשטאַנען אַ ייִדישער פּאָליציאַנט. אָרום איז קײן װאָך ניט געװען. כ׳האָב טאַקע געקלערט, װאָס באַטײַט די טױטע שטילקײט? איך האָב דער קריסטין אָנגעװיזן דעם פֿענצטער, זי האָט אַרײַנגערוקט דאָס צעטל און איז געבליבן װאַרטן אויפֿן גאַס אויף אַן ענטפֿער. איך האָב זיך ניט געװאָלט אַרומדרײען, בין איך אַװעק צו איר אין שטוב.

זי האָט מיר געבראַכט אַן ענטפער, זיי שרײַבן מיר, אַז הײַנט, דאָס איז געווען מיטוואָך, דעם 22סטן אויגוסט 1943 [14], איז אין געטאָ ניט רויִק, קיינער ווייס ניט וואָס און ווען, ס'איז ענלעך ווי דעם לעצטן שבת.

יע, דעם שבת געדענק איך גוט. איך האָב אים איבערגעלעבט צוזאַמען מיט אַלעמען, געלעגן באַהאַלטן אויפן אויוון, בײַם סאַמע סופיט. מען האָט זיך געריכט, אַז דאָס איז שוין די ליקווידאַציע, אַז מען פירט שוין אַלעמען אַרויס. דאַן האָט זיך אָבער געענדיקט נאָר מיט שרעק. די דײַטשן האָבן דורכגעפירט אַ ספּעקטאַקל, באַפרידיקט זייערע סאַדיסטישע געפילן. אַרום געטאָ האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ געדיכטע וואַך פון באַוואָפנטע לאַטישן, אין געטאָ זענען אַרײַנגעפאָרן עטלעכע גרוזאָוויקעס [15]. מען האָט געכאַפּט מענער און זיי געפּאַקט אין די גרוזאָוויקעס. דער געשמאַקער באַלעבאָס אונדזערער, קיטעל [16] אַלייִן, איז אַרומגעלאָפן אין די הײַזער און געזוכט אין פאַרשיידענע לעכער. כּמעט אַלע מאַלינעס האָט מען געהאַט אויפגעריסן פון פריִער, די יִידישע פּאָליציי אַלייִן. ס'איז שוין ניט געווען אַפילו ווו צו באַהאַלטן זיך. די פּאַניק איז געווען גרויס. מען האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אויב מען נעמט צו דאָס רעשט ביסל מענער, וועט מען פאַר די געבליבענע סאַמע פרויען און קינדער קיין געטאָ ניט האַלטן. מען האָט נאָר ניט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַן אופן דאָס וועט ווערן דורכגעפירט. צי מען וועט אויף אַן אָרט מאַכן אַ טאָלק. יעדע אַקציע פלעגט ווערן דורכגעפירט אויף אַן אַנדער אופן.

אומדערוואַרט האָט מען גאָר אַלע מענער באַפרײַט און געהייסן גיין אַהיים. ס'איז געוואָרן אַן אומבאַשרײַבלעכע פרייד, מען האָט זיך געקושט אין די גאַסן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס איז ניטאָ מיט וואָס זיך צו פרייען. קענטיק, אויפקלײַבנדיק די מענער האָבן זיי געזען, אַז פאַר זיי

---

[14] דעם 19טן — 24סטן אויגוסט 1943 האָבן די דײַטשן אַרויסגעשיקט דעם צווייטן טראַנספּאָרט פון ווילנער געטאָ קיין עסטאָניע.

[15] רוסיש. לאַסטאויטאָס.

[16] איינער פון די הויפּט־תּלינים פון ווילנער געטאָ אין דער לעצטער תּקופה פון איר עקסיסטענץ.

איז דאָס מיסט, ניט קיין אַרבעטסקראַפט. עלטערע, מערסטן טייל ישיבה־לײַט. ס'האָט זיי ניט געליינט מיט זיי זיך ספּעציעל צו פֿאַרנעמען, מען האָט דאָס געלאָזן צווישן דעם אָפּפאַל... דאָס ביסל יינגערע, וואָס איז נאָך געווען געבליבן, און בכלל, ווער עס האָט נאָר געהאַט די קלענסטע מעגלעכקייט, האָט זיך אַרויסגעריסן אין בלאָק פֿון ה. ק. פּ.[17], אויף סובאָטש, אַנדערע אין קײַלים. מען האָט געגעבן גרויסע לאַפּוועס דער יידישער פּאָליציי, מען זאָל אַרויסלאָזן, און אויך די דײַטשן. מען האָט דערציילט, אַז אַ דײַטש האָט זיך אויסגעדריקט: „די יודען זינט דום", ווי איינער זאָגט: די געטאָ, די ה. ק. פּ. — אַלץ דאָס זעלבע!

די יידן האָבן דאָס פֿאַרשטאַנען ניט ערגער פֿון אים. בעת מען ראַנגלט זיך מיטן טויט, כאַפּט מען זיך פֿאַר אַ שטרוי. מען האָט גע־קלערט, אפשר וועט זיך פֿאַרט אײַנגעבן צו ראַטעווען. אפשר וועלן די בלאָקן בלײַבן. פֿאַרט — מערסטן טייל פֿאַכלײַט. אַלנפֿאַלס, כאָטש גע־ווינען צײַט. די געטאָ פֿריער, יענע בלאָקן שפּעטער — דערווײַל קען ווערן אַן איבערקערעניש. קיינער פֿון די טויזנטער אויסגעהרגעטע, איך האָב אין זינען אונדזערע ווילנער, האָט געוויס ביזן לעצטן מאָמענט ניט געקלערט, אַז פֿאַר אים איז שוין ניטאָ קיין רעטונג, האָט מען זיך גע־וואָרפֿן אויף פֿאַרשײַדענע אופֿנים. אַלץ איז אָבער געווען אומזיסט. פֿון די ערשטע טעג ווי די דײַטשן זענען אַרײַן, אַז כ'פֿלעג הייסן צלאלן[18] זיך באַהאַלטן פֿון די געשמאַקע כאַפּונעס, פֿלעגט ער מיר ענטפֿערן, אַז פֿון די דײַטשן איז פֿאַר אונדז קיין באַהעלטעניש ניטאָ, פֿריער אָדער שפּעטער, מיר זענען פֿאַרפֿאַלענע. אַזוי איז עס. הײַנט איז שוין ה. ק. פּ.

---

[17] ראשי־תּיבות פֿון Heereskraftpark, וואַרשטאַטן וואָס האָבן געהערט צו אַ דײַ־טשישער אַרמייגרופּע. אַרבעטס־לאַגער (נאָך דער ליקווידאַציע פֿון געטאָ) אויף סובאָטש 37, אין די בלאָקן פֿון די א"ג „ביליקע הײַזער". אַהער זענען אַריבער־געפֿירט געוואָרן פֿון געטאָ בערך 350 מאַן (צוזאַמען מיט זייערע משפּחות בײַ 800 נפֿשות), וועלכע האָבן געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן. געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ „זיכערן" אַרבעטפּלאַץ. ליקווידירט דעם 2טן—3טן יולי 1944 (זען אויך הערה װעגן „קײַלים").

[18] צלאל טראַקינסקי (פּרטים אויף די זײַטלעך פֿון טאָגבוך).

אויך ניטאָ. אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן דאָס איז פֿאָרגעקומען, ווייס איך ניט. צי מען האָט געמאַכט אַ טשיסטקע[19], צי אַלעמען אויסגעהרגעט. קענטיק, אַז זיי זענען מוחל די פֿאַכמענישקייט, זיי קענען אויסקומען אָן אונדזערע פֿאַכלײַט.

איך האָב די טעג [———] געקראָגן אַ צעטל פֿון מײַנע שטאָטישע קריסטן. זיי שרײַבן מיר, אַז עס עקסיסטירט נאָר „קײַליס". אויך דאָרטן זענען אַ סך פֿרויען און קינדער אויסגעשטאָרבן פֿון אַ טיף. פֿאַר מיר איז עס אין גאַנצן דײַטלעך. — אַרבעטנדיק פֿאַר דער צײַט פֿון די סאָוועטן (אין 1941 יאָר) אויף דער פּאָסט זענען מיר אַרײַנגעפֿאַלן נאָ־טאַטקעס[20] פֿון אַן אַרטיסטין. — איר ייִדיש איז אַ ביסל אַ שענערער ווי מײַנער, און געוויס ניט מיט אַזוי פֿיל גרײַזן. ס'איז מיר אַ שאַנדע פֿאַר זיך אַליין, ווי אָרעם איך בין אין דער שפּראַך. ס'פֿעלן מיר פּשוט אויסדרוקן. איך שרײַב דאָך אָבער נאָר פֿאַר זיך אַליין. אויב עמעצן וועט אויסקומען צו לייענען, זאָל ער אויף די פֿעלערן ניט לייגן קיין אַכט. — זי האָט דאָרט באַשריבן ווי אַ גרופּע ייִדישע אַרטיסטן איז אַנטלאָפֿן פֿון לאָדזש קיין ווילנע און זייערע איבערלעבונגען. איך האָב זיך דאַן זייער איבערגענומען לייענענדיק. מיר האָבן זיך געפֿונען אין אַ סך אַן ערגע־רער לאַגע. זיי האָבן נאָך געהאַט וווּ צו לויפֿן. מיר האָבן שוין דאָס ניט געהאַט. מען איז געלאָפֿן. פֿון איין עק שטײַג אין צווייטן. מען האָט זיך געצאַפּלט ווי געפֿאַנגענע פֿייגל.

נאָך דער ליקווידאַציע פֿון דער ערשטער געטאָ (גלעזער־גאַס, יאַט־

---

[19] רוסיש. רייניקונג. דער טערמין ווערט דאָ באַנוצט אַנשטאָט „אַקציע" און „סעלעק־ציע", אָנגענומענע אין דער חורבן־ליטעראַטור. דער באַגריף שטאַמט פֿון די צײַטן ווען די נקוו"ד האָט געבאַלעבאַטעוועט אין ווילנע, ערב דעם אויסבראָך פֿון דער דײַטש־סאָוועטישער מלחמה, פֿאַרכאַפּט און אַרויסגעשיקט אין סיביר די „ניט־זיכערע" עלעמענטן.

[20] פּויליש. נאָטיצן.

קעווער און גאון־גאַס)[21] איז געוואָרן אַן עפּידעמיע פון פּאָרעניש אויף ביעלאַרוס. דאָרט איז ניטאָ קיין טשיסטקעס, — אַזוי האָט מען גערעדט. אייניקע האָבן געמאַכט פּעסער אַלס קריסטן אָדער קאַראַימער[22], אויס־צובאַהאַלטן זיך אויסערן געטאָ. ניט איינער איז אויף אַזאַ אופן אומגע־קומען. געסיע ראַבוכין, האָבנדיק אַזאַ פּאַס האָט געמיינט אַז זי איז שוין אויפן פערד — אויס זשידוווקע. פלעגט זיך אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן. איז זי טאַקע אַרײַנגעפאַלן אין לוקישקעס[23]. די וועמען עס האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַפרײַען האָבן זי דאָרט געזען. איך האָב אַליין גע־האַט אַ פּאַס אַלס קאַראַימקע. כ׳האָב אָבער געזען אַז עס איז צוועקלאָז מיט אים זיך צו באַניצן.

אַ פּאַרטיע פון איבער צוויי טויזנט מאַן, כמעט סאַמע יוגנט, מערסטן טייל פּראָווינצער, האָט זיך גאָר פרײַוויליק פאַרשריבן אויף קאָוונע. מען האָט זיי צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן זיך דאָרטן טרעפן מיט זייערע עלטערן און קרובים. אַ גאַנצע ריי פרײַערדיקע פּאַרטיעס האָט מען גע־האַט איבערגעפירט פון איין אָרט אויפן צווייטן בשלום. הײַנט גיי קליג זיך! געצווייפלט האָט מען שטענדיק, מען איז אָבער געגאַנגען אויף איינס! בײַם פאַרשרײַבן האָט מען נאָך געמאַכט אַזעלכע שוועריקייטן, ניט אַלעמען צוגעלאָזן, מיט איין וואָרט, — מען האָט אַלעמען געפּטרט גלײַך הינטערן שטאָט, אויף אַזוי פיל סאַדיסטיש, אַז אין אייניקע טעג אַרום האָט מען פון געטאָ גופא גענומען מענטשן אויף צו מאַכן אַן אָרדע־

[21] אויף די אויסגערעכנטע גאַסן האָט זיך געפונען די געטאָ נומ׳ 2 (קליינע ג׳), מיט 10.000 אײַנוווינער. עקסיסטירט פון 6טן סעפּטעמבער ביז דעם 30סטן אָקטאָבער 1941. אַרויסגעפירט אויף פּאָנאַר יום־כיפור, דעם 1טן אָקטאָבער, 1.700 יידן; 3טן און 4טן — 2.000; 15טן און 16טן — 3.000 יידן. ענדגילטיקע ליקווידאַציע — דעם 28סטן־30סטן אָקטאָבער 1941. אין דער זעלבער צײַט זענען אויך פון געטאָ נומ׳ 1 (די גרויסע געטאָ: שפּיטאָלגאַס, רודניצקע, שאַחעלסקע, סטראַשון־גאַס, דיסנער, אָשמענער און אַ טייל יאַטקעחער) אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט קרוב 10.000 יידן.

[22] די דײַטשן האָבן זיך באַצויגן צו די ווילנער קאַראַימער ווי צו ניט־יידן. זען וועגן דעם בײַ ד״ר מ. דוואָרזשעצקי, דצ״ו, ז׳ 332.

[23] לוקישקי — ווילנער תפיסה.

נונג אין פּאָנאַר [24] — פאַרדעקן די שפּורן. די זאַכן האָט מען אַפילו געבראַכט צוריק אין געטאָ. פריִער פלעגט נאָך זײַן פאַרשטעלט, — דאָ איז שוין געווען אין גאַנצן אָפענע קאָרטן.

אַ פּאָר וואָכן פאַר דער לעצטער ליקווידאַציע האָט מען זיך געגעבן אַ לאָז פרײַוויליק אויף עסטאָניע און לעטלאַנד. ביז דאַן פלעגט מען אָפּזיצן באַהאַלטענערהייט אין מאַלינעס, — נאָר ניט צו פאָרן. מען האָט אָבער דערזען אַז די געטאָ גייט צו אונטערגאַנג, עס שמעקט מיט טויט, איז ניט געווען קיין אויסוועג. שוין ניט געווען וואָס צו פאַרלירן. האָבן אייניקע געפּרוווט: דאָרטן דאַרף מען האָבן אַרבעטערס, אפשר וועט מען לאָזן לעבן, אַזוי האָט מען געטראַכט. די פריִערדיקע, געכאַפּטע, זענען אַלע אומגעקומען אויפן אָרט. אונדזערע שכנים, גערמאַניסקיכע, גורוויטשאָווע און ציפּקין זענען טאַקע פרײַוויליק אַוועקגעפאָרן. צי זע־נען זיי דערפאָרן, ווער ווייס? אין די לעצטע פּאַרטיעס זענען געווען אַ סך פרויען און קינדער. פון פעלמאַנען האָב איך אַפילו געקראָגן אַ בריוו. ער איז געווען צווישן די געכאַפּטע. איך האָב אים געשיקט אַ פּעקל. צי האָט ער באַקומען, ווייס איך ניט. בריוו האָט מען פון אַלעמען באַקומען נאָר איין מאָל. עס איז רעכט, אַז די פּעקלעך האָבן שוין גאָר קיין מענטשן ניט געפונען (איך בין שטענדיק פּעסימיסטיש).

---

[24] דאָ ווערן געבראַכט קאַרגע פּרטים וועגן דער א״ג אַקציע „קאָוונע־פּאָנאַר״ און דעם שוידערלעכן מאָרד דעם 5טן אַפּריל 1943 איבער 5.500 ייִדן פון מיכאַלישאָק, סמענציאַן, אָשמענע און סוויר, װעלכע זענען אין געפּאַקטע וואַגאָנען, אונטערן אויסרייד אַז מען פירט זיי אין קאָוונער געטאָ, פאַרפירט געוואָרן קיין פּאָנאַר. די עקזעקוציע האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג. אויף מאָרגן זענען געשיקט געוואָרן פון געטאָ 20 ייִדישע פּאָליציאַנטן צונויפצונעמען די הרוגים און זיי אַרײַנוואַרפן אין די גריבער — די העלדישע מאַרטירער, וועלכע זענען דערשאָסן געװאָרן אויף אַן אָרט בעתן שטעלן אַ ווידערשטאַנד און פּרווו צו אַנטלויפן (אייניקע האָבן אויפגעריסן די װאַגאָנען און זיך געוואָרפן אויף די רוצחים) און זייערע גופים זענען צעשפּרייט געװען איבער די אַרומיקע שטחים.
פּאָנאַר — דאַטשע־אָרט בערך 8 ק״מ פון ווילנע, רעכטס פון דער באַן־ליניע ווילנע־וואַרשע. פאַרניכטונג־לאַגער פון יולי 1941. קרוב זיבעציק טויזנט ייִדן פון ווילנע און אומגעגנט זענען דאָ דערשאָסן געוואָרן, שפּעטער אַרויסגענומען געוואָרן פון די גריבער און פאַרברענט אויף שײַטערס.

פעלמאַן האָט מיר געשריבן, אַז זײ געפֿינען זיך אין אַ לאַגער און זײ האָבן זיך געטראָפֿן מיט די פֿריערדיקע. ער שרײַבט אַפֿילו אַז איך זאָל אויך קומען צו פֿאָרן. איך האָב אָבער באַשלאָסן אין פּאַסטקע ניט צו קריכן. אין די טעג פֿון פֿאַרעניש בין איך געלעגן באַהאַלטן אויפֿן אויוון, װײַל צו די פּרײַווילִיקע פֿלעגט מען דערכאַפּן... איך האָב געקלערט: כאָטש ניט מאַכן זיך נאַריש און ניט פֿאָרן באַגעגענען דעם טויט. אויב ס'וועט שוין ניט זײַן קיין אויסוועג, וועט ער קומען אַליין.

אַ הײַפֿל יונגוואַרג איז אַנטלאָפֿן אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער און אַ ביסל מוזן זיצן, אַזוי ווי איך, צעוואָרפֿן בײַ די פּויערים, אָבער אַ נישטיקע צאָל. אויף די וואָס געפֿינען זיך נאָך בײַ די דײַטשן האָב איך אַ קלײנע האָפֿענונג. זײער פּראָגראַם איז דאָך ניט נאָר אויף ווילנע. איך בין נאָך ווײַט ניט זיכער, צי וועל איך בלײַבן לעבן, נאָר אויב יאָ, וואָלט זיך אַזוי וועלן טרעפֿן וואָס מער פֿאַרבליבענע.

הײַנט איז דער 22סטער מײַ 1944. פּונקט אַכט מאָנאַטן ווי איך האָב געהאַט געקראָגן דעם פֿריִער דערמאָנטן צעטל פֿון געטאָ. זײ שרײַבן, אַז אויב דער טאָג וועט זיך ענדיקן רויִק, זאָל איך זײ דערוואַרטן אויף מאָרגן אָוונט אויפֿן ראָג זאַוואַלנע און שפּיטאָל־גאַס. הײסט עס: אויף דעם זעלבן אָרט דורך וואַנעט איך בין אַרויס. אויף מאָרגן, דעם 23סטן אויגוסט 1943, בין איך אַוועק צוזאַמען מיט מײַן קריסטין.[25] פֿון דער ווײַטן האָב איך שוין דערזען, אַז עס איז שוין נאָך אַלעמען. אַ סך פֿענצטער פֿון שפּיטאָל־גאַס — ס'האָבן זיך געזען נאָר די וואָס לעבן פֿאַרקאַן — זענען געווען ברייט צעעפֿנט, אין אײניקע [הײַזער] האָט געברענט עלעקטריע, אין גאַנצן ניט פֿאַרטונקלט, און עס האָט זיך געזען, אַז די הײַזער זענען פּוסט. דאָך בין איך צוגעגאַנגען צום באַשטימטן אָרט

[25] די שטאָטישע קריסטין און איר מאַן (ניט פֿאַרבײַטן מיט דער קריסטין פֿון דאָרף לעבן ניעמענטשין) זענען געווען אײגנטימער פֿון אַ הורטפֿירמע פֿון קאָסמעטיק־אַרטיקלען, בײַ וועלכע רות האָט געאַרבעט ביז דער מלחמה אַלס אָנגעשטעלטע.

און גערופן לויט די אָפּגערעדטע סימנים, נאָר אומזיסט, קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. צוריקוועגס האָב איך געטראָפן אַ פאָר־פאָלק מיט אַ פריילין, אַנטלאָפענע. זיי האָבן געזוכט אַן אָרט איבערצונעכטיקן. אין „קײַליס" האָט מען זיי ניט אַרײַנגעלאָזן. קיין געגנויס האָב איך בײַ זיי ניט געקענט דערגיין. זיי זענען געווען זייער דענערווירט. זיי האָבן מיר נאָר געזאָגט, אַז מען האָט כמעט אַלעמען אַרויסגעפירט. דאָס איז די לעצטע ידיעה, וואָס איך האָב פון געטאָ. מער ווייס איך גאָרניט.

דאָ אין דאָרף האָט מען גערעדט, אַז די ליטווינער און די דײַטשן האָבן נאָך אַ לענגערע צײַט זיך פאַרנומען מיט דער געטאָ, מען האָט געזוכט אין די מאַלינעס און געמאַכט אויפרײַסן. עס לאָזט זיך שיקן. נאָך אין מײַן צײַט, אַז מען האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז עס געפינט זיך ווו אַ מאַלינע און זי ניט געקענט אַנטדעקן, פלעגט מען דעם גאַנצן מויער אויפרײַסן. די דײַטשן האָבן זיך אין דער אַרבעט פאַרלאָזן אויף דער יידישער פאָליציי, וועלכע פלעגט דאָס זייער מוסטערהאַפט אויספירן. אין דעם פאַל באַשולדיק איך זיי ניט. איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז מען האָט געמוזט זיך צופאַסן צו די באַפעלן. אָבער בדרך־כלל האָט די פאָ־ליציי זיך געפירט עקלהאַפט. זייער האַנדלונג פלעגט אָפט מאָל זײַן אַ באַרבאַרישע. אמת, איך מוז אָנערקענען, אַז די אָרדענונג אין געטאָ איז געווען אַ מוסטערהאַפטע, נאָר דאָס האָט מען געקענט אויספירן אויך מיט אַ מענטשלעכער האַנדלונג. זיי פלעגן גאָר פאַרגעסן, אַז זיי זענען אויך יידן און געפינען זיך אויך בײַ די דײַטשן. אינטערעסאַנט, וואָס איז מיט זיי געוואָרן? ווי האָט מען זיי אָפּגעדאַנקט פאַר זייער דינסט? [26]

מײַן שטימונג, מיט וועלכער איך האָב זיך אומגעקערט צו מײַן קריסטין, איז פאַרשטענדלעך. כאָטש איך בין געווען גרייט אויף דעם, דאָך קען איך אַפילו הײַנט ניט באַנעמען. הייסט עס, אַז די אַלע וועלכע

[26] הײַנט זעט אויס אַזאַ פראַגע רעטאָריש. די אויטאָרין האָט אָבער דאַן ניט געוווּסט, אַז די פאָליציי איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ, בעת דער ליקווידאַציע, מיט דער לעצטער פאַרטיע און ווען מען האָט זיי מיטאָגצײַט דעם 24סטן סעפטעמבער 1943 פאַרלאָדן אויף רעשע אין די וואַגאָנעס, זענען זיי שוין געווען אויס יחסנים.

איך האָב מיט צוויי טעג צוריק געלאָזן אין געטאָ זענען שוין ניטאָ. איך האָב שוין פריִער געזען געננג פּאַקטן, כּדי צו גלייבן אַז אַזוי איז עס. שרײַבנדיק לעב איך דאָס איבער פון דאָס נײַ. ס׳ווילט זיך שרײַען אין דער הויך: גוואַלד, אַזוי פיל מענטשן, לעבנספּעיִקע, מיט אַזאַ געדראַנג צום לעבן! אַזוי פיל קליינע קינדערלעך! און מען זאָגט נאָך, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט!

איך דערמאָן זיך מײַן לעצטן טאָג אין געטאָ. אויף די גאַסן איז פול. ניט קוקנדיק אויף אַלע טשיסטקעס איז נאָך אַלץ געווען [פּיזישע ?] מענטשן. מען גייט אַרום פּוסט־און־פּאַסט, פּאַרוויינטע, פּאַרצאַרנטע. ווער עס האָט נאָך געהאַט עמעצן פון דער משפּחה, האָט מען שוין אויך אָפּגעריסן, געכאַפּט אויף עסטאַניע אָדער לעטלאַנד. אַ טייל האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסצופאָרן אין אַ דולאַג[27] און אַ טייל ניט. האָט מען זיך ווידער צעשיידט. ווען מען טרעפט זיך איינער מיטן צווייטן הערט מען בלויז איין פראַגע: וואָס הערט זיך? וואָס טוט מען? די פּאַרבליבענע זענען שוין אַזעלכע, וואָס האָבן ניט קיין אויסוועג. ניט קיין פּראָטעקציע, ניט קיין געלטמיטלען. און סתּם רעזיגנירטע, וואָס זאָגן אַז עס איז שוין ניט קיין אונטערשייד, צי דאָ, צי דאָרטן. אין די געטאָס שטייען גרויסע רייען. מען גיט אויף די קאַרטן ברויט און אַפילו פּוטער. ברויט קאָסט אין געטאָ 100 רובל און אויך שווער צו קריגן, קאַרטאָפל — 40 רובל. בכלל איז זייער שווער מיט פּראָדוקטן. ניט קיין וווּנדער, וואָס שוין עטלעכע וואָכן ווי קיינער גייט ניט אַרויס אויסערן געטאָ. מען האָט אַלעמען אַנטזאָגט פון אַלע איינהייטן. קיינער אַרבעט ניט. מען טראָגט גאָרניט אַריין און די גרעסטע טייל הונגערט. אין שטוב געפין איך די גאַנצע משפּחה ראַבינאָוויטשעס אויסגעזעצט, פּונקט ווי פּאַרמשפּטע צום טויט, וואָס וואַרטן אויף אַ באַגנעדיקונג. זאָל מען כאָטש וואַרפן אַ באָמבע,

---

[27] דורכגאַנגס־לאַגער.

אַן ערדציטערניש זאָל קומען, זאָל שוין זײַן — שטאַרבן, אַבי ניט פון זייערע הענט. מען וואַרט אויף אַ נס. קענטיק אָבער אַז אין אונדזער יאָרהונדערט קומען ניט פאָר קיין נסים. איך זאָג צו ריבה ראַבינאָוויטש, אַז אויב מיר וועט זיך אײַנגעבן אַרויסצוגיין, וועל איך זיך באַמיִען זי אויך אָפּנעמען. זי אַנטזאָגט זיך, זי וועט זיך פון דער משפחה ניט אָפּ־זונדערן. די מוטער, אַ פרומע פרוי, זאָגט אַז מען דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף גאָט. גאָט וועט העלפן.

מערסטן וועט פעלן צילע. אַזעלכע פרײַנד ווי זי געפינט מען זעלטן. הירשל שנײַדמאַן גייט אַלע ווײַלע אין גאַס. גייט דורך פון איין זײַט פאַרקאַן צום צווייטן און קומט צוריק. מיר באַגעגענען אים מיט דער זעלבער פראַגע: וואָס הערט זיך? הײַנט גיי ענטפער!? סאַרל גייט אַרום אַ פאַרוויינטע, — פסח איז אַוועקגעפאָרן אין ה. ק. פּ. זי ווערט דאָך אַזוי צעטומלט בײַ יעדער געשעעניש, מיר האָבן דאָך אַלע צוזאַמען אַזוי פיל איבערגעלעבט, אַזוי פיל מאָל געלאָפן זיך באַהאַלטן, אַזוי פיל מאָל געקלערט אַז אָט איז שוין דער סוף. וואָס איז מיט זיי געוואָרן? זיי האָבן דאָך אַלע אַזוי שטאַרק געגלייבט אין גאָט. צי האָט ער זיי געהאָלפן?

בײַ מײַן קריסטין זײַן לענגער איז געווען אוממעגלעך. מען האָט זיך געריכט אויף רעוויזיעס פון געשטאַפּאָ. פאַר באַהאַלטן אַ ייִד — טויט־שטראָף דער גאַנצער משפחה. חוץ דעם פלעגט מען אָפט קומען זוכן איר זון, ליטווינער האָבן אים טאַקע לעצטנס דערהרגעט. פאַרן אַרויסגיין פון געטאָ האָב איך בײַ די בויוווידזער גענומען, אויף יעדן פאַל, אַן אַדרעס פון אַ פויער. איך אַליין האָב ניט קיין באַקאַנטע אין דאָרף. האָב איך באַשלאָסן צו גיין לויט דעם אַדרעס. איך האָב אָפּגערעדט מיט דעם קריסט, וואָס מײַנע האָט מיר באַזאָרגט, ער זאָל מיך אַוועקפירן, איך אַליין אָריענטיר זיך ניט אין די וועגן, און פרעגן וועל איך מורא האָבן, מאַלע אויף וועמען איך קען אָנטרעפן. דורכן שטאָט האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן מיט אַ דראָזשקע. ס׳איז מיר אויסגעקומען זיכערער.

שבת, דעם 25סטן אויגוסט אין דער פרי, האָב איך זיך אַרײַנגעזעצט

אין דער צוגעגרייטער פּאָר מיר דראָזשקע און אַוועקגעפֿאָרן. לעבן טע־לאַטניק [28] האָבן צוויי דײַטשן אָפּגעשטעלט מײַן דראָזשקע. איך בין גע־בליבן זיצן אַ געליימטע. דער אָטעם האָט זיך מיר אָפּגעהאַלטן. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס גייען זיי מיך אַרעסטירן. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז זיי דאַרפֿן נאָר צופֿאָרן צום שפּיטאָל אויף אַנטאָקאָל. בין איך אַזוי אַרום געפֿאָרן גאָר אין דער באַגלייטונג פֿון צוויי דײַטשן. אויפֿן וועג האָבן זיי נאָך געפּרוּווט פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך. כ׳האָב געענטפֿערט: „ניע ראָזומיעם [29] און מיט דעם האָט זיך געענדיקט. מײַן גליק, וואָס דאָס זענען ניט געווען קיין ליטווינער, זיי וואָלטן געוויס מיך דערקענט. ענדע פּאָספּיעשק [30] האָב איך זיך אַרויסגעזעצט און געבליבן וואַרטן אויף מײַן באַגלייטער. ער איז אָנגעפֿאָרן אויף אַ ראָווער. איך האָב אָנגע־הויבן זיך דערנענטערן. אויפֿן וועג איז געווען אַ באַוועגונג. טאַקסוווקעס, גרוזאָוויקעס מיט דײַטשן און ליטווינער און אויך אַ היפּשע [צאָל] פּוס־גייערס — אַלץ צום שטאָט צו. איך האָב זיך געהאַלטן נענטער צום וואַלד. ווי נאָר כ׳פֿלעג עמעצן דערזען, האָב איך זיך צוגעזעצט, ווי עפּעס פֿאַר־ריכטן. אין אַ היפּשע צײַט אַרום איז ווידער אָנגעפֿאָרן מײַן באַגלייטער אויפֿן ראָווער, אין דער ריכטונג צום שטאָט, ער קוקט אָבער ניט אין מײַן זײַט. איך גיי ווײַטער. שוין אָפּגעגאַנגען עטלעכע שעה, דורכגע־גאַנגען אומגעפֿער אַ 10 קילאָמעטער — מײַנער איז ניטאָ. איך האָב שוין געקלערט, אַז ער איז אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט און מיך איבער־געלאָזן. איך זעץ זיך צו און וואַרט. איך גיי ווײַטער. סוף־כּל־סוף דערזע איך פֿון דער ווײַטן, אַז ער פֿאָרט. איך האָב זיך דערפֿרייט, ווי איך וואָלט דערזען עמעצן פֿון מײַנע נאָענטע. נו, איצט וועט ער דאָך מיר געוויס שוין זאָגן ווי איך זאָל גיין ווײַטער. אָבער די זעלבע מעשׂה — ער פֿליט דורך ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן! וואָס טוט מען? איך ווייס אַז מען דאַרף זיך פֿאַרקערעווען אויף רעכטס, אָבער אין וועלכן אָרט? איך גיי גלײַך.

[28] בערנאַרדינער גאָרטן אין ווילנע, צופֿוסנס פֿון שלאָסבאַרג.
[29] פּויליש. כ׳פֿאַרשטיי ניט.
[30] דאַטשע־אָרט הינטער ווילנע.



ערשטע זײַט פון כתב־יד.



Siękiewicz Józef,
Simanówka хутор
Неменчинская волость
Виленский уезд
Л. С. С. Р.

לעצטע זייט פון כתב־יד.

אפשר וועט ער מיך אָפּוואַרטן אויף דעם אָרט, ווו מען דאַרף זיך פאַר־קערעווען. עס איז ווידער אַריבער אַ היפּש ביסל צײַט, איך בין אָפּגעגאַנגען נאָך עטלעכע קילאָמעטערס, און ער איז ניטאָ. מער האָב איך אים שוין ניט געזען. אַליין זיך דרייען דורכן וואַלד מיט זײַטיקע סטעזשקעס האָב איך מורא, גיי איך זיך אַזוי גלײַך ביז איך בין צוגעקומען צו ניע־מענטשין. דאָ בלײַב איך שטיין.

גיין אין שטעטל? צו וועמען? איך קען דאָך דאָ אַבסאָלוט קיינעם. איך קריך אַרויף אויף אַ דערבײַיִקן בערגל, זעץ זיך צו. בלײַבן דאָ איבער נאַכט? ס׳כאַפּט מיך אַרום אַ געפּערלעכע שרעק. בײַ טאָג אײנער אַליין אין וואַלד איז גענוג שרעקלעך, הײַנט נאָך בײַ נאַכט! איך קריך אַראָפּ פון בערגל און בלײַב שטיין אין מיטן וועג. די זון איז שוין פאַרגאַנגען. באַלד הייבט שוין אָן טונקלען. איך זע צוויי פורן. איך באַהאַלט זיך שוין ניט, ווי פריִער. ס׳איז מיר שוין אַלץ אײנס. וועלן זיי מיך פאַר־האַלטן, איז מילא, פאַרפאַלן.

איך בין געווען שטאַרק מיד און טרינקען האָב איך געוואָלט ביז משוגעת. קענטיק, מײַן אויסזען האָט געמסרט — דער טאָג איז געווען ניט קיין קאַלטער, איך בין געווען אײַנגעוויקלט אין אַ וואָלענער פאַ־טשיילע און אין אַ פּעלץ ניט אויף מײַן מאָס. דאָס האָט מיך אַ קריסטין, צו וועלכער איך בין אַרײַן פאַרן אַוועקגיין, אַזוי אויסגעפּוצט. די פאַר־צווייפלונג איז זיכער געלעגן אויף מײַן נאָז. — ביידע פורן האָבן זיך אָפּגעשטעלט: — וואָס שטיי איך דאָ, פון וואַנען בין איך און ווו דאַרף איך? איך האָב זיי דערציילט, אַז איך בין אַנטלאָפן פון געטאָ און איך וואָלט וועלן אַן אָרט כאָטש איבערצונעכטיקן. זיי האָבן אַרויסגעוויזן מיטלײַד צו מיר. אײנער פון די קריסטן גיט מיר אַ נאָמען פון אַ דאָרף, אַ פאַמיליע און הייסט מיר קומען אַהין. מיט מיר צו גיין דורכן שטעטל איז אַ מורא, ווײַל אַ פּאָליציאַנט קען פאַרהאַלטן. ער ווײַזט מיר אַ זײַ־טיקן וועג, מיט וועלכן צו גיין, און דערנאָך וועל איך נאָך דאַרפן אַרי־בערפאָרן אַ טײַך מיט אַ שיפל. דאָס איז נאָך דרײַ קילאָמעטער. גיי איך ווײַטער. זעענדיק די פרײַנדשאַפט פון די קריסטן בין איך געוואָרן אַ

ביסל דרײַסטער. כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ כאַטע און געבעטן וואַסער. פאַרן גאַנצן טאָג בין איך געווען אַזוי פאַרטריקנט, אַז כ׳האָב זיך קוים צוגעכאַפּט. איך האָב אויך געפרעגט ווי צו גיין. זיי האָבן מיך אַפילו צוגעפירט צו אַ סטעזשקע. שפּעטער האָט מיר אַ פּאַסטעכל אָנגעוויזן אויף אַ שיפל, מיט וועלכן איך בין אין דער געזעלשאַפט פון צווי קריסטן אַריבערגעפאָרן דעם טײַך. איך האָב זיך, פאַרשטייט זיך, געשראָקן, ווער ווייסט ווער זיי זענען? שטאָטישע? עס איז שוין געווען טונקל און זיי האָבן אויף מיר ניט געלייגט קיין אַכט.

איך בין אַרויס אויפן ברעג. אַ דערפל מיט קליינע כאַטקעס, געדיכט איינע לעבן דער אַנדערער. פול פויערים. מען קוקט אויף מיר מיט נײַגער. איך רוף אָן די פאַמיליע. ווײַזט זיך גאָר אַרויס, אַז דאָס גאַנצע דערפל פויערים האָט איין פאַמיליע, מן־הסתם קרובים, און דעם נאָמען ווייס איך ניט. זיי פרעגן אַ סימן: אויף וואָס פאַר אַ פערד איז ער געפאָרן? הײַנט גיי ווייס! איך האָב קיין מאָל אויף דעם קיין אַכט ניט געלייגט. בײַ זיי איז דאָס, קענטיק, איינע פון די וויכטיקסטע סימנים. אָבער קיינער פון זיי איז איצט אין ערגעץ ניט געפאָרן. זיי ווײַזן מיר אָן נאָך אַ כאַטקע, אַ ביסל אָפּגעזונדערט, אפשר דאָרטן? איך בין צו [צום ענין אָפּן און זיי געזאָגט אין וואָס מיר גייט. זיי] האָבן מיך אַרײַנגעפירט אין אַ שײַער. איך האָב זיך אַרײַנגעזעצט אין דעם היי און דערפילט ווי מיד איך בין. עס איז אַרײַן דער באַלעבאָס, אַ קריסט פון אַ יאָר 30, און זיך צוגעזעצט מיט מיר אַמוזירן. איך האָב אים דערציילט אַלץ און געפרעגט, צי איך וועל קענען זײַן בײַ אים. האָט ער מיר גאָר אָנגעהויבן אויסצוגיסן זײַן ביטער האַרץ. זײַן ווײַב איז אַ קראַנקע, ער לעבט ניט מיט איר און ער דאַרף האָבן אַ פרוי. צו מײַן שטימונג און מײַן גאַנצן צושטאַנד איז מיר די מעשׂה געווען קאַק ראַז[31]. איך האָב זיך געמאַכט ניט פאַרשטייענדיק און באַמיט זיך אים צו פאַררײדן מיט זײַטיקע זאַכן. ער איז אַזוי אָפּגעזעסן עטלעכע שעה, ביז איך האָב אָנגע־

---

[31] אַ רוסישער זאָג. טײַטש: ווי צוגעפּאַסט.

הויבן צו בעטן ער זאָל מיר לאָזן זיך אויסשלאָפֿן. ער האָט מיר געטאָן צו ליב, אָפּגעגעבן זײַן אָרט — ער איז געשלאָפֿן אין שײַער — און זיך געלייגט אין אַ צווייטן זײַט מיט נאָך אַ פּויער. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאַר מיר איז דאָ ניט קיין אָרט. צו אַלע קלאָסן האָט מיר שוין מער ווי דאָס ניט געפֿעלט!

וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן — האָב איך [בײַ זיך] באַשלאָסן פֿון דאַנעט אַוועקצוגיין. מיט דעם בין איך אײַנגעשלאָפֿן. אין דער פֿרי האָט מען מיר אַרײַנגעטראָגן עסן. ער איז ווידער געקומען פֿאַרברענגען. איך האָב אים אָנגעהויבן צו בעטן ער זאָל מיך אַוועקפֿירן אין דעם דאָרף, ווו איך האָב געזאָלט גיין. אים אָנגעבײַערט, אַז דאָרט וואַרטן אויף מיר קרובים. אויב ער וועט מיט מיר ניט גיין וועל איך מוזן בלאָנדזשען אַליין.

כ׳האָב אים, פֿאַרשטייט זיך, צוגעזאָגט צו באַלוינען. ס׳איז געווען גראָד זונטיק, פֿרײַ פֿון דער אַרבעט, און ער האָט צוגעשטימט. דער וועג איז אים ניט באַקאַנט, נאָר זײַן שוויגער איז פֿון יענע קאַנטן, האָט זי אים מער־ווייניקער אינפֿאָרמירט ווי צו גיין. און מיר זענען אַוועק. דאָס איז אַ שטרעקע פֿון 20 קמ. איך האָב אָבער זיך גאָר ניט אַרײַנגעטראַכט, ווי וועל איך דערגיין, זײַענדיק אַזוי פֿאַרמאַטערט פֿון נעכטיקן טאָג און אָפּגעוויינט אין גאַנצן פֿון גיין. אין גוטע זענען אַזעלכע שטרעקעס ניט געווען.

איך מוז — און עס העלפֿט ניט. ער איז געגאַנגען פֿאָרויס און איך אַ היפּשע שטיקל אָפּגעזונדערט.

וואָס פֿאַר אַן אונטערשייד צווישן דעם דאָרפֿישן פּויער און דעם שטאָטישן כאָם! מיט וואָס פֿאַר אַן איידלקייט ער איז זיך מיט מיר באַגאַנגען. פֿלעגט זיך אומקוקן צי איך גיי, אָפּשטעלן — לאָזן זיך מיר אָפּרוען, בײַ אַ קרעניצע געבן מיר אַ מעגלעכקייט זיך אָנצוטרינקען. איך דערמאָן אים מיט אַן אמת געפֿיל פֿון דאַנקבאַרקייט. ספּעציעל האָט ער זיך געשראָקן פֿאַרן דורכגיין די באַן־ליניע. מיר זענען דורך. אַ פּאָר מאָל איז ער אַרײַן אין כאַטעס פֿרעגן די וועג. ער פֿלעגט מיך לאָזן אין וואַלד און דערנאָך מיטרופֿן און זיך באמיט אויסצומײַדן די וועגן און גיין

מיטן וואַלד, ביז ער האָט פֿאַרבלאָנדזשעט און מיר זענען אַרײַן אין אַ זומ־פּיקן אָרט. ער איז אַדורך און איך בין געבליבן שטעקן אין אַ טיפֿן זומפּ, ביז די קני. איך פּרוּוו אַרויסקריכן און קריך אַלץ טיפֿער. מײַן איבערלעבונג דעמאָלט איז ניט צו באַשרײַבן. מיר איז פֿאַרגעקומען, אַז איך בין שוין פֿאַרפֿאַלן, איך ווער דערטרונקען. אומזיסט זיך געראַטעוועט פֿון געטאָ! דעם ערשטן מאָל אין מײַן לעבן האָב איך געשריִען מיט אַזעלכע ווילדע קולות.

ער איז שוין געווען ווײַט פֿון מיר. ער האָט זיך אָבער צוריקגעקערט און מיך אַרויסגעשלעפּט. אַ פֿאַרשמירטע אין בלאָטע בין איך אים נאָכגעגאַנגען.

די זון איז שוין פֿאַרגאַנגען און ער אַליין האָט זיך שטאַרק דענערווירט. סוף־כּל־סוף איז ער אַרויס אויף אַ וועג. האָט ער מיך געלאָזן אין וואַלד און אַרײַן אין אַ כאַטע פֿרעגן דעם וועג. פֿון דאָרטן איז ער אַרויס מיט אַ שיקסע, וועלכע האָט זיך אונטערגענומען אונדז צוצופֿירן צום דאָרף. עס איז פֿאַרבליבן נאָר צוויי קמ. זיי האָבן מיך געפֿירט ביז צו דער סאַמע כאַטע. איך בין געבליבן אין וועלדל וואַרטן, עס זאָל ווערן אין גאַנצן פֿינצטער און דאַן אַרײַן.

די ערשטע זאַך — האָב איך אויסגעטרונקען צוויי גרויסע קענדלעך וואַסער אין איין אָטעם. די אָרעמקייט סווישטשעט אין אַלע זײַטן. דערהערנדיק אַז איך בין אַ זשידוווקע, האָבן זיי זיך אַזש אָנגעהויבן צו טרייסלען: בײַ זיי — אויסגעשלאָסן, גראָד מיט אַ קורצער צײַט צוריק האָט עמעצער געמסרט און אוקראַיִנצעס האָבן געזוכט בײַ זיי ייִדן.

קוים זיך אײַנגעבעטן איבערצונעכטיקן. איך פֿרעג זיך נאָך אויף דער בויווידזער, זיי לייקענען גאָר אין גאַנצן, זיי קענען זי גאָר ניט. ביז הײַנט פֿאַרשטיי איך ניט, פֿאַר וואָס זי האָט מיר אָנגעגעבן דעם אַדרעס. שוין איין מאָל אַן אויפֿנאַמע! ניט קוקנדיק אויף דער אָרעמקייט ווילן זיי ניט הערן פֿון קיין געלט. דאָס לעבן איז טײַערער. מען האָט מיר אויסגעבעטן אַ ביסל היי לעבן סאַמע טיר פֿון גומנע. איך האָב זיך אַנידערגעוואָרפֿן, ניט קלערנדיק וועגן קיין זאַך, און אײַנגעשלאָפֿן.

עס האָט געגעבן אַ פּליוך, ס׳האָט גערונען אויף מיר פון דאַך. כ׳האָב זיך אײַנגעדרייט אין פּעלץ און זיך געמאַכט ניט וויסנדיק. פאַר טאָג איז אַרײַן די קריסטין: זי גייט אין אַ דערבײַיִקן דאָרף, דרײַ קילאָ־מעטער פון דאַנעט, גראָבן קאַרטאָפל. יענע קריסטן זענען רײַכע, האָבן אַ גרויסע שטוב, אַ סך אָרט. אפשר וועלן זיי מיך צונעמען. זי ווייס אַז דאָרט פלעגן אָפּט מאָל זיך אויסבאַהאַלטן ייִדן. פאַרשטייט זיך, זיי טאָרן ניט וויסן, אַז זי האָט מיך געבראַכט.

אין גאַנצן אַ צעבראָכענע, די פּלייצע און די זײַטן האָבן מיר ווײ געטאָן, אַ דורכגעווייקטע, מיט די רעשטלעך כוחות האָב איך זיך נאָכ־געשלעפּט. די געדאַנקען האָבן ניט געאַרבעט. איך האָב זיך ניט אָפּגע־געבן קיין חשבון אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך געפין זיך. איך האָב נאָר געשפּירט אַז איך גיי ווי ניט מיט מײַנע פיס. די קריסטן האָבן מיר שפּעטער דערציילט, אַז זיי האָבן געזען פון ווײַטן מיט וואָס פאַר אַן אָנשטרענג איך בין געגאַנגען. עס האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז איך אײַל זיך פאָרויס און שטיי אויף אַן אָרט. איך בין אָבער דערקראָכן. מײַן באַגלייטערין איז אַוועק צום פעלד און איך בין געבליבן אויפן וועג.

עטלעכע גויעס האָבן שוין געגראָבן קאַרטאָפל. צו וועמען גיין ווייס איך ניט און בכלל איז דאָ צו פיל מענטשן. שטיי איך אַזוי מאַכטלאָז, אַפּאַטיש, נאָר איין געדאַנק — זיך אָפּרוען. גייט צו צו מיר אַן עלטערע קריסטין אין אַ פּעלץ און אַ טיכל אויפן קאָפּ. ניט וואַרטנדיק אויף מײַן ענטפער זאָגט זי צו מיר, אַז זי זעט ווער איך בין און זי וועט מיך צונעמען איבערנעכטיקן, איך זאָל אַרײַנגיין אין וועלדל איבערוואַרטן ביז עס וועט ווערן פינצטער. פאַר מיר איז דאָס געווען פּונקט ווי פון הימל.

אין האַרצן בין איך אָבער ניט געווען זיכער, — דער טאָג איז לאַנג און זי קען נאָך חרטה האָבן. איך בין אַרײַן אין די קוסטעס, אָנ־געשפּאַרט זיך אָן אַ בוים און געשטאַנען. זיצן איז געווען אוממעגלעך צוליבן בײַנאַכטיקן רעגן. איך בין געווען צופרידן וואָס ס׳האָט כאָטש בײַ טאָג ניט גערעגנט. האַלבן טאָג איז זי ווידער צו מיר געקומען און

געבראַכט געבאַקטע עפּל. דאָס איז פאַר מיר געווען ווי צוגעפּאַסט. די עטלעכע טעג פון מײַן וואַנדערן האָב איך געליטן פון דאָרשט, עסן האָב איך אין גאַנצן ניט געוואָלט, דורכויס טרינקען. זי האָט מיר אָנגעוויזן איר שטוב און מיר צוגעזאָגט, אַז אין אָוונט וועט זי קומען מיך נעמען.

דער טאָג האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. איך האָב געטרוימט וועגן אָוועקלייגן זיך און אויסציִען די גלידער. פון צײַט צו צײַט קוק איך, צי איך זע די שטוב, איך זאָל זי חלילה ניט פאַרלירן. עס האָט אָנגע־הויבן צו טונקלען, עס ווערט אַלץ פינצטערער און פינצטערער און איך זע שוין קוים די שטוב. ס'איז מיר געוואָרן שרעקלעך. איך לאָז זיך גיין צו דער שטוב. כאָטש זײַן נענטער צו מענטשן. איך הער ווי זיי טרײַבן די בהמות. אַרײַנגיין וויל איך ניט, איך קען נאָך אַלץ איבערפירן. איך האָב זיך אָנגעשפאַרט אָן אַ בוים לעבן פאַרקאַן.

עס איז שוין געווען גוט פינצטער, ווען זי איז צו מיר צוגעגאַנגען. זי האָט מיך אַרײַנגעפירט אין שײַער, דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער און געהייסן מיר אַרויפקריכן גאָר אין דער הייך, בײַם סאָמע דאַך. דאָ האָב איך זיך דערפילט גליקלעך.

סאַראַ אונטערשייד צווישן מיר און די פאַרבליבענע אין געטאָ! — אַזוי טראַכט איך. מען זאָל זיי אַפילו ניט געפינען אין זייער באַהעלטע־ניש — דערוואַרט זיי הונגערטויט.

כ'האָב אויסגעצויגן מײַנע געשוואָלענע און צעראַניעטע פיס און אײַנגעשלאָפן.

אויף מאָרגן האָט מען מיר געבראַכט [הייסע] בלינעס מיט סמע־טענע. פון מידקייט האָב איך אָבער עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד ניט געקענט עסן. די באַלעבאָסטע האָט מיר געמאָלדן, אַז נאָך דעם ווי איך וועל זיך אָפּרוען עטלעכע טעג דאַרף מען זוכן אַן אָרט אויף צו זײַן לענגער.

איך האָב איר געזאָגט, אַז כ'פאַרלאַנג ניט אומזיסט, כ'האָב אַ מעג־לעכקייט צו צאָלן און געבעטן זי זאָל מיך האַלטן. — קיין געלט דאַרף

זי ניט, זי האָט געגוג און זי וויל ניט ריזיקירן מיט איר משפּחה. מיר איז, פֿאַרשטייט זיך, דער ענטפֿער געווען ניט צום האַרצן. ווידער וואַנדערן איבער דערפֿער, ניט ווינסדיק ווו זיך צו קערן. דערווײַל לאָזט זי מיר זײַן, זיץ איך. מען ברענגט מיר עסן, איך פֿאַרפֿיר אַ שמועס מיט דער יונגער, דער שנור, און דערגיי, אַז איר מאַן דאַרף האָבן אַ קאָסטיום.

איך כאַפּ זיך אָן אין דעם. גראָד אויף מײַן מזל דאַרף ער די טעג פֿאָרן אין שטאָט. איך גיב אים אַ צעטל צו מײַנע שטאָטישע קריסטן[32] און ער ברענגט דעם קאָסטיום מיט נאָך אייניקע זאַכן. די אַלטע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז ניט צופֿרידן. איך האָב ניט געוווּסט, אַז זי קלײַבט זאַכן דורכויס פֿאַר דער טאָכטער. האָב איך איר צוגעוואָרפֿן אַ צוגאָב, אַלס פּרעזענט פֿאַר דער טאָכטער, אַ נײַעם סערוועט. דאָס האָט זי שוין באַפֿרידיקט און איך בין געוואָרן אײַנגעבירגערט. די ערשטע דרײַ וואָכן בין איך געזעסן שטיל און גאָרניט געבעטן, דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן בעטן מען זאָל מיר געבן אַ מעגלעכקייט זיך אַרומצוואַשן. דרײַ וואָכן זיך ניט געוואַשן. מען האָט מיר אָנגעוואַרעמט וואַסער און איך האָב זיך אַרומגעוואַשן.

דערנאָך פֿלעג איך זיך שוין וואַשן אַלע צוויי וואָכן. דאַן איז עס מיר געווען ווייניק, נאָר אַנטקעגן שפּעטער איז דאָס געווען אַ גן־עדן. איך בין אויך געווען עטלעכע מאָל אין באָד. די לעצטע באָד איז מיר געבליבן אין זכּרון. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער. די קריסטין האָט מיך צוגעפֿירט און איך בין געבליבן אַליין. איך האָב זיך גוט אַרומגעוואַשן און אויסגעוואַשן מײַן ביסל וועש. פּלוצלונג הער איך טריט. מען גיט אָן עפֿן די טיר. איך פֿרעג: ווער? — עס ענטפֿערט אַ מענערישע שטים: „פּשעפּראַשאַם!" [33]. שטיל און אומזיכער. דאָס האָט געמוזט זײַן אַ ייִד. דאָך בין איך געווען צעשראָקן. ער האָט מן־הסתּם געוואָלט זיך אָנוואַרעמען. איך האָב צונויפֿגענומען מײַנע זאַכן, די וועש אַרײַנגעלייגט

[32] זען הערה 25.

[33] פּויליש. כּ׳בעט איבער, אַנטשולדיקט.

אין אַן עמער, גענומען דאָס שיסל און דעם נאַפטלאָמפּ און אַרויס אין דרויסן.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, אָבער מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אַ זאַווערוכע. פול אָנגעשנייט. און עס פאַלט און פאַלט אַ געדיכטער שניי. קיין סימן פון קיין סטיעזשקע. ווי וועל איך טרעפן די וועג? איך שטיי אין מיטן געדיכטן וואַלד און קוק זיך ניט אום. עס קומט מיר אויס שרעקלעך און איך טראַכט: וואָס טוט מען? איך קער זיך אום צוריק אין באָד. איך וועל דאָ בלייבן ביז פאַר טאָג. כ׳שטעל אַלץ אַוועק צוריק, מאָשטשע זיך איין אויף אַ ברעט און וויל שוין פאַרלעשן דעם לאָמפּ — אַ שאָדן די נאַפט. איך גיב זיך אָבער אַ שטעל צוריק: — ניין, דאָס איז ניט קיין פּלאַן. פאַר טאָג קען קומען אַ פרעמדער און צונעמען דאָס ביסל זאַכן — דאַן בין איך גאָר אַ פאַרפאַלענע. די באָד פלעגן זיי הייצן בשותפות מיט נאָך שכנים. איך נעם אַלץ צונויף און גיי ווידער אַרויס. איך שטעל אַוועק דעם עמער מיטן לאָמפּ און דאָס שיסל שאַר איך פאַרויס איבערן שניי. קער זיך אום נאָכן עמער און לאָמפּ, און ווידער פאָרויס מיטן שיסל. אַזוי אַ היפּשע צייט. טאָמער איך וועל ניט טרעפן צו מיין שטיער, זאָל איך כאָטש טרעפן צוריק אין באָד. איך האָב זיך אָבער גוט אָנגעמאַטערט און ס׳איז מיר מיאוס געוואָרן. האָב איך צונויפגענומען אַלץ און אָנגעהויבן גיין פאָרויס.

אין מיינע וואַליקעס פול שניי, די קני זענען נאַס, אַפילו דער רעקל איז נאַס. איך קוק שוין אויף גאָרניט, איך זאָל כאָטש ניט פאַרבלאָנדזשען. בין איך אַזוי געגאַנגען מיטן עמער, שיסל און ברענענדיקן לאָמפּ. אַ גליק וואָס איך האָב אויפן וועג קיינעם ניט געטראָפן, — דאַן האָבן נאָך די פאַרטיזאַנער אַזוי ניט געבאַלעבאַטעוועט ווי היינט, — ביז איך האָב אַריינגעטראָפן אין אַ פרעמדן הויף. ווידער אַ גליק: דער הונט האָט ניט געבילט. אַלץ מיט נסים. איך בין, פאַרשטייט זיך, וואָס גיכער פון דאָרטן אַרויסגעקראָכן. געשטעלט טריט!

סוף־כל־סוף פאָרט דערגאַנגען. איך קוק זיך אום אַרום און אַרום. יע, דאָס איז עס, ס׳איז מיין „ווינונג״. איך גיי אַריין אין שטיער. ביים

שײַן פֿון לאָמפּ קומט מיר דאָ אַלץ אויס מאָדנע. אַנדערש, פֿרעמד. איך גיי אַרויס נאָך אַ מאָל: עס איז פֿאָרט דאָ. דערװײַל האָב איך דערזען פֿרישע טריט. שפּעטער צו האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז אונטער אַ דאַך. אָבער בעת־מעשׂה האָב איך זיך דערשראָקן: עמעצער איז דאָרטן דאָ. איך האָב אָנגעהויבן מיטן לאָמפּ צו לײַכטן און זוכן. כ׳בין אַרויפֿגעקראָכן מיטן לייטער צו מײַן באַהעלטעניש און זוך. כ׳האָב דערזען דאָ ליגן אַ מאַרינאַרקע, שרײַ איך: װער איז דאָ? און אַליין בין איך אַ צעשראָקענע.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז די מאַרינאַרקע האָט די קריסטין בײַ טאָג אַרײַנגעטראָגן. בין איך אַראָפּגעקראָכן צוריק, אָװעקגעשטעלט אַלץ אויפֿן אָפּגערעדטן אָרט און פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ. שוין אין דער פֿינצטער האָב איך דערטאַפּט מײַן נאַרע.

אַ צעפּאַרעטע פֿון באָד, אַ דורכגענעצטע פֿון שניי, אַ צעשװידערטע פֿון שרעק האָב איך דאָ זיך געפֿילט צום בעסטן. די נאַסע זאַכן האָב איך ניט אַראָפּגענומען, געטריקנט אויף זיך. פֿון אויפֿרעגונג האָב איך ניט געקענט אײַנשלאָפֿן. געלעגן און באַטראַכט מײַן לאַגע. אַנשטאָט אַרײַנצוקריכן, פֿון באָד, אין אַ װאַרעמער בעט, אין אַן אָנגעהייצטער שטוב, ליג איך, װינטער, אין אַ שײַער, דער װינט בלאָזט פֿון אַלע זײַטן, און דערצו בין איך נאָך אין גאַנצן אַ דורכגעװייקטע. איך בין אָבער צופֿרידן װאָס איך האָב כאָטש דעם שײַער. אין װאַלד איז מיר געװען אַ סך ערגער.

מער בין איך שוין אין באָד ניט געגאַנגען. איך האָב זיך נאָך איין מאָל געװאַשן, אָבער ביי זיי אין שטוב. דערנאָך איז די פֿראַגע געװאָרן אין גאַנצן ניט אַקטועל.

נאָך 156 טעג, 22 װאָכן, האָב איך זיך די טעג נאָך אַ מאָל געװאַשן. דאָס איז געװען אַ גאַנצע סענסאַציע. אַלע פּרויען פֿון שטוב זענען געװען דערמיט פֿאַרנומען. מען האָט אָנגעװאַרעמט אַ גרויסן קעסל װאַסער, געבראַכט אַ לאַנגן צעבער, אַ שיסל און אַן עמער — אַלץ אין

שפּײַער אַרײַן. איך שטוב האָבן זיי מורא געהאַט, פּאַרטיזאַנער זאָלן ניט אָנקומען. איך בין אַרויסגעקראָכן פֿון מײַן לאָך, ווי אַ שיכורע, די פֿיס שאָקלען זיך, דער קאָפּ דרייט זיך. אויף להכעיס איז דער טאָג געווען אַ ווינטיקער, אַ קאַלטער. איך האָב שוין אָבער ניט געוואָלט אָפּלייגן. קוים דערלעבט צו זען דאָס וואַסער. אַלע זענען זיי געקומען מיר העלפֿן.

כ׳האָב זיך קוים צוגעכאַפּט צום וואַסער. זיך געוואַשן און געוואַשן, אַרײַנגעקראָכן אין צעבער, אַ פֿולן מיט הייסן וואַסער, אויף אַן אמת, ניט אין חלום, ווי ס׳פֿלעגט זיך מיר אָפֿט חלומען. צי קען דען אַ מענטש אין נאָרמאַלע באַדינגונגען פֿאַרשטיין, וואָס דאָס הייסט ניט וואַשן זיך 156 טעג? איך פֿלעג זוכן מיטלען ווי זיך צו דערלײַכטערן. טאָג־טעגלעך, אַפֿילו אין די סאַמע גרעסטע קעלטן, אַלץ פֿון זיך אויסטאָן, אויסלופֿטערן, און זיצן אַ מינוט אַ נאַקעטע — כ׳פֿלעג זיך מאַכן „לופֿטוואַנעס״, געפֿירט אַ קאַמף קעגן פֿאַרלײַזיקט ווערן. עס איז ניט עסטעטיש וועגן אַזעלכע זאַכן צו רעדן, און נאָך מער — צו שרײַבן. בײַ מיר איז עס אָבער איינע פֿון די וויכטיקסטע פֿראַגן. אפֿשר וועט זיך מיר איצטער אײַנגעבן זיי ביסלעכווײַז צוגעווינען דערלאַנגען מיר אָפּטער כאָטש אַ שיסל קאַלט וואַסער אויף צו וואַשן זיך. בײַ דער אַלטער איז עס ניט אַזאַ גרויסע נויטווענדיקייט, דערפֿאַר קומט דאָס מיר אָן אַזוי שווער. לעצטנס איז זי אָבער צו מיר ספּעציעל גוט, וועל איך אויך דאָס אויספֿירן.

מײַנע אַקציעס בײַ איר זענען קיין מאָל ניט קיין זיכערע. זיי האַלטן זיך אין אײן בײַטן. דאָס איז אָפּהענגיק פֿון איר שטימונג. אַ געוויסע צײַט איז זי געווען צו מיר ניט לאַסקאַווע. אויסגעדריקט האָט זיך עס אין באַגרענעצן מיר דאָס עסן ביז אַ מינימום. איז דערגאַנגען דערצו, אַז איך פֿלעג טרוימען וועגן אַ שטיקל ברויט צו דער זאַט. אײַ־בערהויפּט די לעצטע צײַט, פֿאַר מײַן איבערגיין פֿון יענעם שפּײַער צוריק אַהער. די ערשטע צײַט נאָך מײַן אומקערן זיך פֿלעגט זי מערקירן פֿאַר־פֿעלן אַ מאָל עסן, אָפּהאַלטן מיך פֿון אין דער פֿרי ביז אָוונט מיט אַ דין מוציא ברויט און אַ פֿלעשל מילך. די סיבה פֿון אַזאַ פֿלוצלונגער ענדע־

רונג איז מיר ניט באַוווּסט. צאָלן פּלעג איך איר שטענדיק, סײַ מיט געלט, סײַ מיט זאַכן, וויפֿל זי פּלעגט זאָגן, קיין מאָל זיך ניט געדונגען, און פּאַרויס.

איר פּלעגט זיך אָבער שטענדיק דאַכטן אַז זי נאַרט זיך, — גלײַכצײַטיק האָט זי ניט געוואָלט אַז די שטוביקע, דערהויפּט די שנור, זאָלן וויסן וואָס זי קריגט פֿון מיר. „זיי מיינען אַז איך ווער גליק־לעך פֿון דיר" — פּלעגט זי מיר זאָגן. פּלעגט זי פּאַר זיי טענהן, אַז זי לייגט גאָר צו צו מיר, אַז זי האַלט מיך גאָר כּמעט אומזיסט. קענטיק, אַז זי האָט זיי געוואָלט אין דעם איבערצײַגן און דורך ניט שיקן עסן דאָס אונטערשטרײַכן. ווי עס זאָל ניט זײַן, האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, פֿון דעם געליטן, אָבער צוגענומען אַלץ פֿאַר גוט, קיין מאָל ניט אויסגערעדט, אַז איך בין הונגעריק, באַדאַנקט פֿאַר דאָס וואָס מען פּלעגט מיר דער־לאַנגען, מאַכן זיך גאָר ניט־וויסנדיק, פּונקט ווי עס דאַרף אַזוי זײַן.

אויף אירע תּירוצים: „מ'האָט ניט געקענט דערלאַנגען", פּלעגט זיך מיר וויפֿל מאָל וועלן זאָגן: „איר האָט דאָך איצט מיר געקענט ברענגען אַ גרעסער שטיקל ברויט, איך זאָל אָפּעסן צו דער זאַט". איך פּלעג זיך אָבער אײַנהאַלטן און גאָר ענטפֿערן: „עס שאַט ניט, אויב איך האָב ביז איצט אויסגעהאַלטן, וועל איך שוין פֿון הונגער ניט שטאַרבן". כ'פּלעג דאָס זאָגן גוטמוטיק, מיט אַ געלעכטער, ביז עס האָט זיך, קענטיק, בײַ איר אָפּגערופֿן דער געוויסן. זי האָט אויך מורא, מן־הסתּם, אַז גאָט זאָל זי ניט שטראָפֿן, — גראָד איז דער אַלטער קראַנק געוואָרן, און זי אַליין שפּירט זיך אויך ניט גוט. חוץ דעם איז זי אומרויִק פֿאַר דער טאָכטער, וואָס געפֿינט זיך אין שטאָט, עס זאָל מיט איר וואָס ניט פּאַסירן. מיט איין וואָרט: זי האָט אין גאַנצן געביטן איר האַנדלונג. מען דערלאַנגט מיר פֿינקטלעך דרײַ מאָל אַ טאָג עסן און צו דער זאַט. צײַטנווײַז, אויף צו דערווײַזן איר פֿרײַנדשאַפֿט, דערלאַנגט זי מיר אַליין, פֿאַר טאָג, פֿריִער ווי שטענדיק, אַ טעלער קאַשע. עס טרעפֿט אויך, אין אַן אויסנאַמפֿאַל, אַז זי טראָגט מיר צו בײַ טאָג אַ פֿערטן מאָל עסן, וואָס ניט איז. דערבײַ גיט זי צו, אַזוי ווי פֿאַרשעמט: „דער טאָג איז אַ לאַנגער, קײַט מען פֿון

לאַנגווײַליקייט״. דאַן ווייס איך שוין, אַז אָדער עס האָט זיך איר וואָס געחלומט אָדער עפּעס וואָס פּאַסירט.

אין גאַנצן אומדערוואַרט איז געפאָרן איר שנור אין שטאָט. שוין אַ לאַנגע צײַט ווי זיי האָבן מורא צו פאָרן. מען זאָגט, אַז מען רעווידירט יעדערן, און אין שטאָט איז ניט רויִק. פאַר מיר איז דאָס געווען אַן אויסערגעוויינלעכער סורפּריז. זי האָט מיר געבראַכט געלט און זאַכן. אינטערעסאַנט, אַז די זאַכן באַטראַכטן זיי גלײַך ווי זייער אייגנטום — הייבן אָן צו פּאַסן אויף זיך. אין בריוו וואָס איך האָב איר מיטגעגעבן האָב איך שטאַרק געריִמט מײַן באַלעבאָסטע און איר גאַנצע משפּחה, אויפגעהויבן זיי אַזש אין הימל אַרײַן. פאַרשטייט זיך, אַז דעם בריוו האָט מען, פאַרן אָוועקפירן, געלייענט און מײַן ציל האָב איך דערגרייכט. עס האָט געמאַכט דעם געהעריקן אײַנדרוק. אויך די שטאָטישע באַקאַנטע מײַנע אימפּאָנירן זיי שטאַרק — דאָס זענען מענטשן פון אַ העכערער סביבה. מיר לאָזט זיך דאָס אַלץ שפּירן...

איך האָב געהאַט אָפּגעצאָלט ביזן 1טן מײַ, האָב איך זיך מיט איר ווײַטער אויסגערעכנט פאַר דרײַ און האַלב מאָנאַט פאָרויס, ביז האַלב אויגוסט. דערבײַ האָב איך איר אָנגעוווּנטשן, אַז זי זאָל דאָס אַלץ פאַר־ניצן געזונטערהייט, זי זאָל האָבן נחת פון איר טאָכטער, און געדאַנקט פאַר דער גוטער באַציִונג צו מיר: „איך ווייס, אַז זי דאַרף ניט מײַן געצאָלט, זי האָט גענוג אייגענע און זי האַלט מיר נאָר פון מענטשישקייט וועגן״ — איר שוואַכקייט — „אַז וויפל איך זאָל איר ניט צאָלן, איז אַלץ גאָרניט אַנטקעגן דעם וואָס זי טוט פאַר מיר״. — בכלל איז עס ניט ווײַט פון אמת. — „אַנדערש ווו וואָלט מען נאָר אויסגענוצט מײַן געלט און געהאַלטן מיך אויף ברויט און וואַסער, און איך, זײַענדיק הונגעריק, וואָלט דאָך געשוויגן. וואָס וואָלט איך געקאָנט, אין מײַן שטאַנד, זיך העלפן, אַפילו מיט געלט?״ (אַ שטאָך פאַר די פריִערדיקע צײַטן — זי האָט עס פאַרשטאַנען). „זי ניצט דאָס ניט אויס און האַלט מיך, פּונקט ווי איך וואָלט געווען בײַ איר אויף דאַטשע. גאָט וועט איר זיכער דער־פאַר באַלוינען״. — אַזוי האָב איך איר אָפּגעדרשנט.

פון דער דרשה, און נאָך קריגנדיק אין יד, איז זי געוואָרן אין גאַנצן צעשמאָלצן. דאָס הייסט נאָך ניט, אַז איך בין שוין אין גאַנצן מיט איר זיכער. עס בײַט זיך בײַ איר אָפט די שטימונג. אין דער אמתן האָב איך צו איר גאָרניט. איך בין איר און זיי אַלעמען אַן אמתער גוטער פרײַנד. איך האָב נאָר איין ווונטש: איך זאָל דאָ קענען זײַן ביז סוף מלחמה. און דאָ רייסט זיך אַרויס די סאַמע אָנגעווייטיקטסטע פראַגע: ווען וועט שוין דאָס זײַן?

מיט אַכט חדשים צוריק, בעת איך בין אַרויס פון שטאָט, האָט מען גערעכנט, אַז גאָר אין קורצן — ביז ווינטער. איך האָב פאַר זיך גע־שטעלט צוויי טערמינען: ביז נײַיאָר — און גלײַך אַ פּראָלאָנגאַציע — ביז אַפּריל, אויף זיכער! אָט זענען שוין אַריבער ביידע טערמינען און עס איז גאָרניט. איצט האָב איך שוין פאַרלאָרן די האָפענונג און איך שטעל שוין ניט קיין טערמינען. מיך שרעקט נאָר, טאָמער וועט זיך עס ווידער אַרײַנציִען אין ווינטער. בײַ דעם געדאַנק שוידערט מיך אויף. איך טאָר זיך אויף אַזוי ווײַט ניט פאַרקלערן.

הײַנט איז דער 28סטער מײַ און איך האָב נאָך פאַר זיך עטלעכע זומערדיקע מאָנאַטן.

אַ פאַרמישפּטער ווייס, אַז ער האָט אַ געוויסע צײַט אַפּצוזיצן, ער רעכנט אַראָפּ די צײַט וואָס איז אַוועק, ווייס ער וויפל עס איז אים נאָך געבליבן. בײַ מיר איז עפּעס אַנדערש. איך האַלט אין איין חשבונען. איך האָב קיין מאָל ניט געוווּסט אַזוי גענוי די טעג, די דאַטעס און די חדשים. גלײַך פון אָנהייב האָב איך אָנגעהויבן צו רעכענען וויפל טעג עס בלײַבט מיר ביז מײַן ערשטן טערמין. איז דאָך מיר אויסגעקומען שרעקלעך. פון 27סטן אויגוסט ביז נײַיאָר — גאַנצע דרײַ מאָנאַטן. פלעג איך זיך מאַכן גרינגער, צעטיילן אויף וואָכן און וואַרטן פון איין שבת אויפן צווייטן. צום בײַשפּיל, הײַנט איז שבת, דער 28סטער מײַ, וועט דעם צווייטן שבת זײַן דער 4טער יוני, דעם דריטן שבת דער

11טער יוני, דעם פּערטן — דער 18טער יוני. בײַ דער סיסטעם בין איך געבליבן ביז הײַנטיקן טאָג. איך שטופּ שוין אויף דעם אופן דעם נײַנטן מאָנאַט. אויך יעדער טאָג האָט בײַ מיר אַן אַנדער באַדײַטונג. שבת און זונטיק קומט מיר אויס ווי איך וואָלט אָפּגעטאָן עפּעס אַן אַרבעט — אָפּגעשטופּט אַ וואָך. מאָנטיק — האָב איך אויף אַ נײַס צו ציילן, וויפל טעג איז געבליבן צו שבת. דינסטיק — איז שוין אַ האַלבע וואָך. מיטוואָך — שוין נענטער צום קומענדיקן שבת. דאָנערשטיק און פרײַטיק איז שוין אָט־אָט. און ווידער פון דאָס נײַ. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז לעכערלעך, אָבער איך מאַך זיך אַליין נאַריש. וויפל עס בלײַבט מיר צו חשבונען ווייס איך נאָך אַלץ ניט. עס איז מיר שוין אַלץ אַזוי דערעסן געוואָרן, אָבער איך טאָר ניט זינדיקן, איך ווייס דאָס גאַנץ גוט. שוין ניט רעדנדיק וועגן די אומגעקומענע אין געטאָ, שטעל איך זיך פאָר, אַז ניט איינער פון אונדזער ביסל אָפּגעראַטעוועטע מאַטערט זיך מיט די לעצטע קרעפטן, ניט האָבנדיק קיין מיטלען זיך אויסצו־האַלטן. אין פאַרגלײַך מיט זיי איז דאָך מיר זייער גוט, דאָך קען איך ניט זײַן באַפרידיקט.

הײַנט איז בײַ די קריסטן „זיעלאָנע סוויאָנטקי״ [34]. די באַלעבאָסטע אַליין האָט מיר אַרײַנגעטראָגן אַ פולן טעלער פּוטשאָ און אַ שטיק לע־בער, — זיי האָבן נעכטן געקוילעט אַן עקסל, — אַ שטיק ברויט, אַ מוציא חלה און אויך אַ קוביק זיסע קאַווע. איך האָב איר, פאַרשטייט זיך, באַ־דאַנקט. זי האָט מיר מאָדנע געקוקט אין די אויגן. קענטיק, באַמערקט אַז איך בין פאַרוויינט. דורכן שפּעלטל האָב איך געזען ווי די יונגע זענען אויסגעפּוצטע אַוועק אין קלויסטער. איך בין זיי ניט מקנא. ניין, איך האָב אַפילו ניט אַזאַ געפיל. געזונטערהייט. אָבער מיר איז הײַנט באַזונדערס שווער אויפן האַרצן. איך רוק זיך אַרײַן טיפער אין מײַן לאָך, אַרומגעלייגט מיט סנאָפּעס, ווי אין אַ נאָרע.

---

[34] פּויליש. בוכשטעבלעך : גרינע יום־טובים.

די טעג האָט מיר די יונגע געבראַכט אַ ביכל. זי באַמיט זיך מיר מיט עפּעס צו דערלײַכטערן. דאָ איז אַפּילו טונקל און דאָס וואָס איך שרײַב אַליין אָן קען איך ניט דורכלייענען. דאָס ביכל האָב איך אַ ביסל געלייענט. איז גראָד צוגעפּאַסט צו מײַן לאַגע. מען שרײַבט דאָרט וועגן מענטשן וואָס געפינען זיך אויף דער לבנה און ווערן געפּײַניקט דורך אַ מין חיה, אַן ענלעכע צו מענטשן, וואָס הערשט איבער זיי. די מענטשן גליבן, אַז מיט הונדערטער יאָרן צוריק איז פון זיי אַוועק אַן אַלטער מענטש אויף דער ערד. ער דאַרף זיך אומקערן אין געשטאַלט פון אַ יונגן און ברענגען זיי די אויסלייזונג. אויף דעם שטיצט זיך זייער גאַנצע רעליגיע. זייערע גייסטיקע רופן זיך „בראַציאַ וויטשעקויאַנצע"[35]. זיי וווינען ניט אין קיין הײַזער, נאָר אין פּאַלאַטקעס. אין אַלע תּפילות, ווי אויך באַגריסונגען, באַנוצן זיי די ווערטער: „פּשידזיע, נאַפּעוונאָ פּשידזיע"[36]. די האָפענונג גיט זיי מוט און שטאַרקט זיי איבערצוטראָגן אַלע פּייניקונגען. פאַרשטייט זיך, אַז איך נעם אָן די גאַנצע מעשׂה פאַר אַ פאַנטאַזיע. נאָר אָט, ניט ווילנדיק, האָב איך געמאַכט אַ פאַרגלײַך מיט מײַן לאַגע. איך געפין זיך דאָך אויך אין אַ מצב פון וואַרטן, פון האָפן. אויך מיך האַלט אויף די האָפענונג. בײַ מיר איז דאָס דאָך ניט קיין פאַנטאַזיע. צי איך וועל דערלעבן צי ניט, דער טאָג וועט דאָך קומען!

עס איז אָבער שווער צו וואַרטן. אוי ווי שווער! די ערשטע צײַטן פלעג איך האַלטן אין איין וויינען. איך האָב זיך אָבער אַרומגעזען אַז דאָס איז ניט קיין פּלאַן. איך וועל מיט דעם גאָרניט אויספירן. נאָך אַלע איבערלעבונגען קען נאָך אַזאַ צושטאַנד אַראָפּפירן פון זינען. מען האָט דערציילט, אַז בענסקיכע, בעת מען האָט זי אַנשטאָט אין געטאָ אַוועק־געפירט אין לוקישקעס, איז דאָרטן גלײַך משוגע געוואָרן. דאָס איז ניט קיין איינציקער פאַל. עס איז גאָר קיין וווּנדער ניט. דאָס איז שוין ערגער פון טויט. אויב איך האָב זיך שוין יאָ געראַטעוועט, דאַרף איך זיך

35 פּויליש, „אויסוואַרטנדיקע ברידער".
36 „ „ער וועט קומען, ער וועט זיכער קומען".

האַלטן. איך מוז מײַנע נערוון אַרײַננעמען אין צוואַנגען, איך מוז הערשן איבער זיי, און ניט זיי איבער מיר. אין אַ געוויסער מאָס האָט זיך מיר דאָס אײַנגעגעבן.

אין די קאַלטסטע ווינטערטעג, טרייסלענדיק זיך פון קעלט, פלעג איך רעדן צו זיך אַליין : עס איז מיר טאַקע קאַלט, זייער קאַלט — טראָג די וואַליקעס און פעלץ האָב איך דאָן אָפּגעפּרוּירן די פיס — אָבער באַלד איז שוין ווידער שבת, נאָך אַ וואָך איז אַדורך. אפשר וועט דער צווייטער מאָנאַט זײַן אַ וואַרעמערער. דער ווינטער איז דאָך ניט קיין אייביקייט, ער וועט זיך דאָך ענדיקן. און די צײַט, וואָס איז אַדורך, וועט זיך דאָך ניט אומקערן, ס'איז דאָך פאָרט נענטער צום ברעג. — אַזוי פלעג איך אַרײַנטענהן, זינגען פאַרשיידענע לידער און שאַפן זיך אילוזיעס פאַר דער צוקונפט. צוזאָגן זיך, אַלס באַלוינונג, גאָלדענע בערג. מיט אַלע מיטלען זיך באַמיט צו פאַרטומלען, די געדאַנקען זאָלן זײַן פרײַ פון דער שווערער ווירקלעכקייט.

פון צײַט צו צײַט פלעגן אָבער מײַנע נערוון ניט אויסהאַלטן. די לעצטע פאָר טעג געפין איך זיך אין אַ צעשרויפטן צושטאַנד. איך האָב דאָס געפיל, אַז עס שטייט מיר אַ קנויל אין האַלדז. די לופט אין שײַער איז, פאַרשטייט זיך, געגנוג פריש, מיר קומט אָבער אויס, אַז איך האָב ניט מיט וואָס צו אָטעמען. עס ווילט זיך מיר אַרויסלויפן פון מײַן לאָך. איך דאַרף נאָר געבן אַ שטופּ די טיר — און איך בין אין אַ גע־דיכטן וואַלד מיט גרינע לאַנקעס. אַלץ לעבט און בליט. עס איז דאָך זומער. עס שמעקט מיט פרישקייט און פרײַהייט. עס ווילט זיך מיר דורכלויפן אין וואַלד, ניט האָבנדיק מורא, אַז עמעצער וועט מיר פון הינטן, סתּם אַזוי, פון פאַרגעניגן וועגן, אַרײַנזעצן אַ קויל. מיר ווילט זיך לויפן און שרײַען — הערן די אייגענע שטים. מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך וואָלט, זײַענדיק אַליין אין פעלד, זיך אויסגעשריִען, וואָלט מיר געוואָרן לײַכטער (מאָדנע ווילדע געדאַנקען). מיר ווילט זיך דורכ־גיין דורך די גאַסן פון שטאָט, אָן לאַטעס, אויף דער לאַווע, ניט אויפן ברוק, ניט מורא האָבן פאַר אַ ליאַדע שטשעניאַק, און ניט אויסמײַדן

סעלעקציע בײַם געטאָ־טויער בעת דער "אַקציע פון די געלע שײַנען",
דעם 24סטן אָקטאָבער 1941.



BEKANNTMACHUNG

Am gestrigen Sonntag nachmittag wurde in der Stadt Wilna aus dem Hinterhalt auf deutsche Soldaten geschossen.

Zwei der feigen Banditen konnten festgestellt werden. Es waren Juden.

Die Taeter haben ihr Leben verwirkt. Sie wurden sofort erschossen.

Zur Verhuetung derartiger feindseliger Akte sind bereits weitere schaerfste Gegenmassnahmen getroffen. Die Vergeltung trifft die Gesamtheit der Juden.

Vorerst ist es darueberhinaus allen Juden beiderlei Geschlechts mit sofortiger Wirkung verboten, ihre Wohnungen in der Zeit von 15 Uhr nachmittags bis 10 Uhr vormittags zu verlassen. Ausgenommen hiervon sind nur diejenigen Juden und Juedinnen, die ausdruecklich zum Arbeitseinsatz befohlen sind.

Die getroffenen Anordnungen dienen der Sicherheit der Bevoelkerung und der Sicherstellung ihres Lebens. Pflicht jedes anständig denkenden Einwohners ist es, daran mitzuhelfen, dass Ruhe und Ordnung herrschen.

Der Gebietskommissar der Stadt Wilna
gez. HINGST

SKELBIMAS

HINGST

OBWIESZCZENIE

Wczorajszej niedzieli po południu strzelano w Wilnie z ukrycia do niemieckich żołnierzy.

Dwuch z tchórzliwych bandytów rozpoznano, byli to żydzi.

Sprawcy przypłacili czyn swój życiem. Zostali natychmiast rozstrzelani.

Aby zapobiec na przyszłość podobnym wrogim wystąpieniom, zarządzono nowe ostre środki zapobiegawcze. Odpowiedzialność spada na całe społeczeństwo żydowskie.

Przede wszystkiem zostało wszystkim żydom płci obojga wzbronione z działaniem natychmiastowym opuszczanie mieszkań w czasie od godz. 15 po południu do 10 rano. Wyjątek stanowią tylko ci żydzi i te żydówki, które mają wyraźny [illegible] pracy.

Podjęte zarządzenia służą bezpieczeństwu ludności i zabezpieczeniu życia mieszkańców. Obowiązkiem każdego rozsądnie myślącego mieszkańca jest współpraca nad utrzymaniem spokoju i porządku.

[illegible]
[illegible] HINGST

"באַקאַנטמאַכונג" פון ווילנער געביטס־קאָמיסאַר הינגסט, אין וועלכער ס'ווערט
געזאָגט אַז יידן האָבן געשאָסן אויף דײַטשע סאָלדאַטן (זען הערה 53).

געטאָ־טורמע אויף לידסקע געסל.



יידישע געטאָ־פּאָליציי.

די ראָגן פון די פּאָסטערונקעס.[37] איך וויל באַקוקן דעם חורבן. צוגיין אויף פּאַנאַר. אויך איך, צו גלײַך מיט אַנדערע, האָב דאָרטן אַ חלק. איך וויל גיין דאָרט, ווו מיר ווילט זיך, אָן פּאַרטיעס און אָן פירער. איך וויל פרײַהייט. דאָס שרײַט אין מיר מײַן גאַנצער וועזן: פרײַהייט; ווי דער־לעבט מען שוין די רגע! איך ווייס, איך גיב זיך אָפּ אַ געטויעם דין־וחשבון, אַז די פרײַהייט וועט מיר קיין גליק ניט ברענגען. עס איז רעכט, אַז דאַן וועל איך זיך דערשפּירן נאָך מער אומגליקלעך. אַ צעבראָכענע סײַ פיזיש, סײַ מאָראַליש, אָן עלנטע, ווי אויף אַ מתים־פעלד, פון יעדער ווינקל קוקן דאָך אַרויס מתים. דערווײַל האָף איך נאָך. יע, איך מוז זיך מודה זײַן, כאָטש דער שׂכל ווײַזט גאָר אַנדערש, אָבער טיף אין האַרצן האָף איך. דעם שׂכל דאַרף מען גלייבן, דאָס האַרץ אָבער שפּירט שטאַרקער. ווער ווייס, אפשר?

איך האָף, איך וויל האָפן, אַז צלאל לעבט. אפשר איז ער אַנטלאָפן צו די סאָוועטן און זיך געראַטעוועט? מען קען דאָך גאָרניט וויסן. אפשר האָט זיך אים אײַנגעגעבן. נאָך דעם וואָס בײַ אונדז איז דאָ פאָרגעקומען, קען מען זיך אויף מיר אויך ניט ריכטן. אָט האָב איך זיך דאָך געראַ־טעוועט. דערווײַל לעב איך. אפשר לעבט ער אויך? דאָס וואָלט פאַר מיר געווען די גרעסטע באַלוינונג פאַר אַלע לײַדן. איך האָב קיין מאָל ניט געגלייבט אין חלומות, איך גלייב אויך הײַנט ניט. נאָר אָט, מיט אַ פּאָר מאָנאַטן צוריק, האָט ער מיר זיך געחלומט. עטלעכע מאָל כּסדר, און שטענדיק אַזוי דײַטלעך, ווי אויף דער וואָר. פון טשעקאָוועס וועגן וועל איך פאַרצייכענען:

איין מאָל זיץ איך אין אַ שטוב אויף אַ סאָפע און ניי. בײַם טיש שטייען מענטשן, ווער — ווייס איך ניט. עס גיט זיך אָן עפן די טיר און ער גייט אַרײַן. ער זעט גאָר אַנדערש אויס. מאָגער, די האָר גאָר

---

[37] פוליש. פּאָליציי־וואַך.

מיט אַ שײטל בײַ דער זײַט, אַרומגעגאָלט, אין שטיוול, אַ שמײכלענ־דיקער. איך בין ניט אימשטאַנד זיך צו שטעלן, איך בלײַב זיצן. איך שרײַ נאָר אױס: צלאל! ער ענטפֿערט מיר: יע, צלאל. ער זעצט זיך צו צו מיר. איך פֿרעג אים אָבער: דאָס ביסטו טאַקע? ער ענטפֿערט מאָדנע: „איך דערקען דיך ניט און דו דערקענסט מיך ניט". ער דריקט מיך צו צו זיך אַזױ שטאַרק, אַז איך כאַפּ זיך אױף...

אַ צװײטן מאָל איז עס גאָר פֿאָרגעקומען אין בערנאַרדינער גאָרטן. דאָס איז געװען אַ שבת. איך בין געקומען מיט אַ פֿור. געבראַכט קאָל־דרעס פֿאַר אַן אַנשטאַלט. ׳איך העלף אַראָפּנעמען די קאָלדרעס פֿון פֿור און טראָג זײ אין געבײַדע. אױפֿן װעג האַלט איך זײ אין אײן פֿאַרלירן. ער גײט אָן. ניט קײן געגאָלטער, אין זײַן קוזשאַװיעץ[38], עפּעס אַן אומע־טיקער. ער גײט מיר נאָך. קלײַבט אױף די קאָלדרעס און דערלאַנגט מיר...

אַ דריטן מאָל, — בין איך געזעסן אױף לוקישקער פּלאַץ מיט באַקאַנטע. מיט אַ מאָל דערזע איך פֿון װײַטן: ער גײט. זײַן נאָרמאַלער אױסזען, אַ שמײכלענדיקער. דעם מאַנטל אױף דער האַנט. אױפֿן אַרבל פֿון זײַן רעקל צוגעטשעפּעט אַ ברײטע װײַסע לענטע מיט אַן אױפֿ־שריפֿט, אַזױ װי בײַ אַן אָרדענער. איך רוף זיך אָן צו מײַנע באַקאַנטע: איר װײסט, אַז מײַן מאַן האָט זיך צוריקגעקערט? איך רוף אים, ער הערט ניט... איך לױף אים נאָך...

אַ פֿערטן מאָל — איך גײ צו בערזאַקן אים רופֿן. איך גײ צו צום פֿענצטער. ס׳זיצט דאָרט חײמאָװיטש און עסט. איך פֿרעג: װוּ איז ער? ער ענטפֿערט: ער װאַשט די הענט. איך דערזע אים: אָן אַ מאַרינאַרקע, אַ לאַכנדיקער. ער שפּרײט פֿונאַנדער דעם האַנטעך אױפֿן טיר. ער הײסט מיר אַרײַנגײן. איך גײ צו צום טיר — זי פֿאַרהאַקט זיך און איך קען ניט אַרײַן. איך האָב זיך דערמיט אַזױ איבערגענומען, אַז איך האָב אױף אַן אמת אָנגעהױבן שרײַען... עס זענען אַריבער עטלעכע מינוטן

[38] פּױליש. האַרבסטמאַנטל.

ביז איך האָב זיך אָריענטירט, אַז איך ליג גאָר אין שײַער... דאַן האָב איך זיך דערשראָקן, צי האָט כאָטש קיינער ניט געהערט מײַנע געשרייען?

נאַרישע מעשׂות, אָבער כ׳האָב דאָס יעדעס מאָל אויף אַן אמת דורכגעלעבט. ער פעלט דאָך מיר אַזוי שטאַרק. מען האָט דאָך מיר אָפּגעריסן אַ טייל פון מײַן לעבן. איך האָב פון אים אַרויסגעזען פרײַנדשאַפט און איבערגעגעבנקייט, דאָס וואָס קיינער ביז אים האָט מיר ניט געגעבן.

צווישן מײַנע אייגענע האָב איך זיך שטענדיק געפילט פרעמד און איינזאַם. ער האָט מיר פאַרביטן אַלץ און אַלעמען. זײַן ליבער, שטענדיק שמייכלענדיקער פּנים פלעגט דאָך מיר אַזוי באַרויִקן. זײַן שטענדיקע רויִקייט און געלאַסנקייט, פּונקט דער היפּוך פון מיר, פלעגט אויף מיר ווירקן ווי אַ באַלזאַם. אין זײַן אָנוועזנקייט האָב איך געשפּירט, אַז ס׳איז מיר גוט, גאָר גוט. איך פלעג אים וויפל מאָל טאַקע זאָגן, אַז איך האָב עפּעס שטאַרק מורא, עס איז מיר צו גוט. ער פלעגט זיך דאַן אויסלאַכן פון דעם. עס איז אונדז קיין מאָל ניט געווען לאַנגווײַליק צוזאַמען. ציִטנווײַז, זומער, פאַרנדיק הינטערן שטאָט, פלעג איך וועלן רופן עמעצן אין קאָמפּאַניע, פלעגט ער זאָגן, אַז ס׳איז ניט נייטיק, מיר וועלן פאָרן אַליין. עס איז אונדז ביידן געווען גוט איינעם מיטן צווייטן. זענען גאָר געקומען די דײַטשן, אַזאַ ציוויליזירט פאָלק, מיט אַזאַ רײַכער קולטור, און אויף אַזאַ באַרבאַרישן אופן אַלץ צעשטערט. מיט דרײַ יאָר צוריק זענען מיר נאָך אַלע געווען מענטשן... אויף אַזאַ נאָענטן אומגליק האָט מען זיך ניט געריכט.

איך קען ניט שרײַבן, עס רײַסט מיר דאָס האַרץ. דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר. געוואַלד, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון די דרײַ יאָר! איך האָב דאָך דאָס אַלץ אַליין דורכגעלעבט. איך אַליין קען דאָס ניט באַנעמען. מיט אמתע בלוטיקע טרערן שרײַב איך די ווערטער.

עטלעכע מאָל געדאַרפט איבעררײַסן, אָפּלייגן דאָס העפט און ווידער זיך נעמען צום שרײַבן.

22סטער יוני 1941. דאָס איז געווען זונטיק, אַ שיינער, זוניקער טאָג. מיר איז גראָד אויסגעפאַלן וויכאָדנאָי [39]. ווי שטענדיק אין אַזעלכע טעג, האָבן מיר זיך געקליבן צו פאָרן מיטן דאַמפּער קיין ווערעק [40]. כ'האָב זיך דאַן אײַנגעשפּאַרט, איך וועל פרי‌ער מאַכן אַן אָרדענונג אין שטוב. האָט זיך דאָס בײַ מיר פאַרצויגן ביז צען אַ זייגער. צלאל איז צוליב דעם געווען ניט צופרידן. דאָך האָט ער אַלץ אײַנגעפּאַקט אויף מיט־צונעמען און מיר האָבן שוין געהאַלטן בײַם אַרויסגיין פון שטוב. מיט אַ מאָל האָבן זיך אַ שאָט געגעבן באָמבעס, אמתע באָמבעס! ניט ווי בעתן פּרווו־אַלאַרעם.

מיר זענען געבליבן געפּלעפּטע. עס איז אונדז מיט אַ מאָל געוואָרן פינצטער. פון דאַן אָן האָט שוין די זון פאַר אונדז מער ניט געשײַנט.

איך האָב אָפּגעוואַרט מײַנע אַ מיטאַרבעטערין, צו דערוויסן זיך ווי מיר האַלטן. — מען האָט באַרו‌יקט און געהייסן מאָרגן קומען צו דער אַרבעט. צום אומגליק האָט מען נאָך מורא צו רעדן איינער מיטן אַנדערן. און באָמבעס פאַלן.

אויף מאָרגן 8 פרי גיי איך אין ביוראָ, איך וויל עמעצן זען. אַלץ איז געשלאָסן. גיי איך דורך דאָמיניקאַנער גאַס, צום טויער. מען לאָזט מיך אַרײַן. איך לויף אַרויף אויף די טרעפּ, די טיר איז געשלאָסן. איך קלאַפּ, איך קלינג, קיינער ניטאָ. לויף איך שוין צוריק. איך קוק זיך אום — אויפן הויף פול מענטשן, סאַמע ליטווינער. עס שפּירט זיך אַ צערודערונג. ערשט שפּעטער האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אין וואָס פאַר אַ געפאַר איך האָב זיך געפונען. מען האָט דאָך דאַן גלײַך אַרעסטירט אַלע סאָוועטישע אָנגעשטעלטע.

איך האָב נאָך געפּרווט אָנבינדן אַ טעלעפאָנישן קאָנטאַקט מיט נאָ־

---

[39] רוסיש. רוטאָג.

[40] ווערקי — דאַטשע־אָרט הינטער ווילנע, בײַ די ברעגן פון דעם טײַך ווילי‌ע.

טשאַלסטעווע. אומזיסט, אַלע ליניעס איבערגעריסן. געקומען צו מיר אַ מיטאַרבעטערין, אַ ליטווינקע, און געזאָגט אַז אירער אַ חבר דאַרף באַלד קומען מיט אַ מאַשין. אויב איך וויל, קען איך מיטפֿאָרן. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך וויל. איך האָב זיך צוגעגרייט אַ קליין פּעקעלע. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. ער איז ניט געקומען. אַזוי זענען מיר געבליבן אין פּאַסטקע.

עס האָבן זיך אַ שאָט געגעבן פֿאַראָרדענונגען, דורכויס בנוגע ייִדן. ייִדן דאַרפֿן טראָגן אַן אָפּצייכענונג. אַ לענטע מיט אַ מגן־דוד אויפֿן אַרבל. אין אַ קורצער צײַט אַרום אַן אויסבעסערונג: געלע לאַטעס, פֿון פֿאָרנט און אויף דער פּלייצע. ייִדן טאָרן ניט גיין מיטן טראָטואַר, נאָר מיטן ברוק, אין דער רעכטער זײַט. ייִדן טאָרן ניט גיין אין די הויפּט־גאַסן, נאָר דורך די זײַטיקע געסלעך, געוויסע אויסגערעכנטע וועלכע. ייִדן מעגן גיין נאָר ביז זעקס אַ זייגער פֿאַר נאַכט. שפּעטער אַן אויסבעסערונג: נאָר ביז דרײַ בײַ טאָג. מען האָט אָנגעהויבן אַרויסוואַרפֿן פֿון די וווינונגען און צונעמען די מענער בײַ די אַרויסגעוואָרפֿענע. די משפּחות מיט די פּעקלעך איבערגעלאָזן אויף די הייפֿן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען זיי אַרײַנגעלאָזן צוריק אין די וווינונגען, די מענער אָבער האָט מען שוין ניט באַפֿרײַט.

מען כאַפּט פֿון גאַס מענער. אַ סברה: צו דער אַרבעט. בײַ נאַכט לאָזט מען זיי אָפּ אַהיים. ביז מען האָט געמאַכט אַן אָבלאַווע איבער גאַנץ שטאָט. עס האָבן זיך געגעבן אַ לאָז טאַקסוווקעס און גרוזאָוויקעס אויפֿצוקלײַבן די געכאַפּטע סײַ פֿון גאַס, סײַ פֿון די הײַזער. דערבײַ פּלעגט מען אויסזוכן אַלע ווינקעלעך. דאַן איז אַרײַנגעפֿאַלן צלאַל.

איך פּלעג זיך אַ לענגערע צײַט מאַכן פֿאַרוווּרפֿן, אַז איך האָב אים געדאַרפֿט אויסהיטן. הײַנט זע איך, אַז עס איז אומזיסט. אפֿשר איז גאָר אַזוי בעסער. מען האָט זיי דאַן אַרויסגעשיקט, אַזוי האָט מען געזאָגט. אפֿשר האָט ער זיך פֿון דאָרט געראַטעוועט. דעם 13טן יולי איז דאָס

געווען. די דאָטע וועט מיר בלײַבן אויף אייביק אין זכּרון. איך האָב גע־האַלטן אין צוגרייטן מיטאָג. ער איז געזעסן אויף די טרעפּ, באַהאַלטן אונטער אַ פֿאָרהאַנג. ער איז אַרײַן אין צימער, רויִק ווי שטענדיק, און הייבט זיך אָן פּאַקן. נעמט זײַן אָסיען־מאַנטל, הייסט מיר געבן אַ לעבל ברויט, קאָנסערוון און רופֿט זיך אָן צו מיר: „מען גייט מיך נעמען". איך רעד אים צו ער זאָל זיך באַהאַלטן, ענטפֿערט ער, אַז עס איז צוועקלאָז.

עס גייט אַרײַן אַ דײַטש. זעענדיק אַז ער פּאַקט זיך, איז ער זייער „פֿרײַנדלעך" און לאָזט אים גאָרניט מיטנעמען, צוזאָגנדיק אַז אין אָוונט וועט ער אים אָפּפֿירן צוריק. ער איז אַוועק אָפּילו אָן אַ מאַרינאַרקע. אין אַ גימנאַסטיאָרקע, אויסגעשניטן בײַם האַלדז און מיט קורצע אַרבל און דער קוזשאָוויעץ אויף די פּלייצעס, אין זומער־טופּל אויף די באָר־וועסע פֿיס. ער האָט זיך נאָך אומגעקערט פֿון די טרעפּ, איבערגעלאָזן דעם זייגער און דעם פּאָלאַרעס. איך האָב אים נאָך געהאַלטן פֿאַרן האַנט. ער האָט מיר געדריקט די האַנט ביז ווייטיק. דאָס איז געווען אונדזער לעצטע געזעגעניש.

איך בין געבליבן אַליין. ווי משוגע. איך האָב נאָר געשפּירט, אַז בײַ מיר איז אַלץ אײַנגעפֿאַלן און איך געפֿין זיך צווישן בראָכשטיקער. שרײַען, טענהן, ווי די איבעריקע האָבן דאָס געטאָן, בין איך ניט אימשטאַנד. איך בין אַרײַן צו זיך אין צימער, אָנגעוואַרעמט וואַסער און זיך גאָר געשטעלט וואַשן זײַנע קאָלירטע וועש. אפשר וועל איך אים קענען שיקן אַ פּעקל. די שכנים, דערזעענדיק דאָס, האָבן געמיינט אַז איך בין אַראָפּ פֿון זינען...

עס גייט זיך אָבער אַזוי גיך ניט אַראָפּ. קענטיק, אַז דער שוואַכער מענטש איז איינע פֿון די שטאַרקסטע באַשעפֿענישן.

אין אָוונט האָב איך זיך געזעצט אויף די טרעפּ וואַרטן. איך בין געווען אַזוי פֿאַרנאַרישט, אַז איך האָב אַ לענגערע צײַט געגלייבט, אַז מען וועט אים באַפֿרײַען. אַ סך שלאָפֿלאָזע נעכט האָב איך פֿאַרבראַכט אויף די טרעפּ, איך פֿלעג אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. פּעסיע איז אַוועק שלאָפֿן צו אַ שכנטע. אַלע פֿלעגן גיין איינע צו דער צווייטער. מען

פלעגט אַנטלויפן פון די אייגענע הײַזער. עס איז געווען פינצטער אין יעדן ווינקל. מען האָט זיך ניט געפונען קיין אָרט. וועמען פריִער, וועמען שפעטער, מען האָט צוגענומען אַלע מענער פון הויף. עס האָבן ניט געהאָלפן קיין באַהעלטענישן.

איך בין אַרײַן אין שטוב און זיך גוט אויסגעוויינט אויפן קול. דער אופּראַוודאָם[41], אַ זאַיאַדלער[42] ליטווין, האָט גלייך, מיט אַ ניט־פאַרמאַסקירטן פאַרגעניגן, אויסגעמאָלדן אַלע צוגענומענע מענער. בײַם אַרויסגעבן די ברויטקאַרטן האָט ער אונטערגעשטראָכן: פאַר די מענער קיין קאַרטן גיט מען ניט. אויף די קאַרטן איז געווען אַ באַמערקונג „פאַר ייִדן", מען זאָל אַרויסגעבן אַ קלענערע פאַרציע ברויט.

עס זענען אַוועק עטלעכע טעג און די מענער זענען ניטאָ, האָט מען זיך אָנגעהויבן טרייסטן, אַז מען וועט זיי האַלטן אַ חודש און דאַן בײַטן, די אָפּלאָזן און נעמען אַנדערע. דערווײַל האָט מען אַרויפגעלייגט אַ קאָנטריבוציע[43]: אַרײַנטראָגן אַ באַשטימטע סומע (איך געדענק שוין ניט וויפל, אָבער אַ קאָלאָסאַלע), דאַן וועט מען באַפרײַען אַלע מענער. דערבײַ האָט מען גענומען נײַע זאַקלאַדניקעס[44], די סאַמע אָנגעזעענסטע לײַט פון קהילה. צווישן זיי אויך ד"ר וויגאָדסקי.[45] עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד זענען אַרומגעלאָפן די געשאַפענע קאָמיטעטן, ווי פאַרסמטע מײַז.

---

41 רוסיש. אַברעוויאַטור פון „אופּראַוולאַיושטשי דאָמאַמי". טײַטש: הויז־אַדמיניסטראַטאָר.

42 רוסיש. פאַרביסענער.

43 די גרייס פון דער קאָנטריבוציע איז געווען 5 מיליאָן רובל. 2 מיליאָן האָט געדאַרפט צוגעשטעלט ווערן גלײַך אויף מאָרגן נאָכן באַקומען די פאַראָרדענונג, 9 אַ זייגער אין דער פרי. לויט ד"ר מ. דוואָרזשעצקי (דצ"וו, ז' 43) איז די פאַראָרדענונג איבערגעגעבן געוואָרן דעם יודענראַט דעם 6טן אויגוסט 1941; בײַ ש. קאַטשערגינסקי (חורבן ווילנע, ניו־יאָרק, „ציקאָ", 1947, ז' 30) איז פאַרצייכנט די דאַטע פון 10טן אויגוסט.

44 פויליש. ערובניקעס.

45 [יעקב] געזעלשאַפטלעכער טוער, געוועזענער דעפּוטאַט אין פוילישן סיים און פאָרזיצער פון ווילנער ייִדישער קהילה. געבוירן אין באָברויסק 1855, אין ווילנע פון 1884. פאַרפײַניקט אין לוקישקער טורמע אין 1941, אין די ערשטע חדשים פון דער נאַצישער הערשאַפט.

געקליבן געלט, בריליאַנטן, פוטערס, ווערטפולע חפצים. די דײַטשן האָבן געוואָרנט, אַז אויב מען וועט צום באַשטימטן טערמין ניט צושטעלן די געפאָדערטע סומע, וועלן זיי אויסהרגענען אַלע זאַקלאַדניקעס און זיך נוקם זײַן אין דער ייִדישער באַפעלקערונג. אין דעם זין האָט מען געמעגט האָבן צו זיי צוטרוי...

סוף־כל־סוף האָט מען צוגעשטעלט די געפאָדערטע סומע, אָבער די זאַקלאַדניקעס האָט מען ניט באַפרײַט, אויך ניט די פריִער פאַרכאַפּטע מענער. פאַרקערט, זיי האָבן געהאַלטן אין נעמען נאָך מער און מער. אין שטאָט האָבן געבושעוועט באַנדעס ליטווינער, „כאַפּונעס" [46]. מען האָט דערציילט, אַז זיי קריגן באַצאָלט צען רובל פון קאָפּ. זענען זיי גע־ווען פאַראינטערעסירט צו כאַפּן וואָס מערער מענער. זיי פלעגן שוין אַרויסשלעפּן פון די בעסטע באַהעלטענישן. איין מאָל, אין מיטן נאַכט, האָב איך דערהערט ווי מען רײַסט אונדזער טויער מיט מוראדיקע גע־וואַלדן. אַ שרעק איז מיך באַפאַלן. צלאל איז שוין ניט געווען. מען ווייס דאָך אָבער קיין מאָל ניט, נאָך וואָס זיי גייען. צי זוכן מענער, צי ראַבירן, צי סתּם הרגענען. זיי האָבן געהאַט רעכט צו טאָן מיט אונדז, וואָס זיי האָבן געוואָלט. קיין שטראָף האָט ניט געקומט פאַר הרגענען אַ ייִד. אינסטינקטיוו האָב איך אָנגעהויבן צו באַהאַלטן זאַכן. פּאַקטיש — פון איין ווינקל אין אַ צווייטן.

עס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין הויף אַ באַנדע פון אַ מאָן צען „כאַ־פּונעס". זיי האָבן זיך צעטיילט צו צוויי און אַרײַן אין די הײַזער זוכן מענער. געזוכט אויף די בוידעמער, אין די קעלערן, אין אַלע לעכער. אויסגערייניקט דעם הויף פון אַלע מענער. מיר זענען פאַרבליבן בלויז פרויען. אַזוי האָט מען געררייניקט די גאַנצע שטאָט. מען האָט צוגענומען אַפילו דרײַצן־פערצן־יאָריקע קינדער.

---

[46] ליטווישע נאַציאָנאַליסטן און כל־המינים באַנדיטן אין דינסט בײַ די דײַטשן; אָנגעהע־ריקע, מערסטן טייל, צו דער ליטווישער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע איפּאַטינגאַ (ספּעציעלע), וועלכע האָט אָנגעפירט מיט די בלוטיקע מעשׂים קעגן ייִדן. זייער שטאַב האָט זיך געפונען אויף ווילנער גאַס 12.

קען מען דען באַשרײַבן די פאַרצווייפלונג פון די מוטערס? אַז מען זאָגט אַז אַ מענטש איז שטאַרקער פון אײַזן, איז עס טאַקע אַזוי. וואָס ווײַטער ווערט מען אַלץ מער פאַרשטיינערט. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז ראַטעווענדיק זיך פון פאַנאַר פלעגן מוטערס גיין איבער די טויטע קערפּערס פון זייערע קינדער. ווי טרויעריק און שרעקלעך דאָס איז; אַ מוטער האָט דערציילט, אַז אַריבערלויפנדיק דעם טויטן קערפּער פון איר אייגן קינד האָט זי דערזען צווישן די מתים אַ לעבעדיק מיידעלע. זי האָט געכאַפּט דאָס מיידעלע און געקומען צו לויפן מיט איר אין געטאָ.

וועגן די מענער זענען ניט געווען קיינע ידיעות. קיינער האָט ניט געוווסט ווו מען האָט זיי אַרויסגעפירט. וועגן אויסהרגענען אַזוי פיל מענטשן האָט מען זיך נאָך דאַן גאָר ניט געקענט פאָרשטעלן. איך רעכן, אַז בעת־מעשׂה האָט מען זיי אַוועקגעפירט ערגעץ אויף אַרבעט, דערבײַ געוויס דורכגעפירט אַ סעלעקציע, געווען צווישן זיי אַ סך אַלטע און קראַנקע.

בײַם כאַפּן האָט מען זיך ניט פונאַנדערגעקליבן — אַבי אַ קאָפּ.

די פרויען האָבן ניט גערוט, געלויערט, געזוכט (נאָר מיט דער צונג, קיין אַנדערע מיטלען זענען ניט געווען...). איינע פון מײַנע שכנטעס פלעגט האַלטן אין איין אַרומגיין. טאָג־טעגלעך לויפן אין קהילה, אפשר האָבן זיי זיך וואָס דערוווסט, גיין צווישן באַקאַנטע, אפשר האָבן זיי וואָס געהערט. זי איז אַפילו מיט אַ באַקאַנטן קריסט אַוועק צו אַ ליטווישן אַדוואָקאַט, אפשר קען ער וואָס דערגיין? מיר פלעגן אַלע וואַרטן, באַלד וועט קומען פרוי אַרליוק, אפשר וועט זי ברענגען נײַס. זי פלעגט קומען אַ פאַרמאַטערטע, אַ צעקלעמטע, אַלץ אומזיסט, קיינע שפּורן. אַ געוויסן טאָג האָט זי געבראַכט נײַס: אין קהילה זענען אָנגעקומען בריוו. מען האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין קהילה. דערווײַל האָט מען דאָרט גאָר צונויפגענומען אַ גרופּע פרויען און אַוועקגעשלעפּט צו דער אַרבעט. בריוו זענען טאַקע אָנגעקומען, אָבער נאָר פון די וואָס זענען פרײַוויליק אַוועק־

געפאָרן אויף טאָרף־אַרבעט אין בעזדאַן[47], קענע[48] און רעשע[49]. האָט מען צווישן זיך געטענהט: „ווען מײַן מאַן וואָלט דאָס געהאַט שׂכל צו פאָרן פרײַוויליק!" און אין אַ צײַט אַרום, שוין נאָך עטלעכע טשיסטקעס אין געטאָ, האָט מען אויך יענע „חכמים", אַחוץ די רעשער, אויסגעהרגעט. ווי מען האָט זיך ניט געקליגט, איז מען אַלץ געבליבן נאַראָנים. נאָך דער מלחמה וועט מען אפשר קענען פעסטשטעלן, צי עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן היטלערן איבערגעקליגט...

שוין זייענדיק אין געטאָ, האָט מען דערציילט, אַז אין אַ גרוזאָוויק, מיט אַ דײַטש, איז געפאָרן טאַרענבאַרג (אפילו די פאַמיליע אָנגעגעבן) — מען האָט אים צוגענומען דעם זעלבן טאָג וואָס צלאלן — און ער האָט געגעבן אַ געשריי צו אַ ייִדן, ער זאָל אָנזאָגן זײַן משפּחה, אַז ער לעבט און געפינט זיך אין אַ לאַגער מיט אַ סך ווילנער. אויב עס איז אַפילו אַן אמת, איז אָבער ניט קיין פאַקט אַז זיי לעבן אויך איצט.

מען האָט די ייִדן ניט פאַרלאָזן, נאָר געהאַלטן אין באַזאָרגן מיט נייע פאַראָרדענונגען...

מען האָט אָנגעהויבן אָפּצושרײַבן ייִדישע מעבל. מיר האָט זיך נאָך אַלץ געדאַכט, אַז איך וועל זיך דערוואַרטן צלאלן, אַז ער וועט זיך אומקערן. האָט זיך מיר געוואָלט אײַנהאַלטן אַלץ ווי ער האָט געלאָזן. איך

---

[47] אַ שטעטל 40 קמ פון ווילנע. קרוב 400 ווילנער ייִדן (אין דער לעצטער תּקופֿה) זענען דאָ געווען באַשעפטיקט בײַ טאָרפאַרבעט. דעם 9טן יולי 1943 איז דער לאַגער אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דײַטשישע און ליטווישע זעלנער, וועלכע האָבן באַוואָרפן מיט גראַנאַטן די בנינים און זיי אונטערגעצונדן. די וואָס האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן זענען דערשאָסן געוואָרן, די וואָס זענען געבליבן זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט.

[48] אַ שטעטל בערך 30 קמ פון ווילנע. טאָרפלאַגער, וווּ ס'האָבן געאַרבעט קרוב 200 ווילנער און 70 ייִדן פון קענע. אומגעבראַכט אויף אַן אַכזריותדיקן אופן דעם 8טן יולי 1943.

[49] טאָרפלאַגער 15 קמ פון ווילנע. דאָ האָבן געאַרבעט אַ פּאָר הונדערט ייִדן פון ווילנע און אַנדערע שטעט. נאָך דער ליקווידאַציע פון בעזדאַנער לאַגער אַריבערגעפירט אין ווילנער געטאָ. אין רעשער לאַגער האָט זיך געפונען הירש גליק, דער מחבר פון ייִדישן פּאַרטיזאַנער־הימען.

האָב אָנגעהויבן צו זוכן מיטלען צו פאַרהיטן די מעבל. הײַנט לאַך איך פון זיך אַליין. איך האָב פונאַנדערגענומען דעם בופעט. פון אונטערשטן טייל געמאַכט אַ קיכטישל, דעם אייבערשטן טייל פאַררוקט און פאַר־שטעלט. דעם אַלמער פאַרכליאַפּעט, ער זאָל ניט האָבן קיין אויסזען. דעם לאָמפּ אַראָפּגענומען און באַהאַלטן. נאָר מיטן טיש האָב איך זיך ניט געקענט געבן קיין עצה. מיר האָבן אים שטענדיק אַזוי געהיט, האָט ער געבלישטשעט ווי אַ שפּיגל.

מיטן ליטווין האָט זיך מיר אײַנגעגעבן. ער האָט אָפּגעשריבן נאָר דעם טיש מיט די שטולן. איך האָב געזען, אַז מען פירט אַרויס פון די הײַזער וואָס מער מעבל, האָב איך גאָר מײַנע פאַרקויפט. אַפילו דעם אָפּגעשרי־בענעם טיש. איך האָב שטאַרק ריזיקירט. פון אַ ייִדישער שטוב האָט מען ניט געטאָרט קיין זאַך פאַרקויפן. איך בין יענעם טאָג געווען שטאַרק דענערווירט, ביזן העכסטן גראַד, עס איז אָבער אַדורך. אויף מאָרגן בין איך אַרומגעלאָפן זוכן אַ טיש. אַנשטאָט דעם אָפּגעשריבענעם האָב איך אַוועקגעשטעלט אַ פּשוטן. פון בוידעם אַראָפּגעשלעפּט צוויי קאַסטנס. גראַד איז בײַ מיר געווען דוסיע, האָט זי מיר געהאָלפן. מיר האָבן דאָרט געמאַכט פּאָליצעס און אַלץ פון בופעט פונאַנדערגעשטעלט. די זאַכן פון אַלמער האָב איך אַוועקגעלייגט אין אַ גרויסער קאָרב. איך האָב נאָך דאַן אַלץ געהאַלטן בײַ זיך. איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז ווי איך גיב אַוועק איז שוין דאָס ניט מײַנע. האָב איך ריזיקירט, אפשר וועט מען לאָזן אויף אַן אָרט און עס וועט ניט זײַן קיין געטאָ. מיר איז אויסגע־קומען, אַז אויב מען נעמט די מעבל, הייסט דאָס אַז מען לאָזט אונדז אויף די ערטער, אַניט בלײַבט דאָך די מעבל אַלץ איינס. איך האָב גע־זוכט לאָגיק. לויט דער שפּעטערדיקער האַנדלונג האָט מען שוין געזען, אַז לגבי ייִדן עקסיסטירט בײַ זיי ניט קיין לאָגיק. אַ באַנדע ליטווינער, לײדיקגייער, האָבן די מאַכט איבער אונדז. אַ באַפרידיקונג פאַר זייער פאַרלאָרענעם פאָטערלאַנד — גיט מען זיי פרײַע הענט איבער די ייִדן. באַלעבאַטעווען זיי איבער אונדז. שפּילן זיך. נעמען צו די מעבל. וואַרפן אַרויס פון די דירות, לאָזן צוריק אַרײַן. מאַכן פון צײַט צו צײַט פּאָגראָ־

מען. אויף נאָוואָגראָדער דורכגעפירט אַן אמתן פּאָגראָם [50], אויסגעהרגעט אַ היפּש ביסל ייִדן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אייניקע האָבן שוין אָנגעהויבן צו רעדן, אַז עס איז שוין בעסער אַ געטאָ, אַז עס וועט זײַן רויִקער. ניט יעדער כּוליגאַן וועט האָבן רעכט אַהין אַרײַנצוגיין. אָך און ווײ צו דער בעסערקייט.

אין אַ וואָך אַרום, נאָכן פֿאַרקויפֿן מײַנע מעבל זענען מיר שוין געווען אין געטאָ [51]. אין אַ פֿאַרנאַכט האָב איך זיך צוריקגעקערט פֿון לוקישקעס [52], פֿון מײַנע עלטערן. אויפֿן וועג האָט מיך אַ באַקאַנטע געוואָרנט, איך זאָל ניט גיין, אין די ייִדישע געסלעך איז טומלדיק. איך האָב זיך ניט אָפּגעהאַלטן. אַוועק דורך איגנאַטאָווסקע, דאָמיניקאַנער געסל צום ראָג ייִדישע גאַס, בײַ די ראָגן גלעזער־גאַס, יאַטקעווער, ייִדי־שע — פֿול דײַטשן און ליטווינער, שיכּורע אויף טויט. מיט נסים האָב איך זיך דאַן צווישן זיי דורכגעריסן דורך גאון־געסל און שוואַרצאָווע צו זיך אויף מילאָסיערנע. אויף מאָרגן האָט מען קיין ייִדן אין גאַנצן פֿון די הײַזער ניט אַרויסגעלאָזן. די „גוטע פֿרײַנד״, די קריסטן, וואָס פֿלעגן קומען צו די ייִדן נעמען זאַכן, פֿלעגן אונדז ברענגען אַלע נײַס. צו פּעסיען איז געקומען אַ באַקאַנטער, אַ דאָרפֿישער פּויער. נעמענדיק מישעס זאַכן פֿלעגט ער יעדע זאַך פּאַסן אויף זיך. עס האָט גוט געשניטן אין האַרצן. ער האָט מיר אויך פֿאַרגעלייגט, אַז ער קען מיר טאָן די טובֿה, קומען מיט אַ פֿור אַלץ צונעמען. פּעסיע פֿלעגט זיך חכמענען, אַז

---

50 לויט מ. דוואָרזשעצקי (דצ״וו, ז׳ 32) האָבן דעם פּאָגראָם אויף נאָוואָגראָד דורכגעפירט באַוואָפֿנטע דײַטשן. לויט אַ פֿאַרשפּרייטער ווערסיע — פֿאַר דעם וואָס אַ ייִד האָט אָפּגעשטופּט אַ דײַטש און אים פֿאַרווונדעט, ווען יענער האָט אים געוואָלט אַרויסטרײַבן פֿון אַ ריי נאָך ברויט. קרוב 700 ייִדן זענען דאַן (דעם 17טן יולי 1941) אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פֿון די הײַזער, געפּײַניקט געוואָרן אויפֿן נאָוואָגראָדער מאַרקפּלאַץ און דערנאָך אין לוקישקער טורמע. פֿון דאָרט האָט דער וועג געפירט אויף פּאָנאַר.

51 אָנהייב ווילנער געטאָ — 6טער סעפּטעמבער 1941.

52 געמיינט פּלאַץ און דערבײַיִקע געסלעך לעבן דער לוקישקער טורמע.

מיט יעדער פּעקל וואָס זי גיט אַוועק, ווערט איר גרינגער — עס גייט אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרצן. איך האָב זיך נאָך אַלץ געהאַלטן מיט די שטיינער...

די „גוטע פֿרײַנד" האָבן אונדז יענעם טאָג דערציילט, אַז מען האָט אַרויסגעפֿירט אַ גאַנצן קוואַרטאַל ייִדן. עס האָט זיך צעטראָגן אַ מעשׂה, אַ פּראָוואָקאַציע [53], אַז ייִדן האָבן דערהרגעט אַ דײַטש, האָט מען זיך דאָס אויף אַזאַ אופֿן אָפּגערעכנט. פֿון פֿריִער זענען די ייִדן געווען צוגע־גרייט אַז מען כאַפּט מענער, זענען אַלע פֿרויען מיט די קינדער געבליבן אין די הײַזער, די מענער האָבן זיך באַהאַלטן. אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיך דאַן געראַטעוועט נאָר אַ ביסל מענער. מען האָט אויסגערייניקט גאַנץ גלעזער־גאַס, יאַטקעווער, ייִדישע, דאָמיניקאַנער געסל, גאון־געסל און אַ טייל דײַטשישע [54]. מען האָט ניט דורכגעלאָזן, בוכשטעבלעך, קיין איין וווינונג. אַלעמען אָן אויסנאַם אַרויסגעפֿירט. באַפֿרײַט אַלע וווינונגען.

איך האָב שוין דאַן פֿאַרשטאַנען, אַז איך וועל גאָרניט אויסשפּעקו־לירן. איך דאַרף ניט זײַן קיין אויסנאַם און אויך אַוועקגעבן די זאַכן, ביז עס איז נאָך ניט שפּעט. אין פֿאַל אַז איך וועל דאַרפֿן, וועל איך אפֿשר כאָטש עפּעס קריגן. לאָזנדיק אין שטוב, איז דאָך זיכער פֿאַרפֿאַלן. איך האָב זיך דאַן ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז די אַלע, עטלעכע טויזנט מענטשן [55], האָט מען גאָר אויסגעהרגעט. אויף מאָרגן האָב איך זיך מיט געוואַלד דורכ־

---

[53] פֿאַרצייכנט אין דער געטאָ־כראָניק אונטערן נאָמען די ערשטע אָדער גרויסע פּראָ־וואָקאַציע. אונטערן אויסרייד, אַז ייִדן האָבן פֿון אַ באַהעלטעניש געשאָסן אויף דײַטשע זעלנער (פֿאַרעפֿנטלעכט דעם 1טן סעפּטעמבער 1941 אין דער באַקאַנט־מאַכונג פֿון געביטס־קאָמיסאַר הינגסט), האָבן ספּעציעלע דײַטשע באַטאַליאָנען, דעם 31סטן אויגוסט, אַרומגערינגלט דעם ייִדישן קוואַרטאַל, אַרויסגעטריבן פֿון די הײַזער קרוב 10.000 ייִדן און אונטער אַ האָגל פֿון קלעפּ געטריבן צו די גריבער אין פּאָנאַר. אין די ליידיקע הײַזער זענען אין 6 טעג אַרום אַריבערגעפֿירט געוואָרן די איבעריקע ווילנער ייִדן און דאָ זענען געשאַפֿן געוואָרן די געטאָס נומ׳ 1 און נומ׳ 2.

[54] חוץ די אויסגערעכנטע אויך לידסקע געסל, שאַוולער, סטראַשון, רודניצקע און אָשמענער גאַסן.

[55] איבער 10.000 נפֿשות, אומגעבראַכט אין פּאָנאַר.

גערישן צו מײַן קריסטין. צוויי מאָל האָבן מיך פּאָליציאַנטן אומגעקערט. איינער האָט מיר אַפילו מכבד געווען מיט אַ קלאַפּ. איך פלעג זיך צו־ריקקערן און גיין דורך אַן אַנדער געסל.

די קריסטין האָט זיך ניט געלאָזט בעטן. האָט געשיקט איר דינסט מיט יענערס אַ חברטע. זיי האָבן אין פאַרלויף פון דרײַ טעג, פון פרי ביז אָוונט, געשלעפּט מײַנע פּעק. פירן איז געווען אַ ריזיקע. די לעצטע טעג איז געוואָרן נאָך שטרענגער. מען פלעגט קאָנטראָלירן אין גאַס. פאַרן אויסבאַהאַלטן יידישע זאַכן — טויטשטראָף! אויפן פערטן טאָג האָבן זיי שוין פאַרשפּאַרט, — מען פירט אין געטאָ. איך כאַפּ אַ קוק פון באַלקאָן, איך זע אויפן ברוק, אין מיטן גאַס, אײַנגעבויגענע פּלייצעס מיט פּעק.

די אויגן זענען מיר געוואָרן אַזוי ווי פאַרצויגן, — עס איז מיר אויסגעקומען, אַז דאָס קומט פאָר מיט הונדערטער יאָרן צוריק און איך זע דאָס גאָר אויפן עקראַן, אין קינאָ. מײַן קאָפּ האָט דאָס ניט געקענט באַנעמען. איז דאָס דען אויך אַן אמת? אָט פירט מען שוין פון מילאָ־סיערנע 41, באַלד קומט מען צו אונדז אין נומער 2. מיר קלערט זיך נאָך אַלץ, אַז עס קען דאָך אין דער לעצטער מינוט וואָס געשען, עפּעס אַן איבערקערעניש, און אַלעמען באַפרײַען. אינסטינקטיוו האָב איך זיך גע־גרייט אַ פּעקל, דאַכט זיך, דעם מינימום, דאָס סאַמע נייטיקסטע, און איך קען אים אַפילו ניט אויפהייבן. כ'האָב צוריק אַלץ אַרויסגעוואָרפן, רעדוצירט. ווײַטער דאָס זעלבע, ניט פון אָרט. עטלעכע מאָל אים פאַר־קלענערט, דערפירט צו דעם איך זאָל קענען ווי ניט איז דערשלעפּן.

עס זענען אָנגעגאַנגען פיל קריסטן. געכאַפּט וואָס עס איז נאָר אַרײַנגעפאַלן אין האַנט. אַ קישן מיט אַ קאָלדרע האָב איך אָוועקגעגעבן אַ קריסטין, וואָס איז גראַד געשטאַנען בײַם ראַנד. איך בין אַלץ איינס ניט געווען אימשטאַנד דאָס אַלץ מיטצושלעפּן. אין אַ קורצער צײַט אַרום, ווען איך האָב בײַ איר דאָס געבעטן צוריק, האָט זי אין גאַנצן געלייקנט.

אויך מײַן באַקאַנטע איז געקומען מיט דער דינסט. אויך זי איז

געקומען פון פרײַנדשאַפט וועגן, עס האָט זיך אָבער געשפּירט, אַז זי קלערט, אַז איך וועל שוין גאָרניט דאַרפן. זיי האָבן זיך אַ סך בעסער אָריענטירט אין אונדזער לאַגע. אויף אונדזער הויף האָט געוווינט אַ קריס־טין, וואָס איז געווען בײַ ייִדן אַכצן יאָר. איר באַלעבאָסטע, פרוי אַרליוק, האָט איר געהויבן אין הימל אַרײַן — סאַמע אָרנטלעכקייט. האָב איך דעם גאַנצן פרימאָרגן, ביזן סאַמע אָנקומען פון די ליטווינער, געשלעפּט צו איר די איבערגעבליבענע זאַכן. אַלץ אָן אויסנאַם. אַפילו די באַלייע מיט אַ נעצקע, אַ שיסל, סערוויזן, קאָנפיטורן, מאַרמעלאַדן. וואָס ניט?

זאַפּאַסן האָבן מיר געהאַט ניט אַ ליאַדע וועלכע, דאָס איז שוין געווען צלאלס שוואַכקייט. אין לעצטן מאָמענט, די ליטווינער זענען שוין געווען אויפן הויף, האָב איך נאָך אַריבערגעשלעפּט צו איר אין אַ קאָשיק, פאַרלייגט מיט שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, אומגעפער אַ פופצן קילאָ מעלצוקער, באַזאָרגט זי מיט אַלץ פון כּל־טוב. עס האָט זיך מיר ניט געוואָלט איבערלאָזן אין שטוב אויף הפקר. עס איז אָבער געווען אין גאַנצן אומזיסט מײַן פּראַצע. איך האָב ריזיקירט פון געטאָ, אָן לאַטעס, צו איר, האָט זי מיר געענטפערט, אַז די ליטווינער האָבן אַלץ צוגענומען. נאָר אַ מענער־אָנצוג האָב איך בײַ איר אַרויסגעריסן. און דאָס אויך מיט דער הילף פון מײַן באַקאַנטן קריסט.

עס איז גאָרניט פאָרגעקומען, גאָרניט געשען, קיינע נסים, ווי איך האָב געוואָרט, און צו אונדז זענען די ליטווינער[56] געקומען, געגעבן פופצן מינוט אויף צו קלײַבן זיך. אונדזער ליטווין האָט זייער פרײַנד־לעך געזאָגט, מיר זאָלן זיך ניט מיִען צו שלעפּן שווערע פּעק, ווײַל ניט קענענדיק דערטראָגן, וועלן מיר דאַרפן וואַרפן אין וועג, ווי אַנדערע האָבן דאָס געטאָן. ער, אַלס קעראָווניק[57] אויף אונדזער ראַיאָן, וועט די איבערגעבליבענע זאַכן ברענגען מיט אַ פור צו אונדז אין געטאָ. גאָר גרויסאַרטיק!

---

[56] אַזוי האָט מען גערופן די ליטווישע פּאָליצײַ, ליטוויש מיליטער, „איפּאַטינגאַ‟ (ספּעציעלע) און „שאַוליסטן‟ (מיטגלידער פון נאַציאָנאַלן שיסער־פאַראיין).

[57] פּויליש. פאַרוואַלטער.

אַלע זענען שוין מיט די פּעקלעך אין הויף. די טירן פון די הײַזער אָפן, די פענצטער אָפן. איך בין נאָך אין שטוב. איך גיי אַרײַן צו אַ שכנ־טע, דורך אירע פענצטער האָט זיך בעסער געזען, וואָס עס טוט זיך אין הויף. איך קוק זיך אום, אין אַלע פענצטער פּוסט, אין די הײַזער איז קיינער ניטאָ. מען הייבט שוין אָן צו גיין. מיך טשעפּעט מען ניט. איך קען גאָר בלײַבן. איך באַקלער, וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען. בלײַבן איינע אַליין? ווו וועל איך זיך אַהינטאָן? דער סטאָראָזש וועט מיך גלײַך מסרן! — און איך לויף אַראָפּ פון די טרעפּ און פאַראייניק זיך מיט די איבעריקע. די ליטווינער האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס'איז איבעריק צו היטן, מען וועט אַליין גיין. איז דען געווען אַ ברירה?

מיר גייען דורכן גאַס. איך בין גאָר רויִק, דער קאָפּ אין דער הויך, שטאָלץ (צום לאַכן...). בײַ די טויערן שטייען קריסטן, באַטראַכטן אונדז. איך האָב זיך נאָך חוצפּהדיק אָפּגערופן צו איינעם: טאָקי לאַדני ווידאָק, טשעמו ניִע ספּאָטאָגראַפּויעש?[58] מיר האָבן געהאַט אַ קורצן וועג. דורך שוואַרצאָווע געסל אויף גאַון־געסל. מען האָט נאָך געהאַלטן בײַם צונויפקלאַפּן דעם טויער. אונדז האָט מען אַרײַנגעלאָזן. ניט אַלע האָבן נאָך געהאַט דאָס גליק אַרײַנצופאַלן גלײַך אין געטאָ. די ווײַטערדיקע ראַיאָנען האָט מען נאָך געשלעפּט פריִער אויף לוקישקעס[59]. עס איז געווען אוממעגלעך אַלעמען מיט איין מאָל צונויפצושפּאַרן. זיי איז געווען זייער אַרײַליק. אין איין טאָג האָט מען געמאַכט „יודענריין" אַלע ווילנער גאַסן. די אָוועקגעפירטע אין טורמע האָט מען אויפן וועג געראַבירט. אייניקע זענען פון דאָרטן געקומען אין געטאָ מיט ליידיקע הענט, אָן גאָרניט. אַ היבשן טייל האָט מען אין גאַנצן אין געטאָ ניט געבראַכט — אָוועקגעפירט זיי גלײַך אויף פּאָנאַר — פאַרשפּאַרט זיי אַזוי פיל זיך צו מאַטערן.

---

[58] פּויליש. „אַזאַ שיין בילד, פאַר וואָס זאָלסטו ניט אָפּפאָטאָגראַפירן?".

[59] אין לוקישקער טורמע.

נאָך זעקס מאָנאַטן האָט מיר הײַנט די קריסטין געבראַכט אַ פרישע צײַטונג פון 31סטן מײַ 1944. איך האָב זיך קוים צוגעכאַפּט צו איר. איך וויל געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע, ווען וועט נעמען אַ סוף? אַ פּוסטע צײַטונג, עס שפּירט זיך אָבער, אַז קיין דערפאָלג האָבן די דײַטשן ניט. ווי איך פאַרשטיי, טרעטן זיי אָפּ. נאָר, קענטיק, זייער שווער. זיי שרײַבן וועגן אַלץ און אַלעמען, נאָר ניט וועגן זיך. זיי ציילן די פאַרלוסטן פון ענגלאַנד און פון די סאָוועטן, גיבן אָן ריזיקע ציפערן. שרײַבן אַז אַמעריקע איז אומרויִק פאַר דער גרויסער הלוואה, וואָס זי האָט געגעבן די סאָוועטן; אַז ענגלאַנד גיט סטאַלינען פרײַע הענט צו פאַרנעמען און באָלשעוויזירן גאַנץ אייראָפּע. דערבײַ אונטערשטרײַכן זיי די מערדערײַען פון סטאַלינען, פאַרגלײַכן אים צו נעראָנען. אַ האַלבע צײַטונג איז פאַרנומען מיט אַ באַשרײַבונג, ווי מערדעריש די סאָוועטן זענען זיך באַגאַנגען מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג אין אַ געוויסן שטעטל. צונויפגענומען די גאַנצע באַפעלקערונג אויף אַ פּלאַץ, געפּײַניקט, געהרגעט, באַגאָסן מיט ברענשטאָף און אונטערגעצונדן. זיי באַשרײַבן דאָס מיט אַזאַ געשמאַק, גענוי מיט אַלע פּיטשעווקעס. לייענענדיק איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אַז דאָס איז זיכער איינע פון זייערע סיסטעמען, מיט וועלכע זיי האָבן אויסגעמאָרדעט אונדזערע ייִדן. מיך גרוילט.

קיין ענטפער אויף מײַן פראַגע האָב איך ניט געפונען. איך זע אָבער פון זייער פאַרביסנקייט, אַז די סאָוועטן האָבן ניצחונות. איז מיר שוין אויך פריילעכער. מיר בלײַבט נאָר — ווײַטער זיצן אין שײַער, אין מײַן נאָרע, און געדולדיק וואַרטן. עס וואָלט גאָר ניט געווען קיין נאַרישקייט, ווען צום יאָרטאָג, דעם 22סטן יוני [60], פאַרלאָזן זיי ווילנע. עס איז נאָך צוויי וואָכן. עס ווײַזט אָבער ניט אויף דעם.

הײַנטיקע נאַכט האָב איך גאָר געהאַט אַ דוש אין מײַן נאָרע. עס

[60] 22סטער יוני (1941) — אָנהייב פון דײַטש־סאָוועטישער מלחמה. געמיינט: צום דריטן יאָרטאָג.

גיסט נאָך איצט אויך. בײַ נאַכט איז, קענטיק, געווען אַ גרויסער פּליוך. עס האָט אַרײַנגערונען צו מיר דורך די סנאָפּעס, איך האָב אונטערגע־לייגט פרישע שטרויען, זיך צונויפגעדרייט אַזוי, אַז עס האָט אויף מיר געגאָסן נאָר צוקאָפּן און צופוסן. איך האָב געכאַפּט אַ קאַטאַר, עס איז אָבער ניט געפערלעך. אַלץ בעסער ווי ווינטער.

עס איז דאָ אַזוי פינצטער, אַז איך שרײַב אויף טראַף. עס איז רעכט אַז איך וועל גאָר ניט קענען איבערלייענען. מיר איז דאָס אָבער ניט וויכטיק. איך שרײַב, אָט, גלאַט אַזוי, עס איז מיר גיכער די צײַט צו פאַרטרײַבן. עס קומט מיר צײַטנווײַז אויס, אַז איך שמועס זיך דורך מיט עמעצן.

איך בין אַרויסגעקראָכן, אַ ביסל זיך דורכשפּאַצירן איבערן שײַער. אַלע שלאָפן נאָך. עס מוז זײַן אַ זייגער דרײַ. אין דרויסן איז שוין ליכ־טיק. עס גייט זיך מיר גאָר שוואַך. די פיס שאָקלען זיך, דער קאָפּ דרייט זיך. קוים אַרײַנגעקראָכן צוריק. דאָ שפּיר איך זיך צום בעסטן...

קענטיק, צו לאַנג געווען דאָ שטיל. הײַנט זענען דאָ געשלאָפן גאַנצע זעקס פּאַרטיזאַנער. אַ ניקשהדיקע גוזעלשאַפט האָב איך געהאַט. ווען זיי וויסן דאָס... איך האָב די גאַנצע צײַט געמוזט ליגן אָן איין באַוועגונג. דער קלענסטער ריר אין שטרויען הערט זיך גלײַך. איך האָב אַפילו מורא געהאַט צו עטעמען. אויך דאָס אויסגעהאַלטן, דערוואַרט זיי זאָלן אַוועקגיין. זיי קומען דאָ זייער אָפט, אָבער די באַלעבאַטים מײַדן אויס זיי צו פירן אין שײַער. קענטיק, דאָס מאָל האָבן זיי אַנדערש ניט געקענט. אייניקע פון זיי זענען אין מונדירן, שינעלן, אויך וויסקאָווע[61] היטלען, טראָגן נאָך עפּעס פּאַסקעס אויף די אַרבל. אַנדערע האָבן ביקסן. זיי האָבן אויך פערד. אין דעם געגנט פאַרשפּרייטן זיי זיך אַלץ מער. זיי האָפן אויפצושטעלן אַ פּוילן[62]. די אַרומיקע זענען פון זיי ניט צופרידן, ווײַל זיי האַלטן אין איין צונעמען [ניט פאַרענדיקט].

---

[61] פּויליש. מיליטערישע.

[62] דאָ רעדט זיך וועגן פּאַרטיזאַנער־פּאָליאַקן, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן.

אַרייַנשפּאַרנדיק זיך דורכן טויער אין געטאָ האָבן מיר דערזען אין צונויפגעגאָסענע מאַסע מענטשן מיט פּעק. דער טומל איז געווען אומגעהײַער גרויס. קינדער וויינען. איינער רופט דעם אַנדערן אויפן קול, מען זוכט פאַרפאַלענע פּעקלעך — ס׳איז אַ לעבעדיקע וועלט. מען פלעגט קוים דערלעבן אַראָפּלאָזן דעם פּעקל אויף דער ערד, פלעגן זיך שוין געפינען צווישן אונדזערע אייגענע יידלאַקעס גוטע לײַט, העלפערס, און פאַרשווינדן מיטן פּעקל. אַלע געסלעך און הייפן זענען געווען פאַרפולט. כדי דורכצוגיין האָט מען געמוזט שטופּן איינער דעם צווייטן, און מען האָט זיך געשטופּט הין און צוריק. יעדערער האָט זיך געמיט צו געפינען עפּעס אַ ווינקל, מען האָט זיך געשפּאַרט איינער אויפן אַנדערן, כדי זיך פונאַנדערצוזעצן מיט די פּעקלעך אין אַ ווינקעלע אויף דער ערד. דורכן טאָג זענען אָן אויפהער, ביז שפּעט אין דער נאַכט, אײַנגעפלאָסן אַלץ נײַע מחנות מענטשן. די גאַס איז ניט געווען פריי קיין מינוט. אונדז האָט זיך מיט דער דירה גראָד אײַנגעגעבן. מיר, עטלעכע שכנטעס, האָבן זיך אַרײַנגעקליבן אויף יידישע 13, אין פעלמאַנס וווינונג. ער איז געווען געבליבן אַליין. זײַן ווײַב מיט די דרײַ קינדער האָט מען אין דער פּראָוואָקאַציע צוגענומען.

צוויי ריינע צימערן מיט אַ קיך. ער האָט אונדז אָפּגעטראָטן צוויי גרויסע בעטן. מיר האָבן זיך אַרײַנגעפּאַקט זאַלבע זעקסט. איך האָב ניט געהאַט ניט קיין קישן, ניט קיין קאָלדרע. אַלע צוזאַמען — האָט מען זיך שוין געגעבן אַן עצה!

עס האָט זיך געשאַפן אַ געטאָ־פאַרוואַלטונג, אַ קאָמיסאַריאַט[63]. פּאָליציי שטייט אויף פּאָסטערונקעס און היט די אָרדענונג. מען האָט רעגיסטרירט די באַפעלקערונג. קאָנטראָלירט דעם פאַרנומענעם שטח. עס האָט געקומט נאָר צוויי מעטער אויף אַ מענטשן. פאַרטיילט די געקראָגענע ברויטקאַרטן. מיט אַרויסגעבן די פּראָדוקטן האָט זיך פאַרנומען

[63] וועגן באַשטאַנד זען בײַ הערמאַן קרוק, טאָגבוך פון ווילנער געטאָ, ניו־יאָרק, ייוואָ, 1961, ז״ז 69 און 85; מ. באַלבערישסקי, שטאַרקער פון אײַזן, „המנורה״, תשכ״ז, ז״ז 194—212 און 253—255.

אַן אַפּראָוויזאַציע־קאָמיטעט. יעדער הויף האָט געהאַט איינעם אָדער צוויי פּערזאָן, וואָס האָבן געהערט צו דעם קאָמיטעט. זיי פלעגן אָפּנעמען דאָס שוין אין געטאָ געבראַכטע ברויט און דאָס ביסל פּראָדוקטן און אויף די פּונקטן פאַרטיילן דעם גאַנצן הויף. אין אונדזער הויף האָב איך געהאַט די פונקציע. איך פלעג דאַרפן פאַרטיילן פּראָדוקטן צווישן די שכנים פון אונדזער הויף פאַר קאַרגע פיר הונדערט מאַן. אַזוי איז מען געוואָרן באַלעבאַטים פאַר זיך. מען האָט געפאָדערט אַז אַלע, סײַ פרויען און סײַ מענער זאָלן גיין צו דער אַרבעט. מען מוז האָבן אַרבעטסשײַנען. פון צײַט צו צײַט פלעגן די דײַטשן שיקן צו דער פאַרוואַלטונג פאָדע־רונגען אויף אַ געוויסע צאָל אַרבעטער. אויף פרויען איז געווען אַ סך אַ קלענערע פאָדערונג. פלעגט די פאַרוואַלטונג שיקן מערסטן זייערע נאָענטע. איך האָב שטענדיק געווײַכט, אויף וויפל עס האָט זיך געלאָזט, פון קהלשע אַרבעט, האָב איך בײַ זיי קיין פּראָטעקציע ניט געהאַט. איך האָב באַשלאָסן אַוועקצוגיין אויף אַ וועלכער ניט איז פּלאַצוווקע [64] און אויף אַן אָרט זיך באַזאָרגן מיט אַ שײַן.

מען האָט שטרענג קאָנטראָלירט. איך האָב זיך אָבער דורכגעריסן. צוגעשטעלט זיך צו אַ פּאַרטיע פרויען, וואָס איז שוין געשטאַנען הינטערן טויער, צו גיין אין פּאָרובאַנעק [65]. דער דײַטש, וואָס איז געקומען זיי נעמען, האָט אָבער אָנגעהויבן צו קאָנטראָלירן די שײַנען. ווער עס האָט ניט געהאַט האָט ער מכבד געווען מיט קלעפּ. צום גליק איז אַרויס נאָך אַ פּאַרטיע. איך האָב זיך גלײַך איבערגעשטעלט. אויף אַזאַ אופן אויסגעמיטן קלעפּ. זיי זענען געגאַנגען אַן אַ דײַטש אויף קאַלוואַרײַסקע גאַס אין די קאָשאַרן. איך בין מיטגעגאַנגען. אויף אַן אָרט בין איך צוגע־גאַנגען צום קעראָווניק, אַ פּאָליאַק — מע האָט מיר שוין פריִער אינ־פאָרמירט, אַז ער איז אַ לאַפּוואָטשניק — און איך האָב מיט אים אַרײַנגעטענהט. פון אָנפאַנג האָט ער מיר אַנטזאָגט, נאָר ער האָט זיך

[64] פּויליש. פּאָזיציע. אויף דער געטאָשפּראַך : אַרבעטספּלאַץ מחוץ דער געטאָ.
[65] פאָרשטאָט פון ווילנע, ווילנער פליפלאַץ.

געלאָזט בייגן און האָט מיר צוגעזאָגט אין עטלעכע טעג אַרום מיך דורכצופירן. דערווײַל זאָל איך קומען אַזוי. איך האָב זיך עטלעכע טעג געמאַטערט מיטן אַרויסגיין. מען פלעגט מיך אַרײַנשטופּן צוריק, פלעג איך זיך אַרויסשטופּן ווידער. ביז איך האָב געקראָגן דעם שײַן. איצט בין איך שוין געוואָרן אַ לעגאַלע בירגערין אין געטאָ.

פּונקט אַנטקעגן די קאָשאַרן איז געווען דער מאַרק. פלעגט מען ריזיקירן, אויסטאָן די לאַטעס, און אײַנקויפן. אויך איך פלעג ניט אָפּשטיין. צײַטנווײַז פלעגט זיך געפינען אַ דײַטש, וואָס פלעגט מיט אַ גרופּע פּרויען מיטגיין און וואַרטן ביז זיי וועלן אײַנקויפן. דאַן פלעגן מיר גיין מיט די לאַטעס. פאַרן גיין אַהיים פלעגט מען זיך פאַררוקן אין די ווינקעלעך און אָנהייבן פּאַקן. אַלץ אין זיך, אַרום זיך, נאָר ניט טראָגן אין די הענט און אויף די אַקסלען. אין די אַרבל, אויף די זײַטן, אויפן בויך, אַרום האַלדז, אין די האָר, די מענער — אין די היטלען און אין די שטיוול, ווי איינעם פלעגט אײַנפאַלן צו קליגן זיך, אַז מען זאָל ניט דערטאַפּן. מיט אַ מאָל פלעגט מען ווערן „פאַרריכטע״: עס פלעגן אויסוואַקסן זײַטן, בײַכער, הויקערס. אַזוי פלעגט מען זיך שלעפּן דורכן מיטן גאַס, איבערן ברוק.

איין מאָל, שוין גייענדיק צוריק, בין איך אָפּגעשטאַנען פון דער פּאַרטיע, צו קויפן אויפן מאַרק צוויי קילאָ קאַרטאָפל. ווען איך בין געלאָפן צוריק, כּדי זיי אָנצויאָגן — זיי זענען נאָך געווען גאַנץ נאָנט — האָט מיך אַ פּאָליציאַנט פאַרהאַלטן און אַרײַנגעפירט אין קאָמיסאַריאַט[66]. דאָרט זענען שוין געווען נאָך פיר אונדזערע פרויען. צווישן זיך האָבן זיי גערעדט, די פּאָליציאַנטן, אַז מען דאַרף אונדז אָפּלאָזן. מען האָט אונדז אָבער אָפּגעהאַלטן גאַנצע דרײַ שעה. און די גאַנצע צײַט געסטראַשעט אונדז אַוועקצופירן אין לוקישקעס. זיי האָבן ניט געהאַט וואָס צו טאָן, זיך געענודיעט, האָט מען געמאַכט פון אונדז אַ פאַרווײַלונג. דער עלטערער האָט גענומען אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר און אויסגעשריבן גענוי

[66] דאָ ווערט געמיינט ליטווישער פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט.

יעדערערס ביאָגראַפיע און געגעבן אונטערצושרײַבן. בעתן אונטער־שרײַבן האָב איך זיך געמאַכט תּמעוואַטע און געבעטן דעם צוגענומענעם שײַן. האָט ער מיר געענטפערט, אַז אין לוקישקעס איז ער מיר ניט נייטיק.

אין אַזעלכע קריטישע מאָמענטן ווער איך עפּעס ווי פאַרשטיינערט, גאָר אַזוי ווי קאַלטבלוטיק. האָב איך זיך צו אים אָפּגערופן: צי דען האָט איר שוין אין זיך קיין קאָפּ מענטשישקייט ניט, קיינע געפילן, אַז פאַר צוויי קילאָ קאַרטאָפל ווילט איר אונדז פירן צום טויט? איך האָב זיך אַליין דערשראָקן פאַר מײַן חוצפּהדיקן טאָן. די איבעריקע האָבן מיך אָנגעהויבן צו ציִען פאַרן אַרבל, איך זאָל שווײַגן. איינע פון אונדז איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ היסטעריע, האָט זי אַרײַנגעשטופּט אין מויל די גאַנצע פויסט, כּדי אײַנצוהאַלטן זיך פון שרײַען.

ער האָט מיר גאָרניט געענטפערט, נאָר געהאַלטן אין איין שמייכלען. אַלע אוזשענדניקעס [67] פלעגן אַרײַנגיין, אונדז באַטראַכטן און שפּאַסן אויף אונדזער חשבון. מיר זענען שוין געווען זיכער, אַז מיר זענען פאַרפאַלענע. אין גאַנצן אומדערוואַרט האָט מען אונדז אָפּגעגעבן די שײַנען און אָפּגעלאָזן. מיר האָבן דאָן באמת געשפּילט מיט גליק. אין אַ סך ענלעכע פאַלן פלעגט מען שוין אין געטאָ זיך ניט אומקערן. ערשט קומענדיק אין שטוב האָב איך זיך ווי געהעריק דורכגעוויינט פון אויפרעגונג.

אַזוי פלעגט מען ריזיקירן סײַ בײַם קויפן, סײַ בײַם טראָגן. בעתן דערנענטערן זיך צום טויער פלעגט אָנהייבן טרייסלען די הענט און די פיס, צי לאָזט מען הײַנט דורך, צי מען נעמט ניט צו? די ליטווינער פלעגן זײַן „געשמירט" דורך דער ייִדישער פאָליציי. עס פלעגט אָבער ווייניק וואָס העלפן. צײַטנווײַז פלעגט מען דורכקוקן אויבערפלעכלעך, אַ ביסל צונעמען, מער דורכלאָזן. עס פלעגט אָבער טרעפן, אַז מען פלעגט צונעמען אַלץ.

---

[67] פּויליש, באַאַמטע.

אין אַזעלכע טעג פלעגט מען זיך אויסשטעלן אין אַ שערענגע, איינער נאָכן צווייטן, און מען פלעגט יעדערן באַטאַפּן פון אויבן ביז אַראָפּ. דאַן פלעגט זײַן בײַם טויער, אויסערן געטאָ, אַנגעשאָטן פול קאַר־טאָפל, בוריקעס, מערן, קרויט — פון כּל־טוב. אַפילו האָלץ פלעגט מען צונעמען. אין אייניקע איינהייטן פלעגט מען קריגן זופּ, פלעגט מען דאָס מוזן אויסגיסן — ייִדן דאַרפן זיך אויסהאַלטן נאָר פון די ברויטקאַרטן. אין געטאָ פלעגט מען אַרײַנגיין מיט ליידיקן. מען פלעגט זיך אָבער ניט אָפּהאַלטן, ווידער קויפן, ווידער טראָגן.

אַ טייל פון די אַרײַנגעטראָגענע פּראָדוקטן פלעג איך פאַרקויפן, אַ טייל לאָזן אין שטוב פאַרן אייגענעם געברויך, מיטאָגן פלעגן מיר עסן קאָלעקטיווע. איינע פון אונדז, טײַבע, פלעגט קאָכן, די איבעריקע פלעגן העלפן. איך און פעלמאַן פלעגן ברענגען פון שטאָט פּראָדוקטן. מען האָט זיך צוגעפּאַסט צום געטאָ־לעבן. אַזוי איז געווען ביז יום־כּיפּור[68]. דעם טאָג זענען אייניקע געבליבן אין געטאָ. אַ גרעסערער טייל, מורא האָבנ־דיק פאַר קאָנסעקווענצן, איז אַוועק צו דער אַרבעט.

צוריקקומענדיק פון דער אַרבעט צום טויער איז אונדז געוואָרן פאַרדעכטיק די שטילקייט. קיינער שטייט ניט פאַרן טויער, מען קאָנ־טראָלירט ניט אין גאַנצן, נאָר פון אינעווייניק איז געשטאַנען אַ פּאָלי־ציאַנט. מיר זענען אַרײַן — די גאַס איז אין גאַנצן פּוסט. שטענדיק פלעגט דער עולם אָפּוואַרטן די אָנקומענדיקע פון דער אַרבעט. איך קוק זיך אום: פּונקט אַנטקעגן טויער, אויפן לאַווע, בײַם רינשטאָק, צווישן יאַטקעווער און ייִדישע, לענג־אויס, זיצט אַ גאַנצע מחנה ליטווינער מיט די ביקסן אין די הענט. אויפן הויף איז אין גאַנצן פּוסט. איך שטיי אַ ווײַ־לע, גייט אָן טײַבע, אין אַ ווינטערדיקן מאַנטל, צעפּאַרעט. איך קען זיך מיט איר אין גאַנצן ניט צונויפרעדן. איך לויף אַרויף אין שטוב. די טיר פונאַנדערגעעפנט, פּוסט, קיין מענטש. פּעקלעך צעוואָרפן אויף דער ערד,

---

[68] יום־כּיפּור־אַקציע, דעם 1טן אָקטאָבער 1941, אַרויסגעפירט צום טויט 2.200 ייִדן פון געטאָ נומ׳ 1 און 1.700 פון געטאָ נומ׳ 2. זען אויך הערה 21.

אַן איבערקערעניש. איך לויף אַראָפּ צוריק, טרעף איך פּעלמאַנען. ער דערציילט מיר, אַז עס זענען אָנגעפאַלן ליטווינער און צונויפגענומען אַלעמען, וועמען זיי האָבן נאָר געכאַפּט. עס האָבן ניט געהאָלפן קיינע שײַנען. מײַן שוועגערין, צלאלס שוועסטער, האָט געלאָזן אין שטוב אירע צוויי מיידעלעך, איינע צוועלף יאָר, די צווייטע פינף, האָט מען ביידע צוגענומען. אַליין איז זי געווען מיט מיר צוזאַמען בײַ דער אַרבעט. זי לויפט אַרום איבערן הויף, רײַסט זיך די האָר פון קאָפּ, שרײַט. שרײַ, צו וועמען שרײַט מען? צו גאָט? איז ער, קענטיק, אין גאַנצן טויב.

עס שפּירט זיך, אַז עס איז נאָך ניט געענדיקט. זיי רוען. דאָס איז, קענטיק, נאָר אַ מיטאָג־איבעררײַס[69].

פון דער אַרבעט לאָזט מען אַלעמען אַרײַן. מען טשעפּעט ניט. עס איז איבעריק. זיי וועלן אַלץ איינס געפינען. פּונקט ווי אַ קאָץ, וואָס לאָזט אָפּ דאָס מײַזל, זי איז זיכער, אַז זי וועט אָנכאַפּן. פון פערצן מאַן זענען מיר געבליבן זאַלבע פערט. גאַנצע צען מאַן פון אונדזער צימער האָט מען צוגענומען. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין אַן אַלקער, וואָס איז געווען אײַנגעאָרדנט אונטער די טרעפּ. אָפּגעזעסן די גאַנצע נאַכט. די ליטווינער זענען טאַקע געקומען ווידער. מיר האָבן געהערט ווי זיי זענען געווען אויפן הויף, ווידער צונויפגענומען מענטשן. געווען אויך בײַ אונדז אין שטוב, געזוכט אין אַלע ווינקעלעך.

אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן. פּאָר טאָג זענען מיר אַרויסגעקראָכן. עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען. קיין ליטווינער זענען שוין ניט געווען. דער חורבן איז גרויס. פון יעדער שטוב האָט געפעלט אַ גרעסערע צאָל מענטשן. מען לויפט צו דער פאַרוואַלטונג[70], מען זאָל אינטערווענירן, מען זאָל בעטן. וואָס קענען זיי אויפטאָן? צי דען רעכנט מען זיך מיט

---

[69] דאָ און ווײַטער הערט דערציילט אין איין אָטעם חעגן די געשעענישן פאַרן חודש אָקטאָבער און אָנהייב נאָוועמבער 1941, די יום־כיפור־אַקציע, ליקווידאַציע פון געטאָ נומ׳ 2 און די „אַקציע פון די געלע שײַנען" (ערשטע און צווייטע) אַריינ־געערעכנט. זען אויך הערות 21 און 68.

[70] געמיינט יודענראַט.

זיי? זיי רעגיסטרירן די צוגענומענע. שרײַבערס פעלן ניט. פּאַפּיר איז אויך דאָ.

אַזוי איז מיט אַ מאָל געוואָרן אין גאַנצן גערעם. אויך די צווייטע געטאָ האָט מען ניט פאַרלאָזן. דאָרטן האָט מען עס דורכגעפירט שענער. מען האָט געהייסן די אַלע וואָס זענען ניט קיין פאַכלײַט — פּאַקטיש זענען דאָס געווען די וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געלע שײַנען, — זיך צונויפזאַמלען מיט זייערע פּעקלעך און אַריבערגיין צו אונדז אין געטאָ. פון די־אָ „פּרײַווויליק" צונויפגעזאַמלטע האָט מען אַ טייל אַוועקגעפירט אויף לוקישקעס, פון דאָרט אויף פּאָנאַר, אַ טייל געבראַכט צו אונדז אין געטאָ. בײַ אונדז, פאַרקערט, האָט מען געהייסן די באַזיצער פון די גע־לע שײַנען אַריבערגיין מיט די משפּחות אַהין. די איבערוואַנדערונג איז פאָרגעקומען פאַר יום־כיפּור, אַזוי אַז די געקומענע פון דאָרטן זענען אויך אַרײַנגעפאַלן אין דער אַקציע. פאַרשטייט זיך, אַז די רעגיסטראַציע פון די צוגענומענע איז געווען אומזיסט. אַפילו באַזיצער פון שײַנען האָט מען ניט געקענט אַרויסנעמען. עס האָבן זיך יע געפונען אַ פּאָר ייִדלעך, וואָס האָבן געהאַט צוטריט צו די העכערע דײַטשן. זיי האָט זיך אײַנגעגעבן דאָן צו ראַטעווען פון טורמע עטלעכע מענטשן. וואָס פאַר אַ באַ־דײַטונג אָבער האָט דאָס געהאַט אַנטקעגן דער אַלגעמיינער צאָל.

אויפן צווייטן טאָג נאָך דער אַקציע האָט מען געהייסן אַלעמען גיין צו דער אַרבעט. פּונקט ווי גאָרניט געווען. דורכגעפירט אַ נײַע רעגי־סטראַציע פון די פאַרבליבענע. איינגעשטעלט פון דאָס נײַ אַ נאָרמאַל [לעבן]. אָך און וויי צו דער נאָרמאַלקייט.

אין די קאַשאַרן זענען אָנגעפאַרן שטורמיסטן [71]. זיי האָבן געשלאָגן די ייִדן אויף גאָר אַן ענערגישן אופן. איין טאָג האָט מען אין 5טן פאָלק אַלעמען אַזוי צעשלאָגן, אַז אויף מאָרגן איז קיינער ניט געקומען [צו דער אַרבעט]. זענען זיי געקומען צו „אונדז אין 4טן [פאָלק] פאָדערן

---

[71] געמיינט „עס־עס"־לײַט.

אַ געוויסע צאָל אַרבעטערס. עס איז געוואָרן בײַ אונדז אַ פּאַניק, מען האָט זיך באַהאַלטן. דאָך האָבן זיי גענומען. אויך איך האָב געזאָלט גיין. צו־פעליק בין איך געשטאַנען גאָר צום סוף און ווען ס'איז דערגאַנגען מײַן ריי האָבן זיי שוין געהאַט די נייטיקע צאָל. בין איך געבליבן. בײַ אונדז פלעגן די שטורמיסטן אויך פון צײַט צו צײַט אונטערשלאָגן. מיר פאַר־זענלעך האָט זיך אײַנגעגעבן דאָס אויסצומײַדן.

אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז אין גאַנצן ניט צוגעלאָזן צו דער אַרבעט. אונדזער אַרבעט, מישטיינס געזאָגט, מיר פלעגן קערן מיט בע־זעמער דעם הויף, די קאָשאַרן, שטאַלן, וואַשן פענצטער, פּאָדלאָגעס, הייצן אויוונס. מען הייסט אַלעמען גיין אַהיים. די שטורמיסטן ווילן בײַ זיך ניט האָבן קיין ייִדן. אונדזערע אַרבעטער פון באַן פלעגן דערציילן, אַז די דײַטשן פלעגן זינגען: „וויר וואָלען ניכט, וויר בראַוכען ניכט קיין יודענרעפּובליק, קיין יודענפּאָליטיק...".

מען האָט אַנולירט אונדזערע שײַנען. מיר זענען געבליבן אַרבעטס־לאָז. די שטימונג אין געטאָ איז געוואָרן אַלץ מער אָנגעשטרענגט. מען האָט אַלץ שטאַרקער גערעדט וועגן אַ פולקומער ליקווידאַציע. מען האָט זיך אַלץ מער אַרויסגעקליבן אין יענעם געטאָ. ניט יעדערן האָט זיך דאָס אָבער אײַנגעגעבן.

איך האָב געזוכט ווי זיך צו ראַטעווען. עס ווילט זיך אַזוי ניט, סתם אין מיטן דערינגען שטאַרבן, און נאָך וויסנדיק וואָס פאַר אַ פּייניקונגען עס שטייען מיר פאָר. פעלמאַן האָט געאַרבעט אין ראַיאָן ווו מײַן קריסטין האָט געוווינט. בין איך אַוועק, מיט זײַן פּאַרטיע, צו איר, געבעטן זי זאָל מיר געפינען אַן אָרט זיך אויסצובאַהאַלטן. זי האָט מיר געהייסן קומען נאָך אַן ענטפער. אויף מאָרגן האָט זי מיר געענטפערט, אַז קיינער פון אירע באַקאַנטע וויל פאַר קיינע געלטער ניט ריזיקירן, זיי האָבן מורא. עס איז טאַקע געווען אַ גרויסע ריזיקע. פאַרפאַלן, מוז מען זיך אומקערן אין געטאָ און וואַרטן ווי דער גורל וועט אויסטראָגן. אַז זי אַליין זאָל מיך צונעמען, האָב איך ניט געהאַט קיין העזה צו בעטן. איך האָב שוין געהאַלטן בײַם אַוועקגיין, זי האָט מיר אָבער אָפּגעהאַלטן און געהייסן

קומען צו זיך. איך בין נאָך עטלעכע מאָל געגאַנגען היין און צוריק מיט פעלמאַנס הילף, אַריבערגעטראָגן דאָס ביסל זאַכן פון געטאָ צו איר, דערנאָך שוין אַליין אויך געבליבן.

אומגעפער אין אַ וואָך אַרום איז פאָרגעקומען די ליקווידאַציע. זיצנדיק אין פראָמוגע[72] אין קיך, בײַם סאַמע באַלקן, האָב איך דער־הערט ווי דער קריסט האָט זיך אָנגערופן צו זײַן ווײַב: „דזשיסיאַי טאָ יוזש פראַוודזיווע טשערוואָנע מאָזשע"[73]... איך האָב געמוזט אין עפּעס זיך אָנהאַלטן, ניט אַראָפּצופאַלן אויף דער ערד. ער האָט געזען ווי מען האָט געפירט די ייִדן דורך פּאָהולאַנקע אויף פּאָנאַר. אַפילו אים האָט עס אויפגעשווידערט. איך האָב געבעטן דער קריסטין אַראָפּגיין זיך דער־וויסן צי פעלמאַן איז געבליבן. אים אַליין האָט זי ניט געזען, מען האָט איר אָבער געזאָגט אַז ער איז דאָ.

איך האָב אויסגעוואַרט אַ פּאַסיקן מאָמענט און אַליין אַראָפּ צו אים. ער האָט מיר דערציילט, אַז פון געטאָ האָט מען אַרויסגעפירט אַלעמען. איצט איז שוין געבליבן נאָר איין געטאָ.

אַזוי איז שוין די טבע פון מענטשן, אַז וואָס עס זאָל אַרום אים ניט פּאַסירן, ביז ער לעבט, טראַכט ער ווי זיך צו ראַטעווען. דאָס זעלבע מיט מיר. איך האָב אָנגעהויבן צו קלערן, וואָס טוט מען מיט זיך? זיצן בײַ דער קריסטין קען איך נאָך אַ וואָך, צוויי, און ווײַטער? זי האָט מיר אַפילו צוגעזאָגט איינצואָרדענען אין אַ מאַיאָנטעק, איז אָבער ווידער דאָס זעלבע — עס זאָל אויסקומען צו זיצן אַ לאַנגע צײַט, וועט דאָך זיי געוויס מיאוס ווערן! גיין אין געטאָ? — האָב איך ניט געאַרבעט אין ערגעץ און ניט געהאַט קיין שײַן. דאָס הייסט: פון די ערשטע קאַנדי־דאַטקעס אויף פּאָנאַר. חוץ דעם איז די ענגשאַפט געווען דאָרטן, נאָך פריִער, גרעסער ווי בײַ אונדז. איז געווען אַ פראַגע, צי וועל איך גע־פינען דאָרט כאָטש אַ ווינקל? איך האָב דאָך קיינעם ניט געהאַט, וואָס

---

[72] נישע.

[73] פויליש. „היינט איז שוין אַן אמתער רויטער ים".

זאָל מיר וועלן גיין אַנטקעגן. דאָך האָב איך באַשלאָסן צו פּרוּוון, אפשר וועט זיך מיר אײַנגעבן דערווײַל אײַנצואָרדענען אין געטאָ. אויך פעל־מאַן האָט מיר צוגעזאָגט צו העלפן.

איך האָב אָפּגעוואַרט ביז מען האָט געענדיקט די אַרבעט און אַוועק צוזאַמען מיט דער פּאַרטיע. אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן עטלעכע מענטשן פון געטאָ, וואָס זענען געגאַנגען זיך באַהאַלטן. אין געטאָ טומלט זיך. עס שאַפן זיך בלאָקן. מען קלייבט זיך פון איין אָרט אויפן צווייטן. קיינער ווייס ניט מיט וואָס עס שמעקט. אויף עפּעס ריכט מען זיך. מיר ראָט מען, אַז איך זאָל זיך אומקערן, ביז הײַנט ניט געווען אין געטאָ, דאַרף איך דווקא אין אַ טומל ניט גיין. כ'האָב אָבער געקלערט גאָר אַנדערש. עס שאַפן זיך בלאָקן,[73]א אפשר וועט זיך מיר אײַנגעבן צו פּאַראייניקן מיט וועלכן ניט איז. דווקא הײַנט דאַרף איך זײַן, דערנאָך קען זײַן צו שפּעט. גלײַכצײַטיק האָב איך געשפּירט, אַז איך ריזיקיר גאָר שטאַרק, איך שטעל מײַן לעבן אין קאָן. דער גאַנצער וועג איז אין מיר פאָרגעקומען אַ קאַמף. אפשר זיך אומקערן? איך האָב זיך אָבער פאַרגעשטעלט וואָס עס שטייט מיר פאָר, אין פאַל ווען איך אָרדן זיך ניט אײַן אין געטאָ. מאַטערן זיך אײַנגעבעטענערהייט ביי קריסטן, מורא האָבנדיק פאַר יעדן ריר. אין אַ געוויסן טאָג וועט מען דאָך גאָר הייסן גיין?

אַזוי קלערנדיק בין איך אַרײַן אין געטאָ. עס איז שוין געווען טונקל. רודניצקער גאַס האָט געגימזעט. איך האָב זיך שוין געהאַט אָפּגעוווינט פון טומל. איך האָב אָבער געבענקט נאָך ייִדן. מען האָט זיך געשטופּט מיט פּעקלעך הין און צוריק. אייניקע איינהייטן האָבן געשאַפן בלאָקן אויף צו פאַרהיטן זיך פון די טשיסטקעס. מ'האָט אויסגעטיילט אויף דעם עטלעכע הייפן אויף רודניצקער און קאַמניצקער גאַס. די וואָס האָבן ניט געהערט צו די בלאָקן האָבן געמוזט פון יענע דירות זיך אַריבערקלײַבן

[73]א די וואָס האָבן געאַרבעט אין באַשטימטע איינהייטן ווי, למשל, אויף דער אײַזנבאַן, אין ה.ק.פּ., בויטע־לאַגער א"א, זענען איינגעקוואַרטירט געוואָרן אין באַזונדערע בלאָקן אין געטאָ גופא. ייִדן האָבן געגלייבט, אַז בעת אַן אַקציע וועלן די פאַר־וואַלטערס פון די איינהייטן אָפּהיטן, אַז מען זאָל „זייערע מענטשן" ניט אַרויספירן.

אַנדערש ווי. עס איז געווען אַן אמתע איבערוואַנדערונג. פעלמאַנס בלאָק איז געווען אויף קאַמניצקער. עס איז שוין דאָרטן אָבער געווען אַזוי געפּאַקט, אַז ער האָט ניט געקענט געפינען קיין ווינקל. איך האָב זיך דורכגעשטופּט אויף רודניצקער גאַס, אין הויף נומער 11, און זיך אַוועקגעשטעלט אין [אַן אַרײַנגאַנג]. דער הויף איז געווען פול מיט מענטשן. מען איז געווען צעטראָגן. מען האָט אויף עפּעס געוואַרט. איך האָב געקלערט, ווער ווייס וואָס איך האָב אָפּגעטאָן? עס איז רעכט, אַז איך שטופּ זיך אַליין אויף פּאָנאַר. ווען מען לייגט פאַר עמעצן פון די אַלע אַרויסצוגיין פון געטאָ זיך באַהאַלטן, וואָלט דאָס זיכער יעדערער געטאָן, און איך בין גאָר געקומען אַהער. איך האָב שוין געוואָלט בעטן דעם קריסט, וואָס האָט גראָד געבראַכט אין אַ פורגאָן קאַרטקאָווע ברויט, ער זאָל מיך אַרויספירן פון געטאָ, און אַוועקגיין צוריק צו מײַנע קריסטן. איך האָב זיך אָבער אָפּגעהאַלטן. ער קען אַ מאָל מיך איבערגעבן צו די ליטווינער. איך האָב דאָך פון פריער געוואוסט אויף וואָס איך גיי. איז אַן חרטה! ווי דער גורל וועט אויסטראָגן!

צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז טאַקע געווען ווי איך האָב פאָרויסגעזען. ווען איך ריזיקיר ניט יענעם אָוונט, וואָלט מיר אויסגעקומען צו מאַטערן זיך די גאַנצע צײַט. עס איז אָבער אַלץ אַ דאַנק פעלמאַנען. ווען ניט ער, וואָלט איך, אָן צווייפל, גלײַך אויף מאָרגן אַוועקגעשפּרײַזט אויף פּאָנאַר. האָבנדיק צוויי מעגלעכקייטן, איז אין אַזעלכע ערנסטע פאַלן שווער צו דעצידירן. איך בין געשטאַנען שרעקלעך צעדענערווירט. מען האָט שוין פאַרמאַכט דעם טויער. אויך פעלמאַן איז צו צו מיר. אַ זייגער 11 בײַ נאַכט האָט אין טויער אָנגעקלאַפּט אַ פּאָליציאַנט (אַ ייִדישער) און האָט געהייסן אָנזאָגן, אַז אַלע באַזיצער פון געלע שײַנען זאָלן גיין אין יודענראַט מיט זייערע משפּחות זיך רעגיסטרירן. איך מיט פעלמאַנען זענען גלײַך אַהין אַוועק. ער האָט מיך צוגעשריבן ווי זײַן פרוי. דערווײַל געקראָגן פאַר מיר אַ קליין בלוי צעטעלע. דאָס איז געווען דער לעבנסשײַן. פאַר דעם אַ צעטל האָבן מענטשן געצאָלט טויזנטער. מיר זענען געווען פון די ערשטע. גלײַך זענען גע־

וואָרן ריזיקע רייען. אייניקע מיט ברעקלעך קינדער, אויפגעוועקטע פון שלאָף, אויף די הענט. די וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שײַנען זענען אַרומגעלאָפן צעטומלטע, געזוכט צו עמעצן זיך צוצושרײַבן. עס איז אָבער געווען גאָרניט קיין גרינגע זאַך. שרעקלעך איז געווען זיך צוצו־קוקן, ווי עלטערן האָבן זיך געבעטן מען זאָל צושרײַבן זייערע קינדער. כאָטש אויף אַזאַ אופן זיי ראַטעווען.

איך האָב שוין פעלמאַנען ניט אָפּגעלאָזן אויף אַ טראָט. ס׳האָבן ניט געפעלט אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט אַז ער זאָל זיי צושרײַבן. האָב איך געהיט מען זאָל בײַ אים ניט אויסנאַרן דאָס צעטל.

אין דער פרי האָט מען געהייסן אַלע פאַררעגיסטרירטע אַרויסגיין, יעדערער אין זײַן איינהייט. בײַ אַלע טויערן זענען געשטאַנען דײַטשן און שטרענג קאָנטראָלירט יעדער איינעם. די וואָס האָבן אויסגעזען לויט זייער אײַנזען צו אַלט, האָבן זיי אָפּגעשטופּט אין אַ זײַט, אַפילו מיט די בלויע צעטלעך ניט אַרויסגעלאָזן פון געטאָ. איך בין ניט געווען זיכער, צי וואַרטן ניט אויף אונדז גלײַך בײַם טויער, אויסערן געטאָ, ליטווינער, אויף אַוועקצופירן אונדז גאָר אין לוקישקעס. איך האָב זיך נאָך אָפּגערופן צו פעלמאַנען, אַז אין אַזאַ פאַל זאָלן מיר פרוּוון אַנטלויפן. עס איז לײַכט צו ריידן, דאָן לויפט זיך שוין ניט.

איך בין אויף אַן אמת געווען פאַרוואונדערט, בעת איך האָב דערזען אַז קיינער וואַרט אונדז ניט אָפּ. מיר זענען אַליין אַוועק אין זײַן איינ־הייט. דאָרטן זענען אַלע אַרבעטערס מיט זייערע משפחות אָפּגעווען דרײַ טעג. מען האָט אונדז געגעבן צוויי צימערן און מיר האָבן זיך אַלע אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע. יעדער מיט זײַן פּעקעלע, ווי ציגײַנער.

ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין געטאָ, האָבן מיר געפונען שוין איין מאָל אַ חורבן. מערסטן טייל פון די פאַרבליבענע זענען שוין געווען אַרויסגעפירט. עס זענען געבליבן נאָר די, וועמענס מאַלינעס מען האָט ניט אַנטדעקט.

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט מען ווידער געהייסן אַרויסגיין מיט די געלע שײַנען און מען האָט ווידער גערייניקט. יענעם טאָג, אַרויס־

גייענדיק, האָבן מיר געזען בײַם געטאָ אַ גאַנצע מאַכנע באַוואָפֿנטע ליטווינער, שוין גרייט צו דער אַרבעט, ניט צו פֿאַרלירן קיין איבעריקע צײַט. וואָס אין אונדזערע הערצער האָט זיך געטאָן — איז פֿאַרשטענדלעך. איך פֿערזענלעך האָב קיין נאָענטע ניט איבערגעלאָזן. מיך האָט מען שוין געהאַט באַפֿרײַט פֿון אַלעמען, נאָך אין דער ערשטער טשיסטקע. דאָך האָט עס אויף מיר שרעקלעך געווירקט. הײַנט ווי האָבן זיך געפֿילט די, וואָס זענען געווען געצוווּנגען איבערצולאָזן זייערע נאָענטע? עס זענען געווען גענוג אַזעלכע.

דאָס מאָל זענען שוין געבליבן געציילטע, אָפֿיציעל האָבן זיי ניט עקסיסטירט. מען האָט זיי ניט רעגיסטרירט און קיין ברויטקאַרטן ניט אַרויסגעגעבן. פֿאַר די דײַטשן האָט עס געהייסן, אַז די געטאָ באַשטייט נאָר פֿון געלע שײַנען און זייערע משפּחות. דאָס הייסט: סאַמע פֿאַכלײַט. אַלס אַזאַ, האָט מען גערעדט, איז די ווילנער געטאָ באַשטעטיקט און עס וועלן שוין מער קיין טשיסטקעס ניט פֿאָרקומען.

פֿון די דײַטשן אַ „גאַראַנטיע״!

מען האָט פֿון דאָס נײַ איבערגערעגיסטרירט די געלע שײַנען. דער־בײַ האָבן די פֿאַרבליבענע זיך געלאָזט קאָסטן, כּדי זיך צוצושרײַבן. עס האָבן זיך געפֿונען לײַט, וואָס האָבן פֿון דעם געמאַכט אַ גאַנצן געשעפֿט. אייניקע איינהייטן האָבן געקראָגן רעכט צוצושרײַבן עלטערן. אויך געשטאַפּאָ איז געווען צווישן די איינהייטן. פֿאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם. שפּעטער צו האָט מען, אין אַ געוויסן טאָג, צונויפֿגענומען די „געשטאַפּאָ־אַרבעטער״ מיט זייערע משפּחות און זיי אַוועקגעפֿירט אין לוקישקעס. דאָרט האָט מען די צוגעשריבענע אַלס עלטערן פֿאַרהאַלטן, די איבעריקע באַפֿרײַט. אַי, זיי האָבן דאָך פֿרײַער אַליין דערלויבט?! — האָט מען בײַ זיי אַן עוולה! דאָס איז, קענטיק, געווען אַזאַ שפּיצל: צונויפֿנעמען, אָן מי, נאָך אַ ביסל מענטשן פֿאַר פּאָנאַר.

בעת דער איבעררעגיסטראַציע האָב איך געהאַט אַ סך קלעמעניש. עס האָט מיר געדראָט, אַז איך זאָל ווערן אויסגעשטראָכן. איך האָב אָנ־

געווענדט אַלע מײַנע כּוחות, צו דעם ניט צו דערלאָזן. דאָס וואָלט געווען פֿאַר מיר אַן אמתער קראַך. אויך פֿעלמאַן האָט געהאַט צוליב מיר אַ היפּש ביסל אויסצושטיין. מען האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט, פֿאַר וואָס האָט ער צוגעשריבן דווקא מיך, און געוואָלט אים צווינגען ער זאָל צושרײַבן אַ צווייטע. יענע, האָבנדיק אַ צד אין טיש, האָט אָנגעבעטן, אַז בעת דער רעגיסטראַציע זאָל מען זײַן שײַן פֿאַרהאַלטן. האָבנדיק אַ צוגאַנג צו דער באַטשאַלסטווע, איז אין געטאָ געווען אַלץ מעגלעך. איך האָב זיך פֿון דעם דערוווסט, האָב איך אויסגערעכנט, דווקא ווען יענע באַטשאַלסטווע איז ניט געווען, אויף גיך זיך אַרײַנגעכאַפּט און זיך פֿאַררעגיסטרירט. פֿאַרשטייט זיך, אַז צום מערסטן האָט מיר געהאָלפֿן פֿעלמאַנס גוטער ווילן. אָן אים וואָלט איך זיכער געווען אַ פֿאַרלאָרענע. עס זענען געווען גרויסע סקאַנדאַלן, ס׳איז שוין אָבער געווען פֿאַרפֿאַלן. איך בין געבליבן אַ פֿאַר־רעגיסטרירטע ביזן סוף. אויף אַזאַן אופֿן בין איך געווען כּלפּי דער געטאָמאַכט אין אָרדענונג.

אין די שפּעטערדיקע אַקציעס פֿלעגן זיך די דײַטשן שוין ניט באַ־מיִען. זיי פֿלעגן זיך פֿאַרלאָזן אויף די ייִדן גופֿא. מען פֿלעגט הייסן צו־שטעלן אַ געוויסע צאָל מענטשן, און די ייִדישע פּאָליציי פֿלעגט שוין אַליין צונויפֿנעמען. מען האָט זיך אויף זיי געקענט פֿאַרלאָזן. זיי פֿלעגן אויפֿרײַסן מאַלינעס און אַרויסשלעפּן פֿון אַלע ווינקלעך. זיי האָבן אויף אַזוי פֿיל געוווּנען דעם צוטרוי פֿון די דײַטשן, אַז מען פֿלעגט זיי שיקן אויך אין די שטעטלעך אויפֿנעמען מענטשן.

האָבנדיק אַ ראָזן שײַן — אַלע צוגעשריבענע צו די געלע האָבן געהאַט ראָזע שײַנען — בין איך לגבי זיי געווען זיכער, אַז זיי וועלן מיך ניט טשעפּען. אַנטקעגן די דײַטשן איז קיינער פֿון אונדז, אַפֿילו דער בעסטער פֿאַכמאַן, קיין מאָל ניט געווען זיכער מיטן לעבן. מען פֿלעגט זאָגן, אַז מען אַרבעט איז מען זיכערער. איך האָב אָבער פֿון דעם ניט געהאַלטן. עס זענען געווען פֿאַלן, ווען אויפֿן אַרבעטספּלאַץ גופֿא פֿלעגט מען געפֿינען אַ פּריטשעפּקע, פֿאַרהאַלטן, און צוריק אין געטאָ האָט מען שוין אַזאַ מער ניט געזען.

יעדער פלעגט וועלן עפּעס פאַרדינען אויף צום לעבן. פלעגט מען אַרויסטראָגן זאַכן, אייגענע אָדער פרעמדע, פאַרקויפן די קריסטן. בײַ זיי פלעגט מען קויפן פּראָדוקטן. אַז מען פלעגט כאַפּן בײַ אַזאַ האַנדל, האָט מען אַוועקגעפירט אין לוקישקעס. אָפט מאָל פלעגט מען אָפּשטעלן פּאַרטיעס אויפן וועג און רעווידירן. איין מאָל האָט מען פאַרהאַלטן אַ גאַנצע פּאַרטיע, מערסטן טייל פרויען, פון דער „שקאָלאַ אָגראָדני־טשאַ" [74]. יעדע פרוי האָט געהאַט אויף זיך באַהאַלטן צו פּאָר קילאָ קאָרענע מעל. האָט מען זיי אַוועקגעפירט אין טורמע. אין גאָר זעלטענע פאַלן פלעגט זיך אײַנגעבן אַרויסצוראַטעווען זיך. די זינגערין ליובע זובלעוויצקי [75] האָט מורער [76] אַליין פאַרהאַלטן בײַם טויער פּאָר צוויי קילאָ אַרבעס. זי האָט געאַרבעט אין „שנײַדערשטובע" [77], האָט ער דאָרט געמאַכט אַ גאַנצע אויספאָרשונג און „פעסטגעשטעלט", אַז זי האָט דאָס געגנבעט... מען האָט זי אַוועקגעפירט אין לוקישקעס. קיינע באַמיִונגען פון גענסן [78] און דעסלערן [79] האָבן ניט געהאָלפן. מען האָט דערציילט, און עס לאָזט זיך גלייבן, אַז מען האָט אָפּגעשיקט אירע פאַרבלוטיקטע זאַכן, וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן, אין „שנײַדערשטובע". נאָך אַ סך

---

[74] פּויליש. שול פאַר גערטנערײַ־צוכט.

[75] [אָדער] לעוויצקאַ. באַקאַנטע זינגערין. אויפגעטראָטן מיט קאָנצערטן אין געטאָ, אָנגעפירט מיט אַ קלאַס אין דער מוזיקשול פון געטאָ. דערמאָרדעט אין פּאָנאַר. וועגן איר טעטיקייט אין געטאָ און טראַגישן סוף זען בײַ א. סוצקעווער, ווילנער געטאָ 1941—1944, פּאַריז, פאַרבאַנד פון די ווילנער אין פראַנקרײַך, 1946, ז"ז 118—120.

[76] פראַנץ מורער. נאַצי־אָפיציר, רעפערענט פאַר ייִדישע ענינים בײַם ווילנער געביטס־קאָמיסאַר הינגסט.

[77] שנײַדער־וואַרשטאַט. קרוב 150 ייִדישע אַרבעטערס.

[78] יעקב גענס. אַ קאָוונער ייִד, געוועזענער אָפיציר פון דער ליטווישער אַרמיי, גע־האַט אַ פרוי אַ ליטווינערין. אין דער ערשטער תקופה פון געטאָ — פּאָליצײַ־קאָמענדאַנט. שפּעטער, נאָך אַ פּוטש (זען וועגן דעם בײַ ה. קרוק, דצ"וו, ז' 305), שעף פון ווילנער געטאָ. דערשאָסן דורך דער געשטאַפּאָ ערב דער ליקווידאַציע פון געטאָ, סעפּטעמבער 1943.

[79] סאַלעק דעסלער. קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליצײַ, אָפענער מיטאַרבעטער פון דער געשטאַפּאָ. געוועז פאַרהאַסט בײַ אַלע געטאָ־איינוווינער. ה. קרוק דערציילט וועגן אים און זײַנע מעשׂים באריכות (דצ"וו, ז' 305 א"וו).

ענלעכע פאַלן האָבן פּאַסירט. דאָס זענען אַלץ פאַקטן וואָס דערווײַזן, אַז אַרבעט האָט אויך ניט פאַרזיכערט דאָס לעבן. איך האָב טאַקע אויס־געמיטן צו אַרבעטן, ביז עס האָט זיך געלאָזט. איך האָב ניט געוואָלט סתּם איבעריק זיך מאַטערן. פּראָדוקטן פלעגט פעלמאַן אַרײַנברענגען און איך פלעג זיך פאַרנעמען מיט דער באַלעבאַטישקייט. אין געטאָ גאָר געוואָרן אַ באַלעבאָסטע. קיין מאָל אַזאַ רויִקן אָרט לעבן ניט געפירט, אָן שמײַעניש...

זיצן אויסשליסלעך אין געטאָ איז אָבער געווען נאָך שווערער, ווי גיין צו דער אַרבעט. אַרויסגייענדיק פלעגט מען כאָטש אַ ביסל זיך אויס־שליסן פון דער געטאָ־אַטמאָספער. מיר זענען שטענדיק געווען אין שפּאַנונג, קיין מאָל ניט קיין רו, שטענדיק אויף עפּעס זיך געריכט. אין מיטן דערינען פלעגט מען דערהערן פּאָליציי שרײַט: „אַרײַן אין די טויערן", פלעגט מען שוין וויסן, אַז דאָס איז געקומען עמעצער פון אונדזערע פאַרזאָרגערס. אין משך פון איין מינוט פלעגט די גאַס ווערן פּוסט. אַלע פענצטער און באַלקאָנטירן פאַרמאַכט. פאַר אַ קוק טאָן דאַן אין פענצטער פלעגט דראָען לידסקע[80]. אַזעלכע וויזיטן פלעגן פאָרקו־מען זייער אָפט. איבערהויפּט די לעצטע צײַטן פלעגט קיין טאָג ניט דורכגיין. אָפט מאָל אַפילו עטלעכע מאָל דורכן טאָג. מען פלעגט דאָס שטענדיק אויפנעמען מיט דער זעלבער שרעק. ניט געקענט זיך צוגעע־ווינען. מען האָט קיין מאָל ניט געוווסט מיט וואָס אַזאַ וויזיט קען זיך ענדיקן. אָט קען מען גאָר אַרײַן אין די הײַזער און אַלעמען אַרויסנעמען. ניט איין מאָל איז מען געלאָפן זיך באַהאַלטן. אַז מורער פלעגט צופאָרן צום טויער איבערנעמען פון דער אַרבעט, פלעגט מען שוין צונעמען אַלץ. ער פלעגט צײַטנווײַז מכבד זײַן מיט אַ קלאַפּ אויך. ער פלעגט זיך ניט פוילן צו קומען אַפילו פאַר טאָג, 5 אָדער 6 אַ זייגער, אַ קוק טאָן ווי מען גייט אַרויס. איין טאָג האָט ער פאַראָרדנט, אַז אַלע וואָס זענען אַרײַן פון דער אַרבעט האָבן געמוזט חוץ די פּראָדוקטן אויסלייגן אַלץ וואָס זיי

[80] די תּפיסה אין ווילנער געטאָ אויף לידער געסל.

האָבן בײַ זיך געהאַט. מען האָט בײַ זיך ניט געטאָרט איבערלאָזן קיין איין מטבע, אונטער דער דראָונג פון שיסן גלײַך אויף אַן אָרט. מענטשן האָבן דאַן געהאַט גרויסע היזקעס. איייניקע האָבן געהאַט בײַ זיך געלט פאַר פרעמדע זאַכן און האָבן דערנאָך געמוזט ענטפערן. אַ צווייטן מאָל האָט ער פאַרהאַלטן בײַם טויער די גאַנצע פאַרטיע פרויען פון „שנײַדער־שטובע״, יעדער איינער געהייסן אַרײַנגיין אין טויערוואַך און זיך אויס־טאָן נאַקעט. ער אַליין איז געשטאַנען דערבײַ און געצווונגען די ייִדישע פּאָליציאַנטן זיי צו רעווידירן.

איין טאָג האָט ער גאָר אַרײַנגעשפּאַצירט צו די פרויען אין באָד. גאָר אָפט פלעגט ער באַזוכן די וואַרשטאַטן אין געטאָ. איזדיעקעווען זיך אויף פאַרשידענע סאַדיסטישע אופנים; געהייסן אַרונטערקריכן אונטערן טיש און עפּעס ענלעכס; גלײַכצײַטיק אַרויסווײַזן צופרידנקייט פאַר דער גוטער אָרדענונג און פּראָדוקציע, רימען און זאָגן אַז די ווילנער געטאָ פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט צווישן אַלע געטאָס.

אַזאַ גליק פאַר אונדז!

אָפט מאָל פלעגן קומען פאַרשיידענע דײַטשישע קאָמיסיעס. איין מאָל באַקוקן דעם סאַניטאַרן צושטאַנד פון די הייפן, אַ צווייט מאָל די ריינקייט אין די הײַזער. פון צײַט צו צײַט אַ קוק טאָן, צי האָבן די ייִדן ניט קיין זאַפּאַסן. צײַטנווײַז סתם אַזוי קומען באַקוקן ווי מען לעבט. איין מאָל האָבן זיי זיך גאָר אַראָפּגעלאָזן אין מיטן נאַכט, אַרײַן אין עטלעכע הײַזער אַ קוק טאָן ווי מען שלאָפט. אָט אַזוי האָבן זיי אָן אויפהער וועגן אונדז געזאָרגט. פון צווייטן זײַט, האָט די געטאָמאַכט געזאָרגט זיך צוצו־גרייטן צו די וויזיטן. האָט מען אויך פון זיי געהאַט אויסצושטיין. פון אַזוי פיל זאָרגערס פלעגט דער עולם ווערן אויסגעריסן.

אין געטאָ זענען געווען גאַנצע דרײַ קאָמיסאַריאַטן, קאָמיסאַרן, פאַר־טרעטערס, סערזשאַנטן, פּאָדסערזשאַנטן, סטאַרשע פּאָליציאַנטן און סתם פּאָליציאַנטן; אַ געריכט, קרימינאַל־פּאָליציי און אַ טורמע אויף לידסקע געסל. פאַר לידסקע האָט מען געציטערט, ווי פאַר לוקישקעס. געווען אַן אַרבעטסאַמט וואָס האָט פאַרמיטלט מיטן דײַטשישן אַרבעטסאַמט. דאָס

איז אויך געווען אַ „גראָזנע״ אינסטיטוציע. יעדער שמערכל האָט דאָרטן געהאַט אַ שטים. מען פלעגט אײַך טאָן גאָר אַ גרויסע טובה, אַז מען פלעגט רעדן מיט אײַך. זיי פלעגן זיך לאָזן שמירן. אין קעגנפאַל פלעגט מען האָבן אָפט מאָל צרות פון זיי.

דער יודענראַט האָט פאַרנומען דעם גאַנצן בנין פון דער אַמאָליקער רעאַל־גימנאַזיע. פאַר יעדער זאַך איז געווען אַ באַזונדערע אָפּטיילונג: וווינונגס־אָפּטיילונג, סאַניטאַרע אָפּטיילונג, חוץ סאַניטאַרע פּאָליציי, עלעקטריע־אָפּטיילונג, פינאַנס־אָפּטיילונג — מיט איין וואָרט: אָפּטיילונגען אויף אָפּטיילונגען [81]. דירעקטאָרן, וויצע־דירעקטאָרן, סעקרעטאַרן מיט פּאָדסעקרעטאַרן און סתם „מלוכה־לײַט״. צוקומען צו אַ וועלכן ניט איז דירעקטאָר איז געווען אַ גאַנץ שווערע זאַך.

געווען אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג. מען פלעגט אײַנטיילן הנחות אויף דירה־געלט, אַרויסגעבן איין מאָל אין חודש אַ פאָר קילאָ קאַרטאָפל, צוויי קילאָ ברויט, אַ האַלבן אָדער גאַנצן קילאָ אַרבעס, אַ ביסל זאַלץ און געלט — ביז 100 רובל; צעטלעך אויף צו קריגן אומזיסטע זופּ אין קיך. צײַטנווײַז אַ ביסל האָלץ, אומזיסטע מעדיצינישע הילף. אייניקע האָבן געקראָגן אומזיסטע נאַרעס צום שלאָפן. מען פלעגט דאַרפן אָנגעבן אַ ביטע. אויב די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט אַז מען נייטיקט זיך טאַקע, פלעגט מען געבן געוויסע הילף. עס איז געווען זייער געווונטשן צו האָבן פּראָטעקציע בײַ די אויסערגעוויינלעכע. דאַן פלעגט די ביטע ווערן גיכער באַטראַכט. אויב ניט, פלעגט זיך דאָס ציִען, אַפילו אין דרינגענדיקע פאַלן, אַ לענגערע צײַט.

עס איז נאָך געווען אַ מין ווינטערהילף. אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, וואָס איז געגאַנגען איבער די הײַזער אויפקלײַבן זאַכן. יעדערער וואָס האָט נאָר געהאַט אַ מינימום־מעגלעכקייט האָט געמוזט עפּעס געבן. אויב עס פלעגן זיך געפינען אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט און ניט געוואָלט געבן,

---

[81] װעגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע און די פונקציעס פון פאַרשיידענע אָפּטיילונגען זען בײַ מ. באַלבערישסקי, דצ״וו, ז״ז 300—419.

האָט די פּאָליציי גענומען בײַ זיי מיט כּוח. די זאַכן האָט מען צונויפגענומען אין אַ ספּעציעלן לאָקאַל און דאָרט פלעגט מען טיילן. אויך דאָ איז געווען זייער נייטיק פּראָטעקציע. אין קעגנפאַל פלעגט מען דאַרפן אָפּשטיין טעג אין ריי און צום סוף קריגן עפּעס אַ שמאַטע. האָבנדיק אַ צוגאַנג צו דער פאַרוואַלטונג האָט עס אויסגעזען אין גאַנצן אַנדערש. אין אַלגעמיין אָבער מוז מען אָנערקענען, אַז די אָרדענונג אין געטאָ איז געווען אַ מוסטערהאַפטע. די באַציִונג אָבער צום עולם — זייער ניט קיין סימפּאַטישע, אַ שטרענג דיקטאַטאָרישע.

אין „ווינטערהילף" זענען אַרײַנגעקומען אויך די זאַכן פון די אַלע, וואָס אַנשטאָט אין קאָוונע האָט מען אַוועקגעפירט נענטער — אויף פּאָנאַר [82]. דאָס מאָל האָבן די דײַטשן אין גאַנצן אָפּגעגעבן די זאַכן. מען האָט זיך מיט אונדז געשפּילט. פריִער האָט מען געגעבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצופירן מיט פורן וויפל מען האָט געוואָלט. צום פאָרן ניט אַלעמען צוגעלאָזן, נאָר ייִנגערע. וואָס מער פאַרמאַסקירן די פּולאַפּקע. די זאַכן האָט מען מיט פורן אַרײַנגעפירט אין געטאָ. דאָס האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ שרעקלעכן אײַנדרוק. מיט צוויי טעג צוריק זענען דאָך די מענטשן געגאַנגען עטלעכע שעה נאָך אַנאַנד דורכן געטאָ „צום באַן". מען איז געשטאַנען לעבן פענצטער און זיי באַטראַכט. איך האָב שוין דאָן ניט געקוקט. איך האָב דאָס ניט געקענט צוזען. איך האָב געטענהט אַז זיי גייען פרײַוויליק צום טויט. גראָד איז ישראַליק געווען בײַ מיר. ער איז אויך אַוועק פון פענצטער. ער האָט געוויינט. ער האָט אויך געהאַט די זעלבע מיינונג.

צו וואָס האָט קאָוונע געדאַרפט אַזוי פיל ייִדן? דער גרעסטער טייל האָט טאַקע געגלייבט, אַז זיי פאָרן אין קאָוונע. נאָכן פאַרשרײַבן און

82 דאָ רעדט זיך וועגן בגדים און הויז־חפצים, וואָס די ליטווינער האָבן צונויפגענומען פון די דערמאָרדעטע אין פּאָנאַר (זען הערה 24) און די דײַטשן האָבן אַרײַנגעשיקט אַלס „מתּנה" פאַר די נויטבאַדערפטיקע אין געטאָ. פאַרשטייט זיך, אַז פריִער האָבן זיי דאָס בעסערע אַראָפּגענומען פאַר זיך. ניט אַלע אין געטאָ זענען מסכּים געווען צו נעמען די זאַכן פון די מתים.

נאָך אַלע פאָרמאַליטעטן האָט טאַקע לאָגיש געדאַרפט אַזוי זײַן. פריִער פלעגט מען וועלן זיך אַליין אײַנרעדן, אפשר האָט מען ערגעץ אַרויסגעפירט, אפשר לעבט מען? דאָס מאָל האָט מען זיך ניט געהאַט וואָס צו נאַרן. עס איז קלאָר און דײַטלעך.

יעדע אַקציע האָט געהאַט אַן אַנדער פרעקווענץ. איין צײַט איז געווען אַ פאָדערונג צוצושטעלן אַ געוויסע צאָל אַלטוואַרג. עלטערע פרויען האָבן געפאַרבן גרויע האָר אויף שוואַרץ, אויסצוזען יינגער. דאַן זענען די יינגערע געגאַנגען פרײַ און די עלטערע זיך באַהאַלטן. אָפּט מאָל פלעגט זײַן פאַרקערט. די יידישע פאָליציי האָט דאַן צונויפגענומען בײַ אַ פיר הונדערט מענטשן. מען האָט זיי גאָר אַוועקגעפירט אין פאָס־פּיעשק[83] אויף דאַטשע, געהאַלטן דאָרט בײַ אַ וואָך צײַט, געגעבן גוט עסן. דערנאָך זענען זיי ניט געוואָרן. אויף וואָס פאַר אַן אופן — האָט קיינער ניט געוווּסט. אין געטאָ האָט מען גערעדט, אַז די פאָליציי האָט אויפגענומען מערסטן טייל קראַנקע, עלנטע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין מיטלען צו לעבן און פלעגן נעמען שטיצע. האָבן אַ סך אויפגעהערט צו ווענדן זיך אין סאָציאַל־פאַרזאָרגונג. אָט אַזוי פלעגט מען דורכפירן פון צײַט צו צײַט טשיסטקעלעך און דאָס געטאָ־לעבן פלעגט זיך גיין מיט זײַן גאַנג.

חוץ די טשיסטקעס פלעגן אָפּט פאָרקומען אַנדערע מין אַקציעס. איין צײַט איז מען געגאַנגען רעווידירן, צי מען האָט ניט מער ווי 300 רובל, דאָס איבעריקע פלעגט די יידישע פאָליציי צונעמען. עס פלעגן ניט העלפן קיינע טענות. זיי פלעגן ענטפערן, אַז מען דאַרף שטענדיק זײַן אין אָרדענונג, דאָס הייסט, אויב מען האָט מער, דאַרף מען האַלטן אַזוי, אַז מען זאָל ניט געפינען... יעדער איינער האָט געהאַט רעכט צו

---

[83] זומערפלאַץ הינטער ווילנע. לויט ד״ר מ. דוואָרזשעצקי זענען די זקנים געבראַכט געוואָרן אין יולי 1942 אין בנין פון דער געוועזענער קינדער־קאָלאָניע פון אָזע אויפן נאָמען פון ד״ר צמח שאַבאַד (אין פאָספּיעשקי־וואַלד), כדי צו ווײַזן פאַר אויסלענדישע געסט ווי גוט זיי ווערן באַהאַנדלט. נאָך דעם האָבן די דײַטשן זיי אַרויסגעפירט צום טויט (דצ״וו, ז׳ 190).

פאַרמאָגן נאָר 300 רובל. דאָס איבעריקע האָט מען געדאַרפט אָפּגעבן די דײַטשן. אין די נאָרמאַלסטע צײַטן אין געטאָ פלעגט איין קילאָ ברויט קאָסטן 25 רובל, איין קילאָ קאַרטאָפל — 25 רובל. האָט מען טאַקע געקענט מיט דער סומע אויסהאַלטן...

אַ געוויסע צײַט איז מען געגאַנגען איבער די הײַזער צונויפנעמען קופּער. דערנאָך איז געווען אַ מעשׂה פוטערוואַרג. אַ פאַראָרדענונג אָפּ־צוגעבן דאָס פוטערוואַרג. פאַר דעם קלענסטן שטיקל פוטער, וואָס מען האָט געפונען בײַ עמעצן, האָט געדראָט אויסצושיסן דעם גאַנצן הויף. מען האָט אַליין אַוועקגעטראָגן אין די קאָמיסאַריאַטן, וואָס איינער האָט געהאַט. אַפילו די פויערישע פעלצלעך. די ייִדישע פּאָליציאַנטן זענען געגאַנגען בײַ יעדערן קאָנטראָלירן, שפּעטער זענען אויך געקומען די ליטווינער בײַ יעדערן דורכפירן אַ רעוויזיע. אַזוי איז מען שטענדיק געווען אין שרעק. מען איז קיין מאָל ניט געווען זיכער, צי וועט מען ניט אויסגעפינען צו וואָס נאָך זיך צוצוטשעפּען. אָט האָט מען גאָר צוגענו־מען שטולן, אָבער דאָס איז שוין געווען אַן אינעווייניקסטע געטאָ־פאַר־אָרדענונג. שטענדיק האָבן זיי עפּעס אויסגעפונען.

אומאָפּהענגיק פון דעם אַלעם איז געווען אין געטאָ אַ קינדערשול און אַ טאָגהיים — דאָ פלעגן די מוטערס, וואָס פלעגן גיין צו דער אַר־בעט, קענען איבערלאָזן קינדער, ניט ייִנגער פון צוויי יאָר, ביז פינף אַ זייגער אין אָוונט. אין קינדערהיים פלעגן די קינדער זײַן מיטן שלאָפן. אומעטום איז געווען אַן אויפזיכט פון דאָקטוירים. געווען אַ פאַכשול פאַר יוגנט און קורסן פאַר דערוואַקסענע. אָפט מאָל פלעגט מען אויפן שײַן אָנגעבן אַ פאַך פון וועלכן מען פלעגט קיין אַנונג ניט האָבן. די קורסן האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט אין אַ קורצער צײַט זיך באַקענען מער וויינקער מיט אַ געוויסן פאַך. די ביבליאָטעק און דער ייִדישער שפּיטאָל זענען געווען אין געטאָ. בײַם שפּיטאָל איז געווען אַן אַפּטייק. חוץ דעם האָט מען אײַנגעאָרדנט אַ לאַבאָראַטאָריע מיט אַ דענטיסטישן קאַבינעט און רענטגען. געווען צוויי בעדער מיט דושן און דעזינפעקציע־אײַנריכטונגען. יעדערנס זאַכן פלעגן דורכגיין אַ דעזינפעקציע.

איין מאָל אין מאָנאַט איז די באָד געווען אָבליגאַטאָריש. דערבײַ פֿלעגט מען אַרויסגעבן אַ צעטל מיט אַ שטעמפּל — די דאַטע ווען מען איז געווען. אָן דעם שטעמפּל פֿלעגט מען ניט אַרויסגעבן קיין ברויט־קאַרטן. אין עטלעכע קיכן פֿלעגט מען צוויי מאָל אין טאָג אַרויסגעבן זופּ. אַ פּאָרציע פֿלעגט קאָסטן 5 רובל. אייניקע פֿלעגן דאָס קריגן אומזיסט. דאָ פֿלעגט מען אויך קריגן געקאָכטע וואַסער און קאַווע. די לעצטע צײַטן אַ גאַנצן טאָג.

אין יאַנקעלעוויטשעס געוועזענער קראָם האָט מען דורכגעפֿירט אַ קאַפּיטאַלן רעמאָנט און דאָרט אײַנגעאָרדנט אַ מין קאַפֿע. דאָ האָט מען געקענט טרינקען קאַווע פֿון 5 אַ זייגער אין דער פֿרי ביז שפּעט אין אָוונט. מען פֿלעגט דאָ אויך אַרויסגעבן מיטאָגן פֿון צוויי שפּײַזן. אַ קאַשע, אָדער אַ וועלכע ניט איז געמיזע, און אַ זופּ. דאָס פֿלעגט קאָסטן 20 רובל און די פּראָדוקט־קאַרטן האָט מען געדאַרפֿט אָפּגעבן. פּאָליציי האָט געהאַט אַ הנאה. דער לאָקאַל איז געווען אײַנגעאָרדנט לוקסוסאָווע: צוויי צימערן, איינער גאָר אַ גרויסער, מיט אַ סך קליינע טישלעך און שטולן, אַלע פֿון זעלבן מין. אין אָוונט פֿלעגט מען אָנצינדן אַ לוסטרע מיט אַ סך לאָמפּן. צײַטנווײַז פֿלעגט מען דאָ שפּילן פּיאַנע, אָבער צו דער קאַווע מיט סאַכאַרין, אין ליימענע קוביקעס, האָט זיך עס ניט גע־פּאַסט. דאָ איז געווען אַ טרעפֿפּונקט. ווען ניט די געלע לאַטעס פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן און די אויסגעמאַטערטע פּנימער, וואָס מען פֿלעגט זען אַנטקעגן זיך, וואָלט מען זיצנדיק דאָרטן געקענט פֿאַרגעסן, אַז מען געפֿינט זיך אין געטאָ. אַפֿילו אַ טעאַטער איז געווען אין געטאָ. צײַטנווײַז אויך קאָנצערטן. עס איז געווען אַ הײַפֿעלע באַזוכער און עס פֿלעגט שטענדיק זײַן פֿאַרפֿולט. דאַן איז מיר דאָס אויסגעקומען ווילד, — ווי קען מען האָבן נערוון אויף אַ בית־עולם צו זען אַ פּיעסע און צו הערן אַ קאָנצערט. איצט קלער איך, אַז אפֿשר זענען זיי געווען גערעכט. אַרײַנ־דרינגען אין אַלץ וואָס אַרום אונדז איז פֿאָרגעקומען, וואָלט געווען אומ־מעגלעך צו לעבן. מען מוז זיך אַליין פֿאַרטומלען, אַרויסשלאָגן, ווי ווײַט מעגלעך, פֿון קאָפּ. די אַלע טעאַטער־באַזוכערס זענען דאָך שוין הײַנט

גיטאָ, האָבן זיי כאַטש אויסגענוצט, וואָס עס האָט זיך געלאָזן.

אויף די גאַסן, און ווען די פּאָליציי פלעגט פונאַנדערטרײַבן — אין די טויערן, פלעגן פרויען פאַרקויפן קאָרענע קיכעלעך, אויך ווײַסע בולקעס, פּאַפּיראָסן און צוקערקעס. עס זענען געווען עטלעכע צוקער־קעס־פאַבריקן. אין אַ הויף אויף שפּיטאַלנע איז געווען אַ מין האַלע. דאָרט פלעגט מען פאַרקויפן פאַרשיידענע קלייניקייטן. פּאַסטע צו די שיך, מען פלעגט דאָס אין געטאָ מאַכן, שוועבעלעך, שפּילקעלעך און אַנדערע. עס זענען געווען עטלעכע בעקערײַען. מען פלעגט דאָ קענען פאַר אַ גע־וויסן אָפּצאָל אויסקאָכן אַ טעפּל, אַרײַנטראָגן פאַר טאָג, פאַרן גיין צו דער אַרבעט, און אַ זייגער 4—5 אָפּנעמען. אַ סך פּריוואַטע הײַזער פלעגן אויך באַקן ברויט אויף צו פאַרקויפן. עס זענען געווען עטלעכע קראָמען און ספּעציעלע ערטער פון פליישפאַרקויף, צײַטנווײַז אויך פיש. דאָס איז אַלץ געווען אין די הייפן.

יעדערער פלעגט האָבן אַ פּאַטאַיעמניק[84]. אין פאַל ווען עמעצער פלעגט קומען אין געטאָ פלעגט אַלץ ווערן אָפּגעראַמט, קיין סימן פון קיין זאַך.

אין די קראָמען פלעגט מען קריגן אַלץ: פּוטער, אייער, קעז, סמע־טענע, הערינגלעך, ווורשטן, פאַרשיידענע גרינסן, פּאָמידאָרן, עפּל, יאַג־דעס, פרישע בולקעס, אַפילו טשאָסטקעס[85]. מען פלעגט אויך קומען אין די הײַזער פאַרלייגן פאַרשיידענע פּראָדוקטן. אויף אַזאַ אופן פלעגט קאָסטן ביליקער ווי אין די קראָמען. אַזעלכע אַרטיקלען ווי פּוטער, פלייש, פיש און ענלעכע פלעגט זיך קענען דערלויבן נאָר אַ געוויסער טייל. פלעגט אָפט מאָל זײַן שווער אָפּצוזעצן די פּראָדוקטן. איבערהויפּט האָט זיך די געטאָ אויסגעהאַלטן פון אַרײַנשוואַרצעווען[86] דורך מאַלי־נעס. מען פלעגט אַרײַנוואַרפן זעק קאַרטאָפל, מעל, זײַטן פלייש, קאַשיקעס פיש.

---

[84] פּויליש. באַהעלטעניש.

[85] פּויליש. צוקער־געבעקס.

[86] אויפן געטאָ־לשון — אַרײַנשמוגלען.

עס פלעגט טרעפן, מען פלעגט די מאַלינעס אַנטדעקן און פאַר־מויערן, פלעגט מען אויסבויערן אַנדערע. ביז מען האָט געלאָזט לעבן, האָבן יידן זיך געגעבן אַן עצה. צווישנווייז פלעגט מען אָפּמאַכן מיט דער פּאָליציי: דעם ליטווין, וואָס פלעגט שטיין בײַם טויער, פלעגן זיי שוין אונטערשמירן און מען פלעגט אַרײַנפירן דורכן טויער, אונטער האָלץ, פּראָדוקטן. דאָס איז געווען פאַרבונדן וואָס ווײַטער מיט אַלץ מער ריזיקע.

לעצטנס האָבן מיר פאַר די דײַטשן עקסיסטירט נאָר אַלס נומערן. אַלע שײַנען האָט מען פאַרביטן אויף אַזאַ מין פּעסער־בלעכלעך מיט אויסגעקריצטע נומערן. דאָס איז געווען דער הויפּט־דאָקומענט. דאָס בלעכל האָט יעדערער געמוזט טראָגן אויפן האַלדז, אויף אַ שנירל. עס איז געווען רעכט, אַז בײַם פאַרהאַלטן עמעצן פלעגט מען אים אָפּלאָזן און דערנאָך אַרויספאָדערן דעם נומער. די לעצטע צײַטן פלעגט מען צונעמען ניט נאָר דעם „פאַרברעכער”, נאָר אויך זײַן גאַנצע משפחה. מען האָט אַרעסטירט איינעם אַ קוימען־קערער, האָט די פּאָליציי געמוזט אויך אַרויסגעבן זײַנע צוויי מינדער־יעריקע קינדער. אָט אַזוי האָט מען געהאַלטן, אַחוץ די טשיסטקעס, אין איין אויסראָטן. עס פלעגן שטענ־דיק זײַן נײַע קרבנות. עס זענען געווען מענטשן, וואָס ניט ריזיקירנדיק וואָלטן זיי געדאַרפט אויסגיין פון הונגער. פלעגט מען זיך ניט אָפּהאַלטן. אַזוי דער טויט און אַזוי דער טויט. פלעגט ווערן שטרענגער בײַם טויער, פלעגט ווערן פּוסט אומעטום. דאַן פלעגט מען ניט קריגן קיין קילאָ ברויט, קיין קאַרטאָפל אויף אַ רפואה. מענטשן בעסער סיטויִרטע פלעגן זײַן צוגעגרייט אויף אַזעלכע טעג מיט זאַפּאַסן. אָבער די וואָס פלעגן קוים דורכשטופּן דעם טאָג פלעגן פון דעם שטאַרק לײַדן. די מאַטעריעלע לאַגע איז געווען פאַרשיידן. די וואַשאָווניקעס[86א] האָבן גוט פאַרדינט. פון

[86א] שמוגלער.

אַרײַנטראָגן די פּאָר קילאָ קאַרטאָפּל מיטן שטיקל ברויט האָט מען קיין לעבן ניט געקענט מאַכן, אָבער פאַרקויפנדיק אַ העלפט, פלעגט די צווייטע העלפט זײַן פאַר זיך אַ ריווח. און וויפל מאָל פלעגט מען בכלל צונעמען בײַם טויער! וויפל מאָל פלעגן די שטוביקע זיצן אַ גאַנצן טאָג ניט קיין געגעסענע און וואַרטן אויף די פאָר קאַרטאָפל, — און דאָ פלעגט מען קומען מיט ליידיקן. דאָס זענען געווען אָפטע פאַלן. דאָ איז די טראַגעדיע געווען אַ סך אַ גרעסערע, ווי בײַ די וואָס מען פלעגט צונעמען פוטער, פלייש און אַנדערע גוטסקייטן. זיי פלעגן זיך גיכער געבן אַן עצה. דאָ פלעגט דאָס זײַן, פשוט, אַן אומגליקספאַל. עס פלעגט נאָך טרעפן, אַז דאָס געלט איז געווען געליִענע און מען האָט געדאַרפט ענטפערן [דעם מלווה].

עס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן נאָך געהאַט ווערטפולע זאַכן און געלט, פלעגן זיי זיך דערלויבן אַ גוטן לעבן. אַנדערע, דאָס זענען געווען איינצלנע, האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט אַ דאַנק דער ליקווידירטער געטאָ[87]. די דײַטשן האָבן איבערגעגעבן די ייִדן דאָס אַריבערטראָגן די זאַכן פון די וווינונגען אין די סקלאַדן, מען האָט דערבײַ זיך אַנגענומען זאַכן. אייניקע, איבערהויפּט פּאָליציי, האָבן די גאַנצע צײַט עקסיסטירט פון דעם. איך בין איין מאָל אַהין אַוועק. עס האָט געמאַכט אויף מיר אַ געפערלעך שווערן אײַנדרוק — די אָפענע הײַזער מיט די צעוואָר־פענע זאַכן. אין אַ שטוב האָב איך געפונען אויפן טיש טעלערס מיט עסן, פונקט ווי מען וואָלט אָקערשט אַרויס נאָר אויף אַ ווײַלע. איך האָב דאַן מיטגענומען אַ טשײַניק און עטלעכע טעלערס און גלײַך אַנטלאָפן.

עס זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אין גאַנצן ניט געהאַט פון וואָס צו לעבן. אַפילו דאָס קאַרטקאָווע ביסל פוטער און צו־קער, וואָס מען פלעגט געבן אין גאַנצן איין מאָל, צײַטנווײַז צוויי מאָל אין חודש, פלעגט מען קיין מאָל ניט לאָזן פאַר זיך, נאָר פאַרקויפן און פאַר דעם געלט קויפן אַ פאָר קילאָ ברויט. די הילף פון דער סאָציאַל־פאַר־

[87] דאָ ווערט געמיינט די געטאָ נומ׳ 2 (די קליינע געטאָ).

זאָרגונג האָט, אין בעסטן פאַל, געקענט סטײַען פאַר איין פערזאָן נאָר אויף צוויי טעג צו זײַן זאַט. ווי ניט איז, באַשטייט אַ משפחה פון עטלעכע פערזאָן און אַ חודש האָט ניט קיין צוויי, נאָר דרייסיק טעג. פלעגן טאַקע אַ סך רעזיגנירן פון שטיין אין די רייען, און אין גאַנצן זיך אָהין ניט ווענדן.

עס האָבן זיך שוין אויך געפונען אַזעלכע, וואָס פלעגן גיין בעטן נדבות. דאָס זענען אָבער געווען געציילטע. דער כּלל האָט זיך אויף דעם ניט דערלויבט. פאַרקערט, מען פלעגט נאָך וועלן פאַרדעקן, ניט אַרויסווײַזן, און מאַטערן זיך אין דער שטיל. הונגערן און פרירן, זיצן אַ ווינטער אין אַ ניט־געהייצטן צימער, אַרויפשלעפּן אויף זיך וואָס מען פלעגט נאָר האָבן. ניט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז קינדער האָבן געבעטן עסן און אין שטוב איז קיין ברעקל ברויט ניט געווען. איך דערמאָן זיך ווי איין מאָל, אויף די טרעפּ בײַ אַ באַקאַנטער, האָט אַ דרײַ־יעריק מיי־דעלע געוויינט־געשריִען: עסן! די מאַמע האָט זי געשלאָגן און געהייסן שלאָפן. איך האָב דאַן גראָד געבראַכט איר עפּעס צום עסן. זי האָט זיך צו דעם אַזוי צוגעכאַפּט, אַז צוקוקנדיק זיך צו דעם האָבן טאַקע, ווי מען זאָגט, שטיינער געקענט וויינען. צי דען האָט ווען אַזאַ נפשל, אַפילו אין די ערגסטע צײַטן [פאַר דער מלחמה], געוווּסט פון אַ הונגער?

פון די ברויטקאַרטן און מיט אַ צוגאָב־קאַרטע פאַר די אַרבעטנדיקע איז געווען אוממעגלעך זיך אויסצוהאַלטן. די אָנגעשטעלטע אין יודענ־ראַט האָבן נאָך געהאַט צוגאָב־פּאַיקי [88], אָבער דאָס איז אויך געווען קנאַפּ. זיי האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַרויסצוגיין און זענען געווען געצוווּנגען צו צאָלן טאָפּלטע פּרײַזן. עס זענען נאָך געווען „איי־זערנע" פּאַיקי: גאַנצע, האַלבע, און פערטלעך. אויף זיי פלעגט מען געבן יעדע וואָך אַ געוויסן קוואַנטום ברויט, צוקער, פּוטער און אַ סך אַנדערע פּראָדוקטן. גאַנצע האָבן געהאַט נאָר עטלעכע פערזאָן, האַלבע און פערטלעך — די העכערע באַאַמטע. דאָס איז שוין געווען אַ גרויסע

---

[88] רוסיש. פּאָרציעס.

אונטערשטיצונג. אָבער די וואָס האָבן דאָס באַקומען האָבן אַן דעם אויך געהאַט פון וואַנען צו לעבן. די צוגאָב־פּאַיקעס פלעגט מען שאַפן אַראָפּ־נעמענדיק צו ביסלעך פון יעדנס ברויטקאַרטע. די ברויטקאַרטן פלעגן אַרויסגעבן אופּראַוודאָמען און די בלאָק־קאָמענדאַנטן.

יעדער הויף האָט געהאַט אַן אופּראַוודאָם און אַ בלאָק־קאָמענדאַנט און אַ סטאָראָזש. דערצו איז נאָך אין יעדער וווינונג געווען אַ וווינונג־קאָמענדאַנט אָדער קאָמענדאַנטקע. קיין טיטולן אין געטאָ האָבן ניט געפעלט. אויך מיר האָט מען געוואָלט צושאַרן פאַר אַ בלאָק־קאָמענ־דאַנטקע, איך האָב זיך אָבער אַרויסגעדרייט. עס האָט זיך מיר ניט גע־וואָלט אין געטאָ אָנלעבן טיטולן, און דערצו נאָך האָבן איבער זיך נאַטשאַלסטווע. שפּעטער האָט מיר אַ ביסל פאַרדראָסן, ווײַל דאָס האָט געגעבן פּריווילעגיעס. דעם כּבוד צו זײַן אַ וווינונג־קאָמענדאַנטקע האָב איך געהאַט. גאָר אַ קליינער טשין. עס פלעגט מיר אָבער אויסקומען צײַטנווײַז צו האָבן אומאָנגענעמלעכקייטן: זיך איבעררעדן מיט אַ שכנטע צוליב אַ דיזשור אין קיך אָדער אויף די טרעפּ, און אַנדערע ענלעכע קלייניקייטן. איין מאָל בין איך גאָר אָפּגעזעסן אַ נאַכט אויף לידסקע. די דיזשורנע פון קיך האָט געלאָזן אויפן ליטשניק[89] שטויב, האָט מען זי באַ־שטראָפט און אויך מיך, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכע.

יעדן טאָג פלעגט די בלאָק־קאָמענדאַנטקע קומען באַקוקן די אָר־דענונג אין די וווינונגען. אַ פּאָר מאָל אין וואָך פלעגט קומען אַ סאַני־טאַרקע. פון צײַט צו צײַט אַ גאַנצע קאָמיסיע פון דער סאַניטאַר־פּאָליציי מיט אַ סאַניטאַר־דאָקטער בראָש. בײַ אונדז ענגשאַפט, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען, איז טאַקע געווען אומבאַדינגט וויכטיק אָפּצוהיטן דעם היגיענישן צושטאַנד. עס איז אָבער געווען שווער אײַנצוהאַלטן שטענדיק אַן אידעאַלע אָרדענונג. זאַלבע זעקסט זענען מיר געווען אין אַ צימערל

[89] פּויליש. זייגער אין דער עלעקטריע־נעץ.

פון געגויע 12 מעטער. ביי טאָג פלעגן שטיין נאָר צוויי געלעגערס, ביי נאַכט פלעגן מיר פונאַנדערשטעלן די איבעריקע און אַז מען פלעגט דאַרפן דורכגיין פלעגט מען קריכן איינע איבער דער אַנדערער. עס איז נאָך געווען אַ מעלה, וואָס דער צימער איז געווען דער לעצטער. אין די דורכגאַנגס־צימערן איז געווען גאָר געפערלעך, ווי אויף אַ יאַריד. אין צימער גופא האָב איך געהאַט אַ קליינע פּליטקע, געמאַכט פון אַ דו־כאָווקע, מיט רערן איבערן גאַנצן צימער און אויף דעם האָב איך געקאָכט.

האָלץ, קאַרטאָפל און וואָס נאָר כ׳האָב געהאַט איז געלעגן אין צי־מער און כ׳בין געווען צופרידן, אַז איך פלעג דאָס האָבן. אויך די איבעריקע פלעגן אַלץ האַלטן אין צימער. אונדזערע פירער האָבן געפאָדערט אַז אין די צימערן זאָל שטענדיק זיין אָרדענונג און זיין שטענדיק גרייט אויפ־צונעמען די דייטשישע קאָמיסיעס. דאָס האָט געהייסן — ניט קאָכן, ניט עסן און בכלל ניט לעבן. קאָכן האָט מען געמעגט נאָר דאָס וואָס מען האָט באַקומען אויף די קאַרטן. עס פלעגט טרעפן, אַז די דייטשן פלעגן מיט אַ לעפל אַ מיש געבן אין טעפל, זען וואָס דאָרט קאָכט זיך. קיין אַנדערע פּראָדוקטן האָבן אין שטוב זיך ניט געטאָרט געפינען. פלעגט מען גלייך אַלץ באַהאַלטן, ווען די דייטשן פלעגן זיך באַווייזן. אָבער אונ־דזערע אייגענע קאָמיסיעס פלעגן קומען אין גאַנצן אומגעריכט, דאַן פלעגט מען דאָך ניט שרייען: „אין די טויערן אַריין" — פלעגט מען האָבן פון זיי די ריכטיקע צרות.

אונדזער הויפּט־אינספּעקטאָר איבער די וווינונגען האָט אַ מאָל אין אַ שטוב אויסגעגאָסן אַ טעפל געקעכטס, ווייל עס איז געווען צו גוט! אין אַ צווייטן אָרט האָט ער צוגענומען אַ קוואַשינע. ער פלעגט זאָגן, אַז מען מעג אַלץ קאָכן און עסן, אַזוי אַז מען זאָל דאָס אָבער ניט געפינען. פלעגט מען געפינען אַ ניט־אויסגעשייערטן טעפל, מעג זיין אָקערשט פון פּליטע אַראָפּגענומען, האָט מען אים צוגענומען. עס פלעגן ניט העלפן קיין טענות. אַלע זייערע באַשלוסן זענען געווען מחוץ פון יעדער אַפּע־לאַציע. זיי פלעגן זאָגן, אַז מען דאַרף זיי טראַקטירן, פּונקט ווי דאָס וואָלטן געקומען דייטשן — אויף אַזאַ אופן ווילן זיי אײַנהיטן די געטאָ.

ס׳האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז אייניקע זענען געוואָרן אַזוי פאַרכאַפּט פון זייער מאַכט, אַז זיי פלעגן פאַרגעסן, אַז אויך זיי זענען ייִדן און אויך זיי געפינען זיך אין געטאָ. דאַכט זיך, אַז בײַ די בעסטע באַדינגונגען איז דאָס שווער געווען צו פאַרגעסן. עס איז גענוג געווען אַרויסצוגיין אויפן גאַס און זען פאַר זיך דעם הויכן פאַרקאַן.

איך בין זיכער, אַז דער זעלבער הער אַסטער[90], קומענדיק פון זײַנע אינספּעקציעס, פלעגט אויף מיטאָג ניט עסן ניט קיין שוואַרצן בורטשאַק, ניט קיין געפוילטע קרויט, ניט קיין געפּראָרענע קאַרטאָפל, פון וועלכע ס׳האָט זיך געגאָסן וואַסער, און אויך ניט קיין פאַרשטונקענע פערדנ־פלייש, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ יום־טוב, אַז מען האָט דאָס גע־קראָגן. געוויס האָט ער זיך ניט געדאַרפט באַהאַלטן מיטן עסן, געגעסן בײַם טיש.

אַנשטאָט אַ חברישער באַציִונג מצד די אייגענע האָט מען זיך אָנ־געטראָפן אויף אַן אָפּשטויסנדיקער ברוטאַלקייט. איין מאָל האָט מען אונדזער גאַנצן הויף באַשטראָפט פאַרן איבערפירן די אוביקאַציע. די סיבה איז גאָר געווען אַ טעכנישע. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן. מען האָט געשריִען, געטענהט, — צו דער וואַנט. יעדע משפחה האָט געדאַרפט באַצאָלן 100 רובל. געווען זענען בײַ אַ 200 משפחות. אַ ניקשהדיקע סומע. אייניקע האָבן קוים, מיט געוויין, אויסגעפּועלט אויף 50 פּראָצענט. ווער עס האָט ניט געצאָלט, האָט מען אים צוגענומען אויף לידסקע. איך האָב זיך קעגנגעשטעלט, בין איך בעסער אָפּגעזעסן. אָט אַזוי פלעגן מיר האָבן צוגאָב־צרות.

אין געטאָ פלעגן שטענדיק זײַן רעמאָנטן. מען האָט אונדז „געפּונ־דעוועט". די דײַטשן האָבן געזאָרגט אונדז צו מאַכן באַקוועמער, פרײַער. האָט מען אונדז נאָך צוגעטיילט יאַטקעווער געסל און נאָך עטלעכע הייפן,

[90] דאָ און אין אַנהייב פאַבריקן אַבזאַץ ווערט געמיינט, וואַרשײַנלעך, רפאל אַסטער, אַ קאָוונער ייִד, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דער סאַניטאַר־פּאָליציי אין געטאָ. שפּעטער געווען לייטער פון דער קרימינאַל־פּאָליציי.

יאַנאָווסקיס אין דעם [91]. פלעגט מען רעמאָנטירן די דירות און זיך איבער־קלײַבן. די וואַרשטאַטן האָבן געאַרבעט אין דרײַ שיכטן, טאָג און נאַכט, אָן אויפהער. מען האָט פאַרנומען אַלץ מער לאָקאַלן. מען האָט גערעדט, אַז גאַנץ רודניצקער פּראָנט וועט ווערן באַפרײַט פון די שכנים און וועט ווערן פאַרנומען אויף וואַרשטאַטן. די פּראָדוקציע איז געגאַנגען מערסטן טייל פאַר דער דײַטשישער אַרמיי. אַ פּאָר מאָנאַטן פאַר דער ליקווידאַציע האָבן נאָך די דײַטשן אַרײַנגעפירט נײַע ניימאַשינען אין די שנײַדער־וואַרשטאַטן. מען האָט זיך געטרייסט, אַז דאָס איז אַ באַווײַז אַז די געטאָ וועט עקסיסטירן. זיי האָבן דערבײַ גאָרניט פאַרלאָרן. די מאַשינען זענען געבליבן אויף אָן אָרט.

צו דער אַרבעט פלעגט מען זיך אָנהייבן קלײַבן 5 אַ זייגער פאַר טאָג. רודניצקע גאַס פלעגט אָנהייבן צו גימזען. יעדע איינהייט האָט זיך געקליבן אין אַן אַנדער טויער. דער הויפּט־אָנפירער איז געווען דער בריגאַדיר. עס זענען נאָך געווען קאָלאָנען־פירער, באַרעכטיקטע צו פירן די באַזונדערע פּאַרטיעס. אַליין האָט מען ניט געטאָרט גיין. עס פלעגן טרעפן גרעסערע איינהייטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין עטלעכע פּונקטן, האָבן זיי געהאַט עטלעכע קאָלאָנען־פירערס. די לעצטע צײַטן האָט מען נאָך אײַנגעפירט דעסיאַטניקעס, איינער וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר צען אַרבעטערס און האָט אַכטונג געגעבן, אַז קיינער זאָל ניט פעלן.

פאַרן אַרויסגיין פלעגט דער בריגאַדיר אַרײַנוואַרפן אין אַ קעסטל, לעבן טויער, די רשימה פון די מענטשן, וועלכע ער פירט אַרויס, אויף אַ באַזונדערן צעטל אָנגעגעבן די וואָס פעלן. די אַרבעטס־פּאָליציי פלעגט

---

[91] עס װערן דאָ זיכער געמיינט די רעמאָנטן פון חורבות, סקלאַדן, קעלערס און ביידעמער, מיט װעלכע עס האָט זיך פאַרנומען די וווינונג־אָפּטיילונג אין געטאָ (און ניט די דײַטשן), כּדי צו שאַפן נאָך דירות. דאָס גלײַכן אויף יאַטקעווער געסל און אין דערמאָנטן הויף, וועלכע האָבן געהערט צו דער געטאָ.

די קליינע געטאָ (געטאָ 2) נאָך דער ליקווידאַציע, דעם 30סטן אָקטאָבער 1941.
פאָטאָגראַפירט אין געהיים.

פּאָנאַר.



אַרבעטס־לאַגער ה. ק. פּ. אויף סובאַטש 37.

זיי צונעמען אויף לידסקע, אויב זיי האָבן ניט געהאַט קיין ספּעציעלע באַפרײַונג פון אַ דאָקטער. בײַם טויער פלעגן שטיין די אָנגעשטעלטע פון אַרבעטסאַמט און ציילן, וויפל מענטשן עס גייען אַרויס, צי עס שטימט מיט דער רשימה, און בײַם צוריקקערן ווידער ציילן. אין די פריִערדיקע צײַטן איז ניט געווען אַזוי, דאָס איז געוואָרן נאָר לעצטנס, בעת מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז אייניקע אַנטלויפן אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער. ס׳זענען געווען אייניקע פאַלן, ווען ליטווינער אָדער דײַטשן האָבן געכאַפּט אויפן וועג די אַנטלאָפענע. האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו היטן שטרענג, אַז קיינער זאָל פון געטאָ ניט אַרויס.

איך האָב זיך קיין מאָל ניט געקענט צוגעוווינען צו דעם בילד, ווי מען פלעגט זיך אויסשטעלן צו דרײַ אָדער פיר אין אַ ריי, מיט די געלע לאַטעס אויף קאָמבינעזאָנען פון פּראָסטע זעק, אַנדערע סתּם אָפּגעריסן. פרויען וואָס האָבן געאַרבעט אין די גערטנער איז אויסגעקומען צו גיין צו דער אַרבעט אַ סך קילאָמעטערס. זיי פלעגן אַרויסגיין 5 אַ זייגער פאַר טאָג און צוריקקומען שפּעט אין אָוונט. עס פלעגט טרעפן, אַפילו 10 אַ זייגער, מיט צעבלוטיקטע, געשוואָלענע פיס, און טראָגן דאָס ביסל גרינס, וואָס מען פלעגט אײַנהאַנדלען, און ציטערן מען זאָל דאָס בײַם טויער ניט צונעמען.

דאָס געהאַלט, אַ נישטיקע סומע, פלעגט אָפּנעמען דער בריגאַדיר און יעדערן אויסצאָלן. פון דעם פלעגט מען דאַרפן אַרויסצאָלן דעם יודענראַט אַ געוויסן פּראָצענט. זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַזעלכע שטײַער־ביכלעך, ווו מען פלעגט פאַרצייכענען דעם אָפּגעצאָלטן שטײַער. פאַרן ניט אָפּצאָלן דעם שטײַער האָט מען פאַרהאַלטן די קאַרטן.

איין צײַט, דאָס איז שוין געווען פאַרן סוף, האָט יעדערער געמוזט אַ געוויסע צײַט אַרבעטן אויף דער באַן. אַפילו יודענראַט־אָנגעשטעלטע האָבן געמוזט איין טאָג אין חודש אַרבעטן אויף דער באַן. מײַנע שכנטעס האָבן דאָרט געאַרבעט אייניקע מאָל אַפילו צו 10 טעג, נאָר איך אײנע האָב ניט געקראָגן אַזאַ צעטל. קענטיק, אין גאַנצן צופעליק האָט מען מיך דורכגעלאָזן. פון דעם האָב איך גראָד קיין קלעמעניש ניט געהאַט. אַר־

בעטן דאָרט איז געווען שווער, איבערהויפּט ווינטער, אין די פרעסט. מען האָט געאַרבעט אויף די רעלסן, די דײַטשן פלעגן שטיין איבערן קאָרק און יאָגן. אויך אָפט מאָל געבן קלעפּ.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן, מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו קלײַבן צו דער אַרבעט, איז געוואָרן מיט אַ מאָל אַ פּאַניק. קיינער האָט ניט געוווסט וואָס עס איז געשען. איינער האָט געקוקט אויפן צווייטן און געלאָפן זיך באַהאַלטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עסטאָנצעס האָבן אַרומגערינגלט די געטאָ. באַלד האָבן זיי זיך אַרײַנגעריסן אויך אינעווייניק, פּונקט ווי אַ סטאַדע הונגעריקע וועלף זענען זיי אויף אונדז אָנגעפאַלן און געכאַפּט מענער. אָפּגעאַרבעט אַזוי דעם גאַנצן טאָג. אויך די יידישע פּאָליציי מאָביליזירט צו הילף.

איך בין פּאָר נאַכט צו צום טויער, כּדי דורכן שפּאַלט אַ קוק צו טאָן, צי קיינער איז ניטאָ. מיט אַ מאָל האָט זיך געגעבן אַן עפן דער טויער און איך האָב דערזען אַ דײַטש. איך בין געבליבן פאַרשטעלט דורך דער קאַליטקע. בלײַבן שטיין — ביסטו שוין בײַ אים אין די הענט. פאַמעלעך האָב איך זיך אָנגעהויבן אַרויסצוקריגן. ער האָט מיך דערזען, אָנגעשטעלט אויף מיר די ביקס און זיך געגעבן אַ לאָז נאָך מיר, פּונקט ווי די היצלעס פלעגן זיך יאָגן נאָך אַ הונט. פאַרשטייט זיך, אַז ער וואָלט זיך מיט מיר געגעבן אַן עצה, אָבער זיי האָבן געכאַפּט דאַן נאָר מענער. האָט ער מיך סתם געגעבן אַ סטראַשע. דאָס ביסל שרעק וואָס איך האָב אָבער דאַן, אין די פּאָר מינוט געהאַט קען מען זיך פאָרשטעלן, — קוים אַ לעבעדיקע אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ.

חוץ די כאַפּונעס האָט דער אַרבעטסאַמט געהאַלטן אין איין אויפנעמען מענטשן אויף עסטאָניע[92]. אין דער ערשטער ריי זענען געווען די פּראָווינצער. מען פלעגט זיי אַרײַנשיקן צעטלעך און ס׳פלעגט גאָרניט העלפן. וואָס ווײַטער האָט דאָס אַלץ מער אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. מען פלעגט שוין אַרויסשיקן גאַנצע משפּחות, אַפילו מיט קליינע

[92] דאָ און ווײַטער ווערט דערציילט וועגן די לעצטע חדשים פון געטאָ ווילנע, אויגוסט—סעפּטעמבער 1943, ערב דער ליקווידאַציע.

קינדער. נאָר אין אַ פּאָר פאַלן האָט זיך אײַנגעגעבן פאַר גאָר גרויסע סומעס זיך אויסצוקויפן און בלײַבן אויף אַן אָרט. אַלע רעדוצירטע פון אַ גאַנצער ריי אײנהייטן האָט מען געשיקט אויפן באַן. אויך פעלמאַן איז געווען צווישן זיי. אײן טאָג איז ער אַוועק, דעם צווייטן געבליבן אין שטוב. גראָד האָט דעם טאָג געגנס געהאַלטן אַ רעדע און אויפגעפאָדערט מען זאָל היטן אײנער דעם צווייטן, קײנער זאָל ניט פעלן. אויב אײנער קומט ניט נעכטיקן, — גלײַך מעלדן, אין קעגנפאַל וועט ענטפערן די גאַנצע שטוב.

פאַר נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן צו טומלען, אַז די פּאָליציי מאַכט אַן אָבלאַווע אויף די וואָס זענען ניט געווען אויף דער אַרבעט, און דאָס שמעקט מיט עסטאַניע. פעלמאַן האָט זיך באַהאַלטן. איך האָב זיך אויך געוואָלט באַהאַלטן — כ׳בין דאָך זײַן אָפּיציעלע פרוי, בין איך דאָך געוויס פאַראַנטוואָרטלעך. די שכנים האָבן זיך אָבער אײַנגעשטעלט: „געגנס האָט געהייסן קײנעם ניט אַרויסלאָזן”.

מעלדעט און לאָזט מיך אַרויס, איז נײן — ווייניק וואָס מען האָט מיך ניט אַרויסגעלאָזן, האָט מען נאָך געמאָלדן אַז פעלמאַן איז ניטאָ. עס כאַפּט מיר נאָך איצט אַ געלעכטער, ווען כ׳דערמאָן זיך, ווי די גאַנצע שטוב, עטלעכע און צוואַנציק מאַן, איז מיר נאָכגעגאַנגען טריט בײַ טריט. איך בין געוואָרן אין כּעס, אַוועק צו זיך אין צימער, זיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט אין בעט. אַלע זענען געבליבן אויפן הויף אויפּ־פּאַסן, איך זאָל ניט אַרויסגיין. פאַרשטייט זיך, אַז געשלאָפן האָב איך ניט. ווי באַלד מען האָט געמאָלדן, בין איך געווען זיכער, אַז באַלד וועט מען קומען. אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען טאַקע אַרײַן צוויי פּאָליציאַנטן זוכן פעלמאַנען. ניט געפינענדיק אים, האָט מען צוגענומען מיך.

אין קאָמיסאַריאַט איז געווען געפּאַקט. די פאַרצווייפלונג איז געווען גרויס. מען האָט זיך געריסן, געוויינט, ספּאַזמירט. מיך, אַלס רויקע אַרעסטאַנטקע, האָט מען געלאָזן פון ניט־פאַרצאַמטן זײַט. דער קאָמיסאַר בערנשטיין איז צו מיר צו און פאַרוווּנדערט געפרעגט, צי ווייס איך ניט וווּ איז פעלמאַן. ער האָט אים געקענט און געוווּסט, אַז איך בין ניט זײַן

פּאַקטישע פרוי. איך האָב געװוּסט װוּ פּעלמאַן איז, איך װעל דאָך אָבער אים ניט אַרויסגעבן. ער האָט ניט גערוט. נאָך אַ מאָל צו צו מיר און געװאָרנט, אַז עס דראָט מיר צו זײַן אַ קרבן צוליב אים. איך האָב אים נאָר געענטפערט, אַז איך קען זיך גאָרניט העלפן. בעטן אַז ער זאָל מיך באַפרײַען, האָב איך ניט געװאָלט זיך דערנידעריקן. כ׳האָב געװוּסט, אַז דאָס איז אומזיסט. זײ פלעגן אָפּט מאָל ענטפערן, אַז זײ זענען ניט קײן מענטשן נאָר פּאָליציאַנטן. איך האָב נאָר אויסגענוצט אַ געלעגנהײט און געבעטן אָנזאָגן יוספן, פּעלמאַנס ברודער, ער איז דאָך אַ מאָל אויך געװען אַ שטיקל פּאָליציאַנט, ער זאָל זען מיך צו באַפרײַען. ער האָט אָבער ניט באַמיט זײַן עלטער.

בין איך געזעסן און געטראַכט, און דורך די געדאַנקען איז מיר דורכגעלאָפן: אַזוי פיל מאָל זיך געראַטעװעט פון טויט! דעם ערשטן טאָג, װען די דײַטשן זענען אַרײַן אויפן פּאָסטהויף, אין דער צײַט פון דער פּראָװאָקאַציע, דורך אַ דײַטש געװען פאַרהאַלטן אויף דער לאַװע אָן לאַטעס — דאָס איז דאָך געװען אַ זיכערער טויט, און ער האָט מיך באַפרײט פון אַ ליטװישן קאָמיסאַריאַט. אויסגעמיטן עטלעכע טשיסטקעס, נאָך אין יענער געטאָ, און אויך די ליקװידאַציע. און דאָ גאָר אַרײַנגעפאַלן דורך די הענט פון אײגענע ייִדן. פאַרפאַלן, דאָס איז שוין קענטיק מײַן פינאַל — אַזוי האָב איך זיך געקלערט.

די שכנים האָט פאַרדראָסן, זײ האָבן זיך געפילט שולדיק, האָבן זײ געזוכט פּעלמאַנען. אויך אַ סאָלדאַטסקער יושר — מיך באַפרײַען און אַרויסגעבן אים!

די פּאָליצײ האָט געהאַלטן אין אײן אַרײַנפירן אַלץ נײַע מענטשן. אײנע אַ פרוי, די שװעסטער פון ראַבינאָװיטש, װאָס האָט געהאַט די שוכקראָם אויף װילנער גאַס, האָט מען געבראַכט אין אַ נאַכטהעמד. זי האָט קענטיק ניט געװאָלט גײן, האָט מען זי געבראַכט צו שלעפּן איבער גװאַלד. אינטענסיװע אַרבעטערס!

עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, װען מען האָט געעפנט די טיר און געהײסן אַרויסגײן, איך האָב זיך ניט געאײלט. װאָס האָב איך זיך

צו שפּאָרן? לידסקע וועל איך ניט פאַרזאַמען. האָט זיך אָפּגערופן אַ פּאָ־ליציאַנט: „וואָס זיצט איר, איר קענט גיין!" איך בין אַרויס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט אַלעמען, סײַ פון קאָמיסאַריאַט, סײַ פון לידסקע, באַפרײַט.

ווי איך פאַרשטיי איז דאָס געווען פון קאָמיסאַריאַט אַ שפּיצל. עס איז זיי אָנגעקומען שווער דאָס צונויפקלייבן און צושטעלן די געהעריקע צאָל מענטשן, האָבן זיי באַשלאָסן דערווײַל אָפּצולאָזן די פאַרהאַלטענע. דער אָנגעסטראַשעטער עולם האָט זיך געגעבן אַ לאָז צו דער אַרבעט, און קורץ — נאָך ניט דערגאַנגען צום באַן, אויף פּאָנאַרסקע, האָט מען אָנגעהויבן צו כאַפּן סײַ פרויען, סײַ מענער און פּאַקן גלײַך אין פון פריִער צוגעגרייטע פאַרקראַטעוועטע וואַגאָנען. אויך פעלמאַן איז יענעם טאָג אַוועק.

איך האָב געהאַט מיט אים אָפּגערעדט ער זאָל ניט גיין. איז ער זיך אַרויס נאָר אויפן גאַס. זעענדיק אַז אַלע גייען — עס זענען דאָך אַוועק עטלעכע טויזנט מאַן — האָט ער זיך אויך אַרײַנגעשטעלט אין ריי און איז אַוועק. איך האָב געשפּירט, אַז עס וועט גלאַט ניט דורכגיין. אייניקע אין געטאָ האָבן, קענטיק, געוווּסט. גלײַך ווי די פּאַרטיע איז אַרויס האָט זיך שוין געטומלט. אַ סך זענען דאָן זיך צעלאָפן. די וואָס זענען געקומען צוריק אין געטאָ האָט די פּאָליציי פאַרהאַלטן און אַרויסגעגעבן. פעלמאַן איז אויך אַנטלאָפן און געקומען אין געטאָ, נאָר אויפן פערטן טאָג. וואָס איז אָבער פון דעם? — אין גענויע צוויי מאָנאַטן אַרום האָט אים די יִידישע פּאָליציי אַרויסגעשלעפּט פון אַ מאַלינע. ניט געלאָזט אים אַפילו קיין מינוט שטיין אויפן הויף, איך זאָל אים קענען דערלאַנגען אַ פּעקל. גלײַך צוגעפירט צום גרוזאָוויק, וואָס איז געשטאַנען אויסערן געטאָ בײַם טויער. איך בין צו צו אַ דײַטש און געבעטן ער זאָל מיך צו אים צולאָזן. דאַן האָט מען קיין פרויען ניט געטשעפּעט. דער דײַטש האָט מיר דערלויבט. איז ניט צום לאַכן? — דער דײַטש האָט זיך אַרויסגע־וויזן סימפּאַטישער פון די יִידן.

די פּאָליציי האָט דאַן שווער „געהאַרעוועט". זיי זענען געגאַנגען

פּאַרטיעסוויטש, מיט גרויסע לאַטאַרקעס [93] און מיט העק אין די הענט. געקלאַפּט אין די מויערן, געהאַקט, געריסן. אויפגעריסן עטלעכע מויערן. דערבײַ זענען אויך געווען קרבנות. מן־הסתם איז דאָס געווען אויפן באַפעל פון די דײַטשן.

די דײַטשן אַליין מוזן דאָך פון אונדז לאַכן. ניט זיי האָבן זיך גע־דאַרפט מטריח זײַן, ניט זיי האָבן געדאַרפט צאָלן די ליטווינער פון קאָפּ, ווי זיי פלעגן טאָן איידער ס'איז געוואָרן די געטאָ, — אין די ייִדן גופא האָבן זיי געהאַט טרײַע מיטאַרבעטערס. מען פלעגט זיי צושטעלן קעפּ, וויפל זיי האָבן געפאָדערט. איז דען ניט געווען גלײַכער צו אַנט־זאָגן זיך פון דער מלאָכה און שוין בעסער פאַרלאָזן זיך, זיי זאָלן דאָס אַליין דורכפירן. מעגלעך, אַז דאַן וואָלט די ליקווידאַציע געקומען פריִער. מעגלעך אַז אויך איך און נאָך אייניקע וואָס האָבן זיך געראַטעוועט וואָלטן אַרײַנגעפאַלן, איז מילא, צו אַזוי פיל טויזנטער וואָלט צוגעקומען נאָך אַ פּאָר הונדערט! מיט וואָס זענען מיר דאָס בעסער פון יענע? — מען וואָלט אָבער זיך אַליין ניט פאַרשפּיגן.

מיט וואָס האָט זיך די ייִדישע פּאָליציי אונטערשיידט פון די ליט־ווישע כאַפּונעס? צי האָבן זיי כאַטש מיט עפּעס געלינדערט די לאַגע? וואָס האָבן זיי אויפגעטאָן מיט דעם, וואָס זיי אַליין האָבן זיך פאַרנומען מיט כאַפּן? אין מײַנע אויגן: נאָר אײַנגעהיט די אייגענע פעל ביזן ענדע. וואָס קענען מיר שוין פאָדערן פון אַנדערע פעלקער? אין דער צײַט פון אַזאַ פּײַן, פון אַזאַ דערנידערונג, האָט מען גאָר פון זיי אַרויסגעזען אַראָגאַנץ און חוצפּה. אַפילו די זעלבע גזירות האָט מען דאָך געקענט אויספירן איידעלער, כאָטש מיט אַ ביסל ווייכקייט. עפּעס אַ פּאָליציאַנטל, אַ ניבזיקל פון אַ קליין ליטוויש שטעטל, אין לעדערנע הענטשקעס, די נאָז פאַררינסן, פלעגט אײַך געבן אַ שטויס: „גיכער, געגאַנגען!" עס פלעגט אויך טרעפן אַ קלאַפּ.

איך פערזענלעך האָב מיט זיי קיין מאָל ניט געהאַט צו טאָן. צו־

[93] פּויליש. טאַשנלאָמפּן.

קוקנדיק זיך אָבער צו אַזאַ איינעם האָט זיך מיר געוואָלט אים אָנשפּײַען אין פּנים אַרײַן און צעפּאַטשן זײַנע גראָבע באַקן.

אין די ערגסטע אַנטיסעמיטישע צײַטן אין פּוילן, מען פלעגט קענען אָפּטאָן די ערגסטע שפּיצלעך, די אָפיציעלע באַציונג איז אָבער געווען אַ העפלעכע, אַפילו צו די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. אויב לויט דעם זעלבן מוסטער, ווי די „מלוכה" אין געטאָ, וואָלט געדאַרפט זײַן אַן אמתע ייִדישע מלוכה, איז גלײַכער זי זאָל קיין מאָל ניט זײַן. לײַדן איז שוין לייכטער פון פרעמדע.

וואָס האָט געגנס געקלערט, האַלטנדיק די באַרויִקנדיקע רעדעס, אַז די געטאָ שטייט אויף אַ פעסטן באָדן און עס דראָט ניט קיין געפאַר, אַרויסגעבנדיק גלײַכצײַטיק טויזנטער קעפּ? איך האָב אים קיין מאָל ניט געהערט. איך פלעג דאָס ניט קענען פאַרטראָגן. עס פלעגט מיר קלעקן וואָס מען האָט איבערדערציילט. האָט ער דען אַליין געגלייבט אין זײַנע רייד? אפשר האָט ער געהאָפט, אַרויסגעבנדיק אַ טייל, געווינען צײַט און אײַנהיטן די איבעריקע? איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז זײַן ראָלע איז געווען אַ שווערע. איך פיל זיך ניט באַרעכטיקט אים צו באַשולדיקן, אויף דעם דאַרף מען וויסן גענוי אַלע פּרטים, סיטואַציעס און פאָדערונגען פון די דײַטשן. איך ווייס ניט ווי עס האָט זיך געפירט אין אַנדערע געטאָס. אפשר האָט אַזוי געמוזט זײַן. אָבער איך קען בשום אופן ניט איינשטימען מיט דעם. אַז עס האָט זיך יאָ געפונען איינער פון די העכערע אָנפירער, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט און זיך אַנטזאָגט צו פאָרן אין די שטעטלעך און דאָרט אָנפירן מיט כאַפּן מענטשן, האָט אים געגנס באַשטראָפט, אַרויסשיקנדיק אויף טאָרפאַרבעט[94].

---

[94] דאָ רעדט זיך װעגן יוסף גלאַזמאַן — געבוירן אין אַליטוס, ליטע. נציב פון ליט־ווישן בית"ר. אין ווילנע פון 1940. איינער פון די אַקטיווסטע אָנפירער פון דער פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, פפּ"אָ. אַ געווויסע צײַט װיצע־קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי. זיך העלדיש קעגנגעשטעלט דעם קאָמענדאַנט געגנס, אַרעסטירט געוואָרן פאַר ניט אויספירן זײַנע באַפעלן און באַפרײַט מיט כּוח דורך זײַנע קאַמפס־חברים. אַרויסגעפירט פון געטאָ אַ גרופּע פאַרטיזאַנער. געפאַלן אין וואַלד אין קאַמף מיט די דײַטשן, אָקטאָבער 1943, אין עלטער פון 35 יאָר.

מען קען ניט זאָגן, אַז אויספירנדיק די דײַטשישע פאַראָרדענונגען האָט געגנס געמיינט צו ראַטעווען זײַן אייגענעם לעבן. אויף דעם האָט ער געוויס געהאַט בעסערע מעגלעכקייטן, ווי צו זיצן אין געטאָ. בפרט, האָבנדיק אַ ווײַב אַ ליטווינקע. מען דערציילט, אַז ווען מען האָט אים גערופן אין געסטאַפּאָ האָבן זיך געפונען ליטווינער, וואָס האָבן אים גע־וואָלט געבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. ער האָט זיך אַנטזאָגט, מיטן אויסרייד, אַז דאָס איז קעגן זײַן אָפיצירישן האָנאָר. ער איז אַ מאָל געווען אַן אָפיציר אין דער ליטווישער אַרמיי. הייסט עס, אַז ניט אין זײַן אייגענעם לעבן איז אים געגאַנגען. צוליב האָנאָר זיך געלאָזט דער־שיסן. טאָ פאַר וואָס האָט ער אונדז געצווונגען צו פאַרשמוצן אונדזער אַלגעמיינעם האָנאָר?

ס'איז אפשר לעכערלעך צו רעדן וועגן האָנאָר נאָך אַלץ וואָס מען האָט אָפּגעטאָן, און געפינענדיק זיך אין אַזאַ ניט־האָנאָראָווער לאַגע. איך שפיר אָבער פאָרט אין זיך נאָך אַלץ אַ מין טראַציקע שטאָלצקייט. עס דערמאָנט זיך די פרוי פון מיצקעוויטשעס אַ באַלאַדע, וועלכע האָט זיך קיין מאָל ניט געלאָזט איבעררעדן, שטענדיק זיך געהאַלטן בײַ דאָס איריקע. זי האָט זיך צעקריגט מיט איר מאַן: ער האָט געזאָגט אַז דער הונט איז געגאָלט, זי — אַז דער הונט איז געשאָרן. טרינקענדיק זיך אין טײַך, שוין ביזן האַלדז אין וואַסער, האָט זי נאָך אַלץ אַרויסגעשטעקט די האַנט און געוויזן מיט די פינגער, אַז עס איז געשאָרן. אַזוי איז מיט מיר...

אָן אַ היים, עלנט, צעבראָכן. אונטער אַ צעלעכערטן דאַך, וואָס ווי נאָר אַ רעגן — גיסט מיר אויפן קאָפּ. מײַן איינציקע געזעלשאַפט — מײַז, מיט וועלכע איך בין אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן, גאָר אין נאָענטער שכנות, וואָס האַלטן אין איין פּישטשען, פאַר וועלכע איך האָב אַזוי מורא נאָך פון אַ מאָל. דאָך האַלט איך זיך אַלץ בײַ מײַניקע. איז דאָס מיר טאַקע נאָך מער ווייטיקדיק. איך שפיר אַ טיפן האַס צו די ייִדישע כאַפּונעס. אויב עס וועט זיך מיר אײַנגעבן איבערצולעבן, ווינטש איך זיך ניט צו טרעפן מיט קיין איינעם פון זיי.

דאָס וואָס מען האָט אונדז דערנידעריקט — איז גאָר אַן אַנדער פּראַגע. מיר אַליין האָבן אָבער אַזוי ניט געדאַרפט האַנדלען און, לויט מײַן מיינונג, איבערלאָזן אַ שאַנדפלעק אין דער געשיכטע פון אונדזער געטאָ.

הײַנט איז דער 22סטער יוני 1944. דער דריטער יאָרטאָג ווי די דײַטשן זענען אַרײַן אין ווילנע[95] און נאָך אַלץ ניט פּטור צו ווערן פון זיי. פון ערשטן טאָג אָן, ווי זיי זענען אַרײַן, האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט מען זיי אַרויסטרײַבן. אַזוי וואַרט איך די גאַנצע צײַט. די קריסטין האָט לעצטנס ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן פּאָליטיק. מען זאָגט, אַז עס האַלט שוין גאָר נאָענט צו ענדע מלחמה. ווער ווייס, ווי מען דאַרף דאָס פאַרשטיין, דעם גאָר נאָענט? איך וואָלט זײַן צופרידן, עס זאָל זײַן כאָטש ביז אָסיענצײַט, נאָר ניט אַרײַנצײַען אין נאָך אַ ווינטער. דאַכט זיך, ניט גאָר קיין לאַנגער טערמין, גאַנצע 4 מאָנאַטן. אָבער פאַר מיר, אין די איצטיקע באַדינגונגען, אָפּזיצן 4 מאָנאַטן אין שײַער, איז באַלד ווי נאָרמאַלע 4 יאָר. וועגן וויניקער האָב איך שוין מורא צו טראַכטן, איך זאָל ניט האָבן קיין גרעסערע אַנטוישונג. זאָל כאָטש זײַן אַזוי.

גראָד איז הײַנט 270 טעג ווי איך געפין זיך דאָ אין דאָרף. 270 טעג ווי איך שלאָף אָן אַ קישן און אָן אַ קאָלדרע, יעדע מינוט גרייט צו אַנטלויפן. עס וואָלט טאַקע געווען אַ נס, ווען די דײַטשן וואָלטן זיך אַרויסגעקליבן נאַ זלאַמאַניע קאַרקו[96]. הײַנט גיי מאַך! איין זאַך איז יע אַרויס ווי איך האָב געבעטן. עס האָט זיך מיר געוואָלט, אַז צום יאָר־טאָג זאָל מען זיי כאָטש מכבד זײַן מיט אַ פּאַרטיע באָמבעס. אַזוי איז געווען. דעם גאַנצן טאָג האָבן זיך אַרומגעדרייט עראָפּלאַנען. איך האָב

[95] די דײַטשן זענען אַרײַן אין ווילנע דעם 24סטן יוני 1941.

[96] פּויליש. גלײַכווערטל, אַדעקוואַט צום יידישן „ברעכן האַלדז און נאַקן".

געהערט בײַ אַ צוואַנציק שטאַרקע אויפרײַסן. געוויס האָבן זיי געוואָרפן מער. זיי פליִען דאָך ניט אויף קײן שפּאַציר, נאָר פון ווײַטע ערטער איז מן־הסתּם דער אָפּקלאַנג ניט דערגאַנגען. באַנוגן איך זיך דערווײַל כאָטש דערמיט.

דעם 17טן און 19טן יוני האָט מען געהאַט באָמבאַרדירט צו עטלעכע שעה אָן אויפהער. איין טאָג האָב איך אָנגעציילט 56 באָמבעס [־אויפ־רײַסן]. כ׳האָב געמיינט אַז די סאָוועטן זענען שוין דאָ. און אָט זענען אַריבער מער ווי צוויי מאָנאַטן [96]א און ס׳איז נאָך אַלץ גאָרניט. פון דאָן אָן גיב איך שוין ניט צו קיין באַדײַטונג די עראָפּלאַנען וואָס דרייען זיך אַרום כמעט גאַנצע טעג, אָפט מאָל אויך בײַ נאַכט, און אויך צו די באָמ־בעס וואָס זיי וואַרפן פון צײַט צו צײַט. איך זע, אַז דאָס איז נאָך אַלץ גלאַט אַזוי. מען קען זיך אַזוי אָפּשפּילן נאָך אַ האַלב יאָר און אפשר מער. פון דעסטוועגן, אַז עס טרעפט אַ טאָג אַז זיי הודזשען ניט, איז מיר נאָך אומעטיקער. ווי עס זאָל ניט זײַן, גיבן זיי מיר פאַרט צו האָפענונג. די ערשטע צוויי אַ האַלב יאָר פלעגן זיי דאָך אין גאַנצן ניט קומען. הייסט עס אַז איצט קלערן זיי שוין אויך וועגן אונדזער געגנט. אפשר וועט סוף־כל־סוף עפּעס פון דעם אַרויסקומען.

הײַנט האָב איך געלייענט אַ צײַטונג פון 21סטן יוני. פּונקט אַזוי פּוסט, ווי די וואָס איך האָב געהאַט מיט דרײַ וואָכן צוריק. ווידער וועגן דער אומגעזעצלעכער האַנדלונג פון די סאָוועטן צו דער פּוילישער באַפעל־קערונג. מען זעט גלײַך, אַז ס׳איז ליגן. דער גרעסטער טייל צײַטונג, אָנהייבנדיק מיט דער ערשטער זײַט, איז אַלץ באַרימערײַ מיט דער נײַ־דערפונדענער באָמבע, וועלכע זיי האָבן שוין געלאָזט אין גאַנג, באָמבאַר־דירנדיק לאָנדאָן; ווי ענגלאַנד איז פון דעם שטאַרק דערשראָקן, ווי זיי האָבן פאַרלאָרן זייער רויִקן שלאָף און אַז זיי אַליין, די ענגלענדער, אָנערקענען די גרויזאַמקייט פון דער באָמבע, נאָר זיי טרייסטן זיך, אַז

---

[96]א ניט קלאָר. דאָ ווערט געמיינט, וואַרשײַנלעך, אַ באָמבאַרדירונג, וואָס איז פאָרגע־קומען „איין טאָג״, ד״ה צווי מאָנאַטן פאַר דעם 17טן—19טן יוני.

דאָס איז דײַטשלאַנדס לעצטע פּראָבע פֿאַרן אונטערגיין. זיי שרייבן דאָס, פֿאַרשטייט זיך, מיט איראָניע. מיר ווילט זיך אָבער, אין דעם פֿאַל, בעסער גלייבן ענגלאַנד. זיי שרײַבן, אַז איצט איז געקומען דער מאָמענט אָפּצורעכענען זיך מיט ענגלאַנד, ווי זיי האָבן צוגעזאָגט דעם דײַטשישן פֿאָלק. אַ דאַנק דער נײַער באָמבע וועט די לופֿט־מלחמה אָננעמען אין גאַנצן אַן אַנדער ריכטונג. פּונקט ווי דאָס איז געשען אַ מאָל, ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע טאַנקען. אַ סך לאַנגע אַרטיקלען זענען געווידמעט אָט דעם ענין און געשריבן זענען זיי אין דער פֿאָרעם פֿון מעשׂה־לעך, אַז עס כאַפּט אַזש אָן אַ געלעכטער. קענטיק, אַז מיט קיין אַנדערע זאַכן קענען זיי זיך ניט באַרימען. זיי זאָגן צו נאָך דערפֿינדונגען. פֿון מײַנט וועגן מעגן זיי ניט באַווײַזן.

איך בין ווײַט פֿון אַ פּאָליטיקאַנטקע, נאָר מיר קומט אויס, אַז דאָס וואָס זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויף ענגלאַנד איז גראָד אַ מעלה. זאָלן זיי אויך שפּירן, וועלן זיי אפֿשר ווערן הייסער און גיכער פֿאַרענדיקן די מלחמה. אויף אַלע פֿיר זײַטן פֿון דער צײַטונג זענען מיט פֿעטן שריפֿט און גרויסע אותיות אָנגעצייכנט אויפֿרופֿן, מען זאָל פֿאָרן אין דײַטשלאַנד אויף אַרבעט און אויף אַזאַ אופֿן באַקעמפֿן דעם באָלשעוויזם.

27סטער יוני. נעכטן אָוונט, דערלאַנגענדיק מיר דעם אָוונטברויט האָט די קריסטין מיר געבראַכט אַ ידיעה, אַז דער פֿראָנט איז שוין גאָר נאָענט, אַז די סאָוועטן זענען אַריבער די דווינע און אָט באַלד קומען זיי אַהער. אָפֿט ברענגט זי מיר ענלעכע ידיעות. מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָט זי מיר דערציילט, אַז די סאָוועטן זענען אין מינסק און מען ריכט זיך שוין אויף זיי אין ווילנע. דאָך נעם איך דאָס שטענדיק אויף מיט פֿרייד. ווי עס זאָל ניט זיין אין דער אמתן, איז אַ פֿאַקט, אַז ערגעץ האָבן זיי דורכגעריסן דעם פֿראָנט און זיי דערנענטערן זיך.

איך האָב ניט געקענט אײַנשלאָפֿן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן געראַשט און געפּײַפֿט די באַנען. עס האָט שוין ניט איין מאָל געטראָפֿן, אַז די

באַנען גייען טאָג און נאַכט אָן אויפהער. אַלע מאָל טראַכט איך דאָס זעלבע: אפשר שוין דאָס מאָל אויף אן אמת? אפשר עוואַקויִרן זיי זיך טאַקע? איך ווער נערוועז און אומגעדולדיק. איך וועל זיך שוין בעסער האַלטן ביַי מיַין טערמין. איך זאָל נאָר ניט דאַרפן פּראָלאָנגירן. און אויב פריִער, איז דאָך אַוודאי גוט. כ׳וועל ווי ניט איז שטופּן וויַיטער די מאָ־נאַטן. ס׳זאָלן נאָר ניט זיַין קיין שטערונגען.

מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט די באַלעבאָסטע ווידער „אונטערגעזונגען". איך האָב זיך שוין אויף דעם געריכט. דאָס קומט שטענדיק פאָר צום סוף מאָנאַט. דעם פאַריקן מאָנאַט האָט זי דורכגעלאָזן. ווידער דאָס זעלבע: זי האַלט מיך שוין צו לאַנג און זי האָט פון דעם גאָרניט. זי האַלט מיך אומזיסט, זי האָט פון דעם גאָרניט. און דערביַי, ווי שטענדיק, אַ מעשׂה, אַז פאַרטיזאַנער האָבן געכאַפּט אַ גאַנצע גרופּע ייִדן און זיי אויסגעהרגעט. לויט אירע מעשׂות האָט מען שוין דאָ אויסגעהרגעט מער ייִדן, וויפל עס זענען בכלל געווען אין דער געגנט.

דאָס וויל זי מיך אָנשרעקן. זי פאַרשטייט ניט, אַז מיט קיין מעשׂות וועט זי מיך ניט אָנשרעקן. צו פיל דורכגעלעבט. צו פיל מאָל געהאַט דעם טויט פאַר דער נאָז. אויך היַינט בין איך נאָך וויַיט ניט זיכער מיט זיך און בין שטענדיק גרייט. איך לייקן ניט, עס ווילט זיך זייער בליַיבן לעבן. איך וועל שטענדיק זוכן אויסצומיַידן דעם טויט. איך האָב זיך שוין אָבער אַזוי צוגעוווינט צו אים אין די געדאַנקען, אַז איך ווער שוין פאַר דעם אין גאַנצן ניט נתפּעל.

אין נאָרמאַלע באַדינגונגען קלערט אַ מענטש נאָר וועגן לעבן. זעלטן ווען עס קומט ביַי אים דער געדאַנק וועגן טויט. ביַי מיר איז עס אין גאַנצן פאַרקערט. דאַרפן דאַרף איך שטאַרבן, עס קען נאָר פּאַסירן, איך זאָל בליַיבן לעבן.

אויף דער גאַנצער דרשה האָב איך איר באַדאַנקט פאַרן האַלטן מיך אַזאַ לאַנגע צײַט און איר געענטפערט, אַז אויב זי וויל ניט, וועל איך אַוועקגיין. מיט גוואַלד וועל איך ניט זיצן. עס וואָלט דערגאַנגען דערצו וואָלט איך איר צוגעוואָרפן נאָך עפּעס פון דעם ביסל זאַכן וואָס איך האָב

דאָ, ווו וואָלט איך זיך אַרומגעשלעפּט איבערן דאָרף? איך ווייס, אַז מער ווי דאָס דאַרף זי ניט. זי וואָלט ווען, אַז איך זאָל האַלטן אין איין געבן איר.

זי האָט זיך אָבער גלײַך געביטן און שוין גערעדט וועגן אַנדערע זאַכן. פּונקט ווי גאָרניט געוועזן. אין דער אמתן בין איך דאָך פאַר איר אַ גוטער געשעפט. און אַזוי ווי איצט איז דאָ שטיל מיט רעוויזיעס, וועט זי מיך געוויס ניט אָפּלאָזן. זי מאַכט דעם אָנשטעל, כּדי מיך צו האַלטן אין מורא. איך בין אָבער צופרידן וואָס איך קען בלײַבן. איך וואָלט נאָר וועלן עס זאָל שוין זײַן אַזוי ביז דער באַפרײַונג. אויב עס וועלן ניט זײַן קיינע געשעענישן, וועט זי שוין מן־הסתם שווײַגן ביזן ענדע צווייטן מאָנאַט. האָב איך דערווײַל ניט וואָס צו קלערן וועגן דעם.

זײַענדיק אין געטאָ האָב איך זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלן, ווו וועל איך געפינען אַן אָרט אויף אויסצובאַהאַלטן זיך, און ווי וועל איך דערגיין צו אַזאַ אָרט? מען פלעגט דאַן פאַרהאַלטן ייִדן אויף די וועגן. אין אַזעלכע סיטואַציעס טאָר מען אָבער אין גאַנצן זיך ניט פאַרקלערן, מאַכן פּלענער. מען מוז זיך פאַרלאָזן אויפן גורל.

30סטער יוני. הײַנט האָב איך ווידער געלייענט אַ צײַטונג, פון 28סטן יוני. פון דער צײַטונג בין איך צופרידן. זיי שרײַבן אַז עס קומען פאַר פאַרביסענע שלאַכטן אויף אַלע פראָנטן, מיט גרויסע פאַר־לוסטן פאַרביידע צדדים. אַזאַ באַמערקונג לייען איך צום ערשטן מאָל. זיי זענען זיך מודה, אַז זיי טרעטן אָפּ, נאָר יעדער קילאָמעטער קומט אָן דעם שׂונא מיט גרויסע שוועריקייטן. ווי זיי וואָלטן זיך דערמיט געוואָלט פאַרענטפערן, שרײַבן זיי, אַז די סאָוועטישע זומער־אָפענסיווע איז כאַראַקטעריסטיש מיט וואַרפן אויפן פראָנט אַן אומבאַגרענעצטע צאָל סאָלדאַטן און קריגס־מאַטעריאַלן, ווי קיין מאָל ביז איצט. און זיי האַלטן אין איין פאַרגרעסערן די צאָל. צוליב דעם, שרײַבן זיי, דאַרף מען זיך ריכטן, אַז די נאָענטסטע שלאַכטן וועלן זיך איבעררוקן אויף נײַע סטראַ־טעגישע פונקטן. זיי גיבן איבער, אַז זיי באָמבאַרדירן ענגלאַנד אָן אויפ־

הער מיט זייערע נײַע באָמבעס — אָפּרעכענונג־געווער, ווי זיי רופן דאָס אָן. עס איז שוין אָבער אין די באַשרײַבונגען ניטאָ דער פריערדיקער עקסטאַז. ווי שטענדיק, אַ ביסל העצע אויף די סאָוועטן, רוזוועלטן קענען זיי ניט מוחל זײַן, וואָס ער האָט געגעבן די סאָוועטן פרײַע הענט. דאָס וויל ער זיך פאַרזיכערן, שרײַבן זיי, אַז די קאָמוניסטן זאָלן בעת די וואַלן שטימען פאַר אים. „ווען ניט דער דײַטשישער ווידערשטאַנד, וואָלט ער געלאָזט סטאַלינען פאַרניכטן איראָפּע״. די דײַטשן זענען דאָס די פאַר־היטערס פון איראָפּע! איז דאָס ניט צום לאַכן? פון מײַנט וועגן זאָלן זיי פלוידערן וואָס זיי ווילן, זאָלן זיי נאָר שוין גיין פון דאַנעט. די צײַטונג האָט מיר אויף אַן אמת צוגעגעבן האָפענונג. עס זאָל גיין אַזוי ווײַטער, קען מען זיך ריכטן, אַז אין פאַרלויף פון די זומער־מאָנאַטן וועלן די סאָוועטן קומען.

הײַנט פלי'ען עפּעס ניט קיין עראָפּלאַנען. איך ווייס, דאָס האָט ניט קיין באַדייטונג, עס ווילט זיך מיר אָבער עס זאָל האַלטן אין איין הודזשען און קלאַפּן.

1טער יולי. הײַנט איז שבת, דער 1טער אין 7טן. גאַנצע 5 שבתים צום ענדע מאָנאַט. און איך, ווי בעת יעדן אָנפאַנג מאָנאַט, קלער שוין, ווי דערוואָרט מען גיכער זײַן ענדע. ווי שטענדיק, האָף איך אַז אפשר וועט דער מאָנאַט ברענגען נײַס. וואָס מער איך קריג האָפענונג, אַלץ מער אומגעדולדיק ווער איך, עס ווילט זיך שוין זען די פרײַהייט.

לעצטנס, ווי נאָר עס ווערט ליכטיק, דאָס מוז זײַן 2 אַ זייגער פאַר טאָג, קריך איך אַרויס פון מײַן נאָרע און שפּאַציר זיך אום אַ ביסל, הין און צוריק איבערן שײַער. איך קוק דורך אַ לאָך אין טיר. אַנטקעגן מיר איז אַ פּרעכטיקער געדיכטער וואַלד, דערבײַ אַ פעלד מיט שוין גאָר הויכן קאָרן. אַרום איז אַלץ גרין, פריש, עס שמעקט מיט לעבן. עס ווערט מיר אַזוי שווער אויפן האַרצן, עס שטיקט אין האַלדז, און ניט ווילנדיק גיסן זיך טרערן...

יעדן פרייַען זומערטאָג פלעג איך אַ מאָל פאַרברענגען דורכויס צווישן וואַלד און פעלד. אַזוי פיל דערינערונגען רופט אַרויס בייַ מיר דער וואַלד! איך וועל שוין בעסער מער ניט קוקן. שוין בעסער קוקן אויף דעם ביסל היי וואָס איך האָב דאָ אַרום זיך.

ביז די זון הייבט אָן אויפצוגיין באַהאַלט איך זיך צוריק אין מייַן נאָרע. באַלד הייבט זיך אָן אַ באַוועגונג. די ערשטע גייט אַרויס די אַלטע און לאָזט אַרויס די הינער. איך קוק דאַן דורכן שפּעלטל. אינטע־רעסאַנט איז זיך צוצוקוקן ווי די הינער לויפן אַרויס. דער ערשטער לויפט מיט אַ האַסט דער האָן, פּונקט ווי ער קען עפּעס פאַרזאַמען. איך האָב קיין מאָל ניט געזען אַזאַ שיינעם האָן. זייַן קאַם גלאַנצט פון דער ווייַטן. אַ ווייַסער, די פליגלען געשפּריצט אין פאַרשיידענע קאָלירן, הויך און שלאַנק. נאָך אים לויפן שוין מאַיעסטעטיש די הינער. איינע שענער פון דער צווייטער. פאַרשיידענע קאָלירן. זיי לויפן אַרום אַ גאַנצן טאָג. קודם־כּל לויפן זיי אַרייַן אין שייַער, זיי וויסן אָבער, אַז פון דאַנען טרייַבט מען זיי, מע דאַרף נאָר אַ זאָג טאָן: „אַקיש״, לויפן זיי גלייַך אַרויס. צו איין הון האָט דער האָן באַזונדערס אַן אַנטיפּאַטיע. זי איז טאַקע די מיאוסטע. ווי נאָר ער באַגעגנט זי, שלאָגט ער זי. און זי מייַדט אים אויס. אַזוי פירן זיי זיך אַן אייגן וועלטל...

נאָכן אַרויסלאָזן די הינער פירט זי אַרויס די פערד און בינדט זיי ערגעץ צו, זיי זאָלן זיך פּאַשען. אַ מאָל האָבן בייַ מיר אַלע פערד געהאַט איין פּנים. דאָ האָב איך ערשט אָנגעהויבן צו אונטערשיידן, אַלץ דורכן שפּעלטל, אַז עס זענען דאָ שיינע פערד און מיאוסע. דערנאָך פירט זי אַרויס די קי און מעלקט זיי אויפן הויף. עס טרעפט, אַז אַ קו שפּאַרט זיך אייַן און לאָזט זיך ניט מעלקן, שלאָגט זי און שילט. בכלל רעדט זי מיט די בהמות, פּונקט ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען איר לשון. נאָך דעם קומט אַרויס די יונגע קריסטין מיט צוויי עמערס צום פּלומפּ נאָך וואַ־סער.

זי קומט אַהער אין שייַער מיט אַ קאָשיק נאָך קאַרטאָפל, נעמט גלייַכצייַטיק עטלעכע שייַטלעך האָלץ, אייַנצוהייצן דעם אויוון אויף צו

קאָכן פרישטיק. די מענער זענען שוין אַרויס. הײַנט קאָסיען זיי. כ׳האָב געזען ווי זיי האָבן מיטגענומען די קאָסעס. אומגעפער אין אַ דריי שעה אַרום גייט אַרויס די קריסטין מיט אַן עמער, ווייס איך, אַז דאָס טראָגט זי מיר פרישטיק. דעם טעפּל מיטן עסן און דעם טעלער שטעלט זי אַרײַן אין עמער, מען זאָל ניט באַמערקן. גלײַך הייב איך אָן צו ציילן, וויפל צײַט איז געבליבן צו מיטיק. פון מיטיק צייל איך, וויפל איז געבליבן צו אָוונטברויט. אַזוי פון ערשטן טאָג אָן. דאָס איז ניט פון אַפּעטיט וועגן, — ווי גיכער פּטור צו ווערן פון טאָג. ברענגט זי מיר אָוונטברויט, הייסט עס אַז דער טאָג איז געענדיקט. אַפילו ווינטער, ווען דאָס פלעגט אויספאַלן 4 אָדער 5 אַ זייגער בײַ טאָג, פלעג איך אויך אַזוי רעכענען.

עס באַקומט זיך, אַז דעם גאַנצן טאָג קלער איך נאָר וועגן עסן.

אָט אַזוי פיר איך אין גאַנצן אַ בהמהשן לעבן. אַזוי ווי דאָס קעלבל, וואָס שטייט דאָ און קײַט גראָז. אַ צוגאָב איז נאָך דאָס קוויטשען פון די מײַז. זיי זענען גאָר אַן אָנשיקעניש. זיי שפּאַצירן דאָ אום פראַנק און פרײַ און איך בין שטענדיק אין שרעק, אַז אָט קריכן זיי אַרויף אויף מיר. ס׳טרעפט אַז דאָ קומען אַרײַן צוויי קעץ, מיאַוקען זיי מיט אַזאַ ווײַנענדי־קער שטים, אַז עס כאַפּט אַ שרעק, ביז איך האָב זיך צוגעוויינט. פון אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז אַ שייגעצל דרייט זיך דאָ אַרום און געצי־טערט ער זאָל מיך ניט באַמערקן.

אינטערעסאַנט, אַז אויך קעץ האָבן שׂכל. בעת זיי ווילן אַרויפגיין אין דער הייך, אויפן שטאָל — דאָס איז אַנטקעגן מיר — גייען זיי צו צום לייטער און קריכן אויף אים, פּונקט ווי מענטשן. מיטאָגצײַט שפּרינגען זיי אַרײַן צו מיר. זיי היטן אָפּ בעת מען ברענגט מיר עסן און וואַרטן איך זאָל זיי מכבד זײַן.

צוליב די קעץ האָב איך געהאַט שוין איין מאָל אַ קוריאָז — עס איז שוין געווען פינצטער, איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון מײַן באַהעלטעניש, כ׳בין דאַן געזעסן גאָר אין דער הייך, בײַם סאַמע דאַך. עפּעס האָט זיך געגעבן אַ שאַר צום וואַנט צו. מיר איז אויסגעקומען, אַז עמעצער גע־

רות ענגעלשטערן מיט איר זון דוד. אויבן: איטאַליע, 1946;
אונטן: פאַראייניקטע שטאַטן, 1951.



רות (פון רעכטס) מיט איר מאַן לייזער און זון דוד אין די קעטסקיל־בערג,
אין 1954, אַ יאָר פאַר איר טויט.

פינט זיך דאָ. גראַד יענע צײַט האָב איך געהאַט עטלעכע מאָל שרעק. און מיט אַ טאָג פריִער האָט דער באַלעבאָס, ניט ווילנדיק אַז איך געפין זיך דאָ, געזוכט עפּעס אין שײַער צוזאַמען מיט דער קאָלכאָזניצע, וואָס איז דאַן געווען בײַ זיי. די קריסטין האָט מיר דערציילט וועגן איר אַז זי איז זייער טשיקאַווע אַלץ צו וויסן, און זי שפּירט אַלץ נאָך. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן. בכלל האָב איך דאָ שטענדיק מורא, אין דער פינצטער קומט מיר אַלץ אויס אַנדערש. איך האָב אָנגעהויבן צו קלערן, וואָס טוט מען? בלײַבן די נאַכט, איז אין פאַל פון עפּעס הייסט עס — זײַן אין אַ פּולאַפּקע. אַרויסגייענדיק האָב איך שאַנסן צו אַנטלויפן. אין שרעק בין איך אַרויפגעקראָכן צוריק, אָנגעטאָן דעם פּעלץ, אײַנגעוויקלט זיך אין דער פאַטשיילע, אָנגעטאָן די וואַליקעס, צונויפגענומען אַלץ וואָס איך האָב געהאַט בײַ זיך און אַראָפּ. עס האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז עמעצער באַוועגט זיך. איך בין אַרויס. איך האָב אַפילו געוואָלט אָנזאָגן דער קריסטין, אַז עמעצער געפינט זיך אין שײַער. איך האָב זיך אָבער אָפּגעהאַלטן. עס וואָלט געוואָרן אַ טומל און דאַן וואָלט איך שוין דאָ ניט געקענט בלײַבן. איך האָב זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, מען זאָל מיך ניט זען און געקוקט, צי וועט עמעצער אַרויסגיין פון שײַער. מײַן יעדער טראַט האָט אָפּגעהילכט מיט אַ סקריפּען פון שניי, האָב איך מורא געהאַט זיך צו געבן אַ ריר. זיצנדיק אַזוי האָב איך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן זיך אַ חשבון: וואָלט עמעצער געוואָלט מיך פאַרהאַלטן, וואָלט ער דאָך מיך פאַרהאַלטן, וואָלט ער דאָך מיך ניט אַרויסגעלאָזן און זיך גלײַך אָפּגערופן. זאָל זײַן אַז עמעצער האָט זיך געוואָלט באַהאַלטן, וואָלט יענער זיכער אַליין זיך דערשראָקן און גלײַך אַנטלאָפן. הייסט עס — עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט.

איך בין געווען צופרידן וואָס איך האָב זיך באַהערשט און כאָטש קיין טומל ניט געמאַכט. דאָך בין איך געזעסן און געקוקט, אפשר איז פאָרט עמעצער דאָ? אין אַ לענגערער צײַט אַרום איז דורך אַ לאָך אַרויס אַ קאָץ. הייסט עס, אַז אירע באַוועגונגען אין שטרוי האָבן מיך איבער־געשראָקן. ווי עס איז מיר ניט געווען טרויעריק אויפן האַרצן, האָב איך

זיך געמוזט פונאַנדערלאָכן. הײַנט קלער איך, ווי קאָמיש דאָס האָט געמוזט אויסזען, די גאַנצע סצענקע.

מײַנע נערוון זענען געווען שטענדיק אַזוי אָנגעשרויפּט, אַז איך פלעג זיך פאַר אַלץ דערשרעקן. אַפילו, אַז אַ הון פלעגט אַרײַנגיין, אָדער אַ פייגעלע פלעגט אַרײַנפליִען אין שײַער, פלעג איך זיך איבערשרעקן. איך פלעג זיך כסדר צוהערן און זײַן אָנגעשטרענגט, מען זאָל ניט דער־שפּירן, אַז איך געפין זיך דאָ. לעצטנס האָב איך זיך אַ ביסל באַרויִקט. ערשטנס, מאַכן זיי איצט צו דעם שײַער אויף דער נאַכט מיט אַ שלעסל. די קאָלכאָזניצע איז שוין ניטאָ. דאָס איז פאַר מיר אַ גרויסע זאַך. צוליב איר פלעג איך שטענדיק זײַן אין שרעק. אויך דער אַלטער ווייס שוין וועגן מיר, שרעק איך זיך שוין ניט פאַר אים. דאַכט זיך, אַן אַלטער, דערהערט ניט, אָבער אַ קוק האָט ער אַ שאַרפן. עטוואָס אַנדערש אַוועק־געלייגט די שטרויען, פלעגט ער גלײַך באַמערקן און פרעגן, ווער איז דאָ געווען? צוליב אים האָב איך געמוזט זיך אַריבערקלײַבן אין אַן אַנ־דער ווינקל. איצט האָבן זיי אים, קענטיק, געזאָגט, ווײַל זיי היטן זיך שוין ניט פאַר אים. זיי דערלאַנגען מיר עסן, בעת ער געפינט זיך אין שײַער. פאַר מיר איז עס אַ סך באַקוועמער, אַז די וואָס גייען אַרײַן אַהער ווייסן וועגן מיר. בכלל גייען זיי אַהער ווייניקער ווי ווינטער און, איבערהויפּט, אָסיען. דאַן פלעגט טרעפן, אַז זיי פלעגן דאָ אָפּזיצן גאַנצע טעג: דרעשן, שנײַדן סיעטשקע, אַלע ווײַלע אַרײַנגיין נעמען היי פאַר די בהמות, אָדער שטרוי אויף אונטערצולייגן.

איך שפּיר זיך אָבער צום בעסטן ווען קיינער איז דאָ ניטאָ. אין אַלגעמיין איז מיר לעצטנס בעסער אין אַלע הינזיכטן. דורכן שפּעלטל זע איך ווער עס גייט אַרײַן און אַרויס, דאַרף איך זיך ניט פאַרקלערן, צי עמעצער איז דאָ פאַראַן אָדער ניט. שעהען לאַנג שטיי איך אָפּ אײַנגעבויגענערהייט און קוק דורכן שפּעלטל — שטייענדיק זעט זיך ניט. איך פּאַס אויף ווער עס קומט צו דער קריסטין, און ווען עמעצער פון די שטוביקע גייט אַוועק, וואַרט איך אים אָפּ, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען זייער וויכטיק פאַר מיר.

איך באַמי זיך צו פאַרנעמען מײַן אויפמערקזאַמקייט מיט אַ סך נאַרישקייטן, די געדאַנקען זאָלן זײַן פאַרנומען און וועגן קיין זאַך ניט טראַכטן. מיר דאַכט, אַז איך פיר דאָס אויס — איך קלער וועגן גאָרניט, אַלץ פאַרגעסן. ס׳איז אָבער געווען אַז איך זאָל עטוואָס אײַנדרעמלען, אַ מאָל דאָס אויך ניט, ווי איך זע פאַר זיך פאַרשיידענע פּנימער, אָפּט מאָל גאָר ווײַטע באַקאַנטע, מיט וועלכע איך פלעג זיך זעלטן טרעפן, צײַטנווײַז אַזעלכע, וואָס איך האָב געקענט נאָר פון אויסזען. עס פלאָנטערט זיך מיר פאַר די אויגן, און איך גיב זיך אַ כאַפּ אויף מיט אימפּעט: זיי זענען דאָך קיינער ניטאָ, אַלע אויסגעהרגעט. און אויף וואָס פאַר אַן אופן!

אַז מען שעכט אַ בהמה, באַמיט מען זיך, זי זאָל זיך וואָס ווייניקער מאַטערן. מיט אונדז איז אַלץ פאַרקערט. זיי האָבן געזוכט וואָס מער אונדז צו מאַטערן. מיט גוואַלד שטופּ איך אָפּ פון זיך די געדאַנקען. ס׳איז אומדערטרעגלעך צו טראַכטן וועגן דעם. ווו געפינט מען אָבער אַ מיטל אויף אַן אמת דאָס צו פאַרגעסן?

די טעג האָב איך געזען פאַר מײַנע אויגן אַ גרופּע, אין גאַנצן דײַטשלעכע פּנימער, איינער פון זיי, מאַגון, איז געווען דער אָנפירער. זיי זענען געלאָפן דורך מיצקעוויטש־גאַס און אויף זײַן קאָמאַנדע האָבן אַלע, אויפהויבנדיק אַ האַנט, אויסגעשריִען: „זאָל לעבן די רויטע אַרמיי!״ דערנאָך זענען זיי זיך צעלאָפן אין די ווינקלעך זיך באַהאַלטן. די פּאָליציי האָט זיי געיאָגט. אויך איך בין געווען צווישן זיי און אַרײַנגעלאָפן אין אַ קריסטלעכע צוקערניע.

4טער יולי. נעכטן האָבן אַ גאַנצן טאָג אָן אויפהער געהודזשעט עראָפּלאַנען. פון צײַט צו צײַט האָבן זיך געהערט אויפרײַסן. אין מיטן נאַכט האָבן זיך געהערט אַ סך שטאַרקע באָמבעס־אויפרייסן. די קריסטין האָט מיר הײַנט דערציילט, אַז די סאָוועטן זענען שוין אין אַלט־ווילייקע[97],

[97] אַ שטעטל בײַ 120 קמ צו מזרח פון ווילנע.

אַז פון ניעמענטשין עוואַקויִרן זיך די דײַטשן און לאָזן פון דאָרטן קיינעם ניט אַרויס און ניט אַרײַן. זיי גרייטן אונטערצוצינדן די שטאָט. פון וואַנען ווייס זי וואָס זיי ווילן טאָן, הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין. די ליטווינער אין ווילנע פאַרקויפן אַלץ און אַנטלויפן. און אַז הײַנטיקע נאַכט האָבן די סאָוועטן געוואָרפן אויף ווילנע צינדבאָמבעס און גאַנץ ווילנע ברענט.

וואָס פון דעם איז אמת ווייס איך ניט. איך זע אָבער, אַז עס רודלט זיך. זי גיט נאָך צו, די קריסטין, אַז די סאָוועטן וועלן אַהער קומען, אָבער די רעגירונג וועט זײַן אַן ענגלישע. דאָס איז שוין סתּם געפּלוידערט. די סאָוועטן וועלן זיך לאָזן פירן פאַר דער נאָז? זיי חלומט זיך אָבער, אַז ענגלאַנד וועט זיי אויפשטעלן אַ פּוילן. זיי האָפן אויך אויף די פּוילישע פּאַרטיזאַנער.

הײַנט איז עפּעס גאָר שטיל. אַ פּרעכטיקער זוניקער טאָג. אין גאַנצן ניטאָ קיין ווינטל. די בהמות זענען ערגעץ ווײַט. מען הערט ניט זייער מוקען. די הינט שווײַגן. דעם האָן האָט מען אָוועקגעקוילעט גלײַך אויף מאָרגן נאָך מײַן באַוווּנדערן אים. מען הערט בלויז די פייגעלעך. אַ מאָל פלעגט מיר אַזאַ שטילקייט פאַרשאַפן פאַרגעניגן. דער בעסטער אָפּרו. הײַנט איז דאָס מיר אין גאַנצן ניט צום האַרצן. עס בונטעוועט זיך אין מיר. איך וואָלט וועלן עס זאָל נאָר רוישן און קלאַפּן, מען זאָל באָמבאַר־דירן, צינדן, פאַרניכטן, הרגענען. איך אַליין וואָלט געגאַנגען מיטהעלפן און וואָלט אין דעם געפונען אַ באַפרידיקונג.

אָקערשט איז דאָ געווען די אַלטע. זי האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיר פאַרברענגען. זי זאָגט אַז איך קען שוין אַרויסקריכן פון מײַן נאָרע, אַז הײַנט־מאָרגן וועלן שוין די סאָוועטן זײַן דאָ.

זאָל דאָס טאַקע זײַן אמת? עס גלייבט זיך מיר ניט. דאָס האַרץ הייבט מיר אָן קלאַפּן שטאַרקער. איך וואַרט דאָך שוין אַזאַ צײַט אויף דעם מאָמענט. און גלײַכצײַטיק האָב איך פאַר דעם אַזוי מורא! וואָס וועל איך טאָן? ווו וועל איך זיך קערן? מיט וועמען? דאַכט זיך, ביז לערמאָנטאָוון איז דאָס ערגעץ פאַראַן: „טשטאָ דיען׳ גריאַדושטשי מניע

גאַטאָוויט ?״ [98]. איך שטעל זיך די זעלבע פראַגע : וואָס גרייט פאַר מיר דער גורל ? עס ווילט זיך דאָך אַזוי נאָך זען גוטס.

מײַנע פאַרלאַנגען זענען גאָרניט קיין גרויסע. איך וואָלט וועלן נאָר אַ באַפרידיקטן לעבן. אָן קאָפּדרייעניש. איך שטעל זיך גאָרניט פאָר ווי דאָס וועט אויסזען. עס טרעפט דאָך אָבער, אַז דאָס אוממעגלעכע ווערט מעגלעך. צי האָט מען געקענט אָננעמען פאַר מעגלעך, אַז אין איין טאָג, אַפילו ניט קיין מעת־לעת, וועט מען פאַרשפּאַרן אַלע ווילנער אין איין ווינקל ? און דערנאָך, אין פאַרלויף פון צוויי יאָר, אין גאַנצן באַפרײַען ווילנע פון אַזאַ געדיכטער און הונדערטער יאָרן אײַנגעבירגערטער יידישער באַפעלקערונג ? קען דאָך אויך טרעפן, אַז דאָס וואָס מיר קומט אויס הײַנט אוממעגלעך זאָל ווערן מעגלעך. איך מוז אין דעם גלייבן, ניט אַרײַנטראַכטנדיק זיך.

איך ווייס נאָר, אַז פון לעבן האָב איך נאָך גאָרניט גענאָסן. איך האַלט, אַז דאָס לעבן איז מיר אַ גרויסער בעל־חוב. עס וואָלט זיך מיר זייער וועלן, כאָטש אין דער צווייטער העלפט פון מײַן לעבן דעם חוב אײַנמאָנען. אויב איך וועל אויף אָן אמת זיך דערוואַרטן די סאָוועטן און אַרויסקריכן אויף דער פרײַער וועלט, מוז איך זיך אין גאַנצן איבער־אַנדערשן. אויסמעקן אין גאַנצן דאָס סענטימענטאַלע געפיל. פאַרגעסן אַלץ און אַלעמען, אַזוי ווי עס וואָלט ביז איצט קיינער און גאָרניט געווען אויף דער וועלט. אויפנעמען אַלץ גוטמוטיק, אָן טראַגיזם. נאָר אויף אַזאַן אופן קען זײַן מעגלעך ווײַטער צו עקסיסטירן. עס איז אַ שווערע אויפגאַבע און איך צווייפל, צי ס'וועט זיך מיר אײַנגעבן.

5טער יולי. איך האָב שוין געמאַכט מײַן שפּאַציר איבערן שײַער און געפין זיך שוין אויף מײַן אָרט. הײַנט איז אויך אַ פּרעכטיקער וועטער.

---

[98] רוסיש. בערך : „וואָס גרייט דער טאָג מיר, וואָס חעט קומען״ (אַ. ס. פּושקין, יעווגעני אָניעגין, ראָמאַן אין פערזן, 6סטער קאַפּ׳, 3טע שורה).

קען דען זײַן, אַז איך זאָל נאָך געניסן פון זומער? הײַנטיקע נאַכט זענען אויך געפלויגן עראָפּלאַנען, גאָר נאָענט, פאַרבײַ דאַנעט. קיין באָמבעס [אויפרײַסן] האָב איך אָבער ניט געהערט. פרי׳ער פלעג איך הערן אַ שיי־סערײַ. איצט, ווײַזט אויס, באַשיסט מען זיי שוין ניט. הײַנט איז ווידער שטיל. מיר דענערווירט עס. אַפילו די באַנען הערט מען שוין ניט אַ פּאָר טעג. איך וואַרט אויף פרישטיק, נעכטן איז דער קריסט געפאָרן אין מיל, אפשר וועלן זיי מיר דערציילן נײַס.

6טער יולי. נעכטן פאַר נאַכט איז דאָ געוואָרן אַ פּאַניק. עס איז אָנגעקומען איינער, רײַטנדיק אויף אַ פערד, און אָנגעזאָגט, אַז עטלעכע קילאָמעטער פון דאַנען זענען אָנגעפאָרן דײַטשן און האַלטן בײַם אונטער־צוצינדן אַלץ. ס׳האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַרומיקע קריסטן און גע־פאָרן ניט צו דערלאָזן. אַלע זענען אַרומגעגאַנגען פאַרוויינטע, אַרויסגע־טראָגן זאַכן; צוגעגרייט זיך צו ראַטעווען. עס האָט זיך אָבער אַרויסגע־וויזן, אַז דאָס זענען גאָר געווען 40 לאַטישן וואָס זענען נאָר פאַרבײַ־געפאָרן. אַלע זענען אָבער אָנגעשטרענגט. מען דערציילט, אַז פּאָד־בראָדזש[99] און נאָך אייניקע ערטער האָט מען אונטערגעצונדן. איך קלער, אַז דאָס מוז אויך זײַן אַ ליגן.

מען האָט שוין דאָ געבראַכט פון פעלד קאָניטשינע. עס שמעקט מיט אָנגענעמער פרישקייט. איך בין פאַר טאָג אַרויסגעקראָכן גאָר אין דער הייך און דורך אַ לאָך געזען 2 עראָפּלאַנען, נאָר נאָכן הודזשען האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען עראָפּלאַנען, ווײַל אויסגעזען האָבן זיי ווי צוויי גאָר קליינע פייגעלעך. איך האָב זיי אָנגעוווּנטשן וואָס מער דער־פאָלג. פרי׳ערדיקע צײַטן פלעג איך זיך פאַרקלערן צי זענען עס דײַטשע, צי סאָוועטישע. איצטער בין איך שוין זיכער, אַז דאָס זענען סאָוועטישע. זײַענדיק נאָך אין געטאָ האָבן מיר אַלע געוואַרט אויף זיי מיט אַזאַ

[99] אַ שטעטל עטלעכע און פערציק קמ פון ווילנע.

בענקשאַפט. דער גרעסטער טייל האָט זיך אָבער ניט דערוואַרט — צו לאַנג האָבן זיי געלאָזט אויף זיך וואַרטן.

איך גיב אַ קלער, אַז אין דעם מאָמענט, בעת זיי פליִען פאַרבײַ און וואַרפן נאָך דערצו באָמבעס, זענען מיר דאָך אַלע, אונדזער ביסל פאַר־בליבענע, פאַררוקטע אין פאַרשיידענע לעכער, פאַראייניקט מיט איין גע־פיל פון פרייד און האָפענונג.

אין פאַרלויף פון נעכטיקן טאָג, אויך אין מיטן נאַכט, זענען זיי אַ סך מאָל דורכגעלאָפן, קענטיק, הין און צוריק. אַזוי ווי עס האָט געדונערט, האָב איך שוין גאָר ניט געקענט אונטערשיידן צי דאָס זענען באָמבעס, צי עס דונערט. איך וואַרט נאָר אויף וואָס מער באָמבעס, וואָס אַ גרעסערן חורבן. איך וואָלט אַזוי וועלן וויסן אויף אַן אמת ווו די סאָוועטן געפינען זיך!

די קריסטן דערציילן, אַז די ניעמענטשינער גמינע איז אַנטלאָפן, אַז די ליטווינער האָבן דאָרט אַלץ צעראַבירט, נאָר די פּוילישע פּאַרטי־זאַנער האָבן זיי איבערגענומען אויפן וועג, בײַ זיי אַלץ צוגענומען און אַוועקגעלאָזן אין איינע גאַטקעס, אַפילו די קנעפּלעך אַראָפּגעריסן; אַזוי ריידן זיי. זיי דערציילן נאָך, אַז די ליטווינער האָבן אין עפּעס אַ דאָרף אויסגעהרגעט אַ גאַנצע גרופּע פּוילישע קינדער. זענען די פּאַרטיזאַנער איצט אַוועקגעפאָרן אויף ליטע, מיט זיי זיך דאָרט אָפּרעכענען. דאָס גע־פעלט מיר גראָד. זאָלן זיי זיך אַראָפּנעמען איינער דעם צווייטן די קעפּ, וועט אונדז בלײַבן אַלץ אַ ביסל וויניקער „גוטע פרײַנד״.

עס קומען דאָ איצט טאַקע ניט קיין פּאַרטיזאַנער. זיי זאָגן, אַז די באַנען גייען אין גאַנצן ניט. עטלעכע טעג ווי איך הער טאַקע ניט קלאַפּנ־דיק. מעגלעך, אַז דאָס איז ריכטיק, ווײַל הײַנטיקע נאַכט האָבן לאַטישן, אין דײַטשע מונדירן, צונויפגענומען בײַ אַ 40 פורמאַנקעס און געהייסן זיך פירן. דאָס מוזן זיי אַנטלויפן פון די פּאַרנומענע דורך די סאָוועטן געביטן אין לעטלאַנד. אויך פון דאַנען איז איינער פון די יונגע געווען געצוווּנגען צו פאָרן. זיי זענען אומרויִק, עס זאָל מיט אים וואָס ניט פּאַסירן אין וועג. איך אַליין וואָלט אויך וועלן ער זאָל קומען בשלום.

די עראָפּלאַנען דרייען זיך אַרום אַלע װײַלע. עס מאַכט אַן אײַנדרוק, אַז זייער באַזע איז נאָענט, זיי לאַדעווען זיך דאָ אָן און פליִען ווײַטער. די באָמבעס וואַרפן זיי קענטיק ערגעץ ווײַטער. דאָ האָט זיך געהערט נאָר עטלעכע מאָל. אָט איצט, אין דעם מאָמענט, האָט געגעבן אַ טראַסק, אַזוי ווי געהעריק!

די קריסטין איז איצטער צו און געזאָגט, אַז אין ניעמענטשין זענען שוין די סאָוועטן. מיר אָבער גלייבט זיך עס ניט. מילא, איך וועל שוין האָבן געדולד נאָך אַ פּאָר טעג. אויב זיי זענען נאָך ניטאָ, וועלן זיי שוין קענטיק קומען.

7טער יולי. די גאַנצע נאַכט און אויך איצט פליִען אום עראָפּלאַנען אָן אויפהער. עס הערן זיך אָפּט שטאַרקע אויפרײַסן, אויך אַ געדיכטע שיסערײַ. הייסט עס, אַז די דײַטשן זענען נאָך דאָ, ניט ווי די אַרומיקע ריידן, אַז ניט.

עס שפּירט זיך אַן אָנגעשטרענגטע, אינטענסיווע פּראַצע וואָס ווערט אָנגעווענדט אויף דער געגנט. אפשר זענען דאָס שוין די לעצטע דע־צידירנדיקע באָמבעס, אויף וועלכע איך וואַרט די גאַנצע צײַט. אָבער ביז איך אַליין וועל ניט דערזען כאָטש איין רויטאַרמייער, וועט זיך מיר נאָך אַלץ ניט גלייבן.

אַלע שלאָפן נאָך. אפשר וועט אין פאַרלויף פון [קומענדיקן] טאָג זײַן נײַס.

8טער יולי. אָט איז שוין ווײַטער שבת. דורכגעשטופּט נאָך אַ וואָך. נאָך נעכטיקן טאָג דאַכט זיך מיר, אַז ביזן צווייטן שבת וועל איך שוין אַרויסקריכן פון דער לאָך. פון נעכטיקן טאָג בין איך אין גאַנצן צופרידן. קיין בעסערן, בײַ הײַנטיקן מאָמענט, קען מע זיך גאָר ניט ווינטשן. די עראָפּלאַנען האָבן זיך אַרומגעדרייט אָן אויפהער, איין פּאַרטיע נאָך דער

צווייטער. באַמבעס האָבן זיך געשאָטן פּונקט ווי אַ האָגל. דערהויפּט דעם ערשטן האַלבן טאָג. אַ פּאָר מאָל האָט זיך אַזש אויפגעטרייסלט די גאַנצע געבײַדע פון שײַער. דאָס האָט מען מסתּמא מיט טראַסק באַגלייט די דײַטשן ערגעץ ווו גאָר נאָענט אויף אַ שאָסיי. מיט דרײַ יאָר צוריק, דעם 22סטן יוני 1941, האָבן די דײַטשן אויף אַזאַ אופן באַגלייט די סאָוועטן. די וועלט איז אָבער קײַלעכדיק. האָט זיך עס אַזוי לאַנג געדרייט, ביז עס האָט זיך פּאָרט איבערגעדרייט.

הײַנט פליִען אויך אַרום עראָפּלאַנען און עס הערן זיך אויפרײַסן. הייסט דאָס, אַז מיט די דײַטשן איז נאָך דאָ אַלץ ניט געענדיקט.

די קריסטן דערציילן, אַז נעכטן האָט מען געזען דורכפאָרנדיק אין לאַסטאויטאָס סאָוועטן. די קאַלכאָזניקעס [100] וואָס געפינען זיך דאָ אין די אַרומיקע דערפער וואַרטן שוין אויך מיט אומגעדולד אויף די סאָוועטן. אויך זיי זענען צעבראָכן; צוגענומען פון די הײַזער, צערויִנירט. עס איז אָבער ניט אין פאַרגלײַך מיט אונדז. זיי זענען דאָ מיט זייערע משפּחות, די ווײַבער מיט די מענער און מיט די קינדערלעך. זיי גייען זיך אַרום פרײַ צווישן די היגע אײַנוווינער.

די מאַטעריעלע זײַט איז טאַקע אין לעבן איינע פון די וויכטיקסטע, עס איז אָבער ניט קיין אייביקייט. אַז אַ מענטש לעבט, קען ער האָפן, אַז אויך לגבי אים איז די וועלט קײַלעכדיק און עס קען זיך איבערדרייען. בײַ אונדז אָבער קען שוין די קײַלעכדיקייט פון דער וועלט אויך ניט העלפן. די טויטע פון פּאָנאַר וועלן לעבעדיק ניט ווערן...

6 אַ זייגער פאַר טאָג. איך האָב איצט דורך אַ שפּאַלט אין וואַנט געזען 5 רויטאַרמייער. זיי זענען אַרײַן צו דער קריסטין אין שטוב און אַרויס מיט אַ לעבל ברויט און אַ קריגל מילך. איך האָב געהערט ווי זיי האָבן געזאָגט: „באַלשאָיע ספּאַסיבאָ" [101]. איצט מוז איך דאָך שוין גלייבן, איך האָב דאָך שוין אַליין מיט מײַנע אויגן זיי געזען.

[100] געמיינט, וואַרשײַנלעך, רוסן פון די מיזרח־געביטן (סאָוועט־רוסלאַנד), וועלכע האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן אין די מלחמה־יאָרן.
[101] רוסיש. „אַ גרויסן דאַנק".

עראָפּלאַנען הערן זיך זעלטענער און נאָר אײנצלנע; קײן באָמבעס פאַלן ניט. מסתמא זענען זײ שױן אין װילנע. איך דאַרף זיך דאָך אַזױ פרײען, נאָר עפּעס דריקט מיר אַ שװערקײט און איך קען ניט...

עס פאַרדריסט זיך, אַז אין אַזאַ מאָמענט, אױף װעלכן איך האָב געװאָרט אַזױ אומגעדולדיק און מיט אַזאַ בענקשאַפט גאַנצע דרײַ יאָר, איז קײנער ניטאָ פון די נאָענטע, מיט װעמען זיך מיטצופרײען.

פון לאַנג קריך איך נאָך אַלץ ניט אַרױס. פון זיך בין איך גאָרניט צופרידן: דאַכט זיך געמאַכט מיט זיך אַלײן אַן אָפּמאַך — אַן סענטימענטן; און אָט, בײַ דעם ערשטן פּרוּװ דורכגעפאַלן. איך האַלט נאָר אין אײן װײנען. עס איז אָבער ניט קײן תּכלית, מען מוז זיך באַהערשן. איך װאָלט איצטער געװאָלט זיך אָנשיכּורן ביז פאַרגעסן זיך.

איך װעל מוזן זען זיך צו געפינען דורכױס צװישן מענטשן, נאָר ׳ט אַלײן מיט די אײגענע געדאַנקען. הײַנט איז 286 טעג װי איך געפין זיך מיט זיך אַלײן. פאַר אַזױ פיל צײַט קען מען זיך שױן גוט דערעסן װערן...

נעכטן האָב איך זיך אַ ביסל אָנגעלאַכט. עס האָבן זיך דאָ עפּעס צעשפּרוזשעט די בינען און אָנגעלאָפן גאַנצע מחנות. עס איז געװאָרן אַ הו־האַ. אַלע שטוביקע זענען אַרױסגעלאָפן מיט עמערס װאַסער און מיט בעזעמס געשפּריצט, זײ זאָלן זיך אָפּזעצן. דער אַלטער האָט אָנגעטאָן אױפן קאָפּ עפּעס אַ שמאַטע און איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, פאַרשטעלנדיק מיט די הענט די אױערן. דער זון האָט זיך אַרומגעװיקלט דעם קאָפּ און די אױערן מיט אַ האַנטעך און אָנגעטאָן אַ גראָבע מאַרינאַרקע, פאַרשפּיליעט ביזן האַלדז. ער האָט עס קענטיק געזאָלט אַ קוק טאָן אין די בינשטאָקן, װאָס עס איז דאָרט געשען. ער פלעגט אָבער נאָר צוגײן פון װײַטן און גלײַך זיך אַראָפּלאָזן אױף די קני און באַהאַלטן דעם פּנים.

מיט די בינען פאַרנעמט זיך שטענדיק דער ייִנגערער ברודער, װאָס איז אַװעקגעפאָרן מיט די לאַטישן. בײַ אים באַקומט זיך דאָס שטיל און אָן אַ רעש. ער טוט נאָר אָן אַ סעטקע אױפן פּנים און גײט זיך מיט זײ

אַן עצה אַן קיינעמס הילף. און איצטער האָט מען נאָך גערופן אַ שכן צו הילף און אַלע צוזאַמען האָבן זיך קיין עצה ניט געקענט געבן. עס איז אַ ריכטיקער שפּריכוואָרט: „דיעלאָ מאַסטעראַ באָיטסיאַ״ [102].

די קריסטן, וועלכע די לאַטישן האָבן אַוועקגעפירט, זענען דערפאָרן ביז מאַלאַט, געוואָרפן די פערד און געקומען צוריק צו פוס. אייניקע האָבן געשזאַלעוועט צו לאָזן די פערד און געפאָרן ווײַטער, נאָר אין עטלעכע שעה אַרום זענען זיי אויך אַנטלאָפן. זיי האָבן געזאָלט אַוועקפירן די לאַטישן אַזש אין לעטלאַנד.

די אַלטע איז גלײַך געקומען מיט מיר זיך טיילן, אַז דער זון איז דאָ. איך בין טאַקע זייער צופרידן. ער איז געווען אין אַ גרויסער סכּנה סײַ מצד די ליטווינער, סײַ צוליב די באָמבאַרדירונגען. נאָך דעם אַלעם וואָס זיי האָבן פאַר מיר געטאָן, בין איך זיי אַן אמתער גוטער פרײַנד און ווינטש זיי נאָר גוטעס. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ווען ניט זיי וואָלט איך שוין ניט געווען. די אַלטע גלייבט, קענטיק, אַז איך האָב אַ ספּעציעלן זכות בײַ גאָט. בעט זי מיך, איך זאָל איר העלפן בעטן גאָט, פאַר איר, דערהויפּט איז זי אומרויִק וועגן די קינדער. קען איך דען איר אָנטזאָגן? עס וואָלט פאַר איר געווען אַ גרויסע אַנטוישונג, ווען איך זאָג איר, אַז איך האָב ניט מיט גאָט קיין קאָנטאַקט.

9טער יולי. הײַנט איז דאָ געווען מיטיע. איך האָב טאַקע אויסגע־רעכנט, אַז דווקא הײַנט דאַרף ער קומען. איך האָב קוים דערלעבט אים צו זען. גערעדט און גערעדט און געבליבן אין מיטן. קענען זיך דען אויסשעפּן די רייד! עס דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל דעם גאַנצן לעבן קענען וועגן דעם ריידן, איבערחזרן אַן אַ שיער און עס וועט מיר שטענ־דיק זיין אַלץ פריש אין זכּרון. איצטער הייבט מיר שוין גאָר אין דער לופט, איך קען שוין מער ניט זיצן. וואָלט איך כאָטש געהאַט לעבן זיך

---

[102] רוסיש. אַ גלײַכוועוערטל, אידיאָם, אויף צו לויבן אַ בעל־מלאכה וואָס האָט געמאַכט אַ גוט שטיקל אַרבעט.

עמעצן אַ געדולדיקן, איך זאָל קענען ריידן, ריידן אָן אויפהער. אַ ביסל זיך אויסריידן פֿאַר אַזוי פֿיל מאָנאַטן. ווי דערוואַרט מען שוין דעם מאָמענט, מיר זאָלן זיך קענען אויפקלײַבן, אַלע אונדזערע, דאָס ביסל פֿאַרבליבענע. איך שפּיר אַזאַ נאָענטקייט צו יעדן איינעם, אַפֿילו אומבאַ־קאַנטערהייט. נאָך אַזוי פֿיל לײַדן דאַרפֿן מיר דאָך זײַן אַזוי נאָענט, געבונדן.

עס גלייבט זיך מיר נאָך אַלץ ניט, אַז עס איז שוין געענדיקט. דאָס זאָל נאָר ניט זײַן קיין חלום. עס וואָלט דאָך געווען שרעקלעך!

10טער יולי. דאָס וואַשן זיך איז נאָך בײַ מיר אַלץ אַן אַנגעווייטיק־טע פֿראַגע, ווײַט ניט אַזוי ווי פֿריִער, אָבער צו וואַשן זיך יעדן טאָג, ווי עס פּירט זיך בײַ מענטשן, בין איך נאָך אַלץ ניט דערגאַנגען. נעכטן אָוונט, אין גאַנצן אומדערוואַרט, האָבן זיי מיר אַרײַנגעטראָגן אַ גאַנצן צעבער וואַסער און אַ שיסל; די אַלטע אַליין האָט אַפֿילו געהאָלפֿן. לעצטנס האָט זי מיר אָנגעהויבן צו טיטולירן „פּאַני”. פֿריִער פֿלעגט זײַן „קאָביעטאָ” און „טי”[103]. דער טיטול איז מיר טאַקע זייער וויכטיק!

פֿאַר טאָג בין איך אַרויסגעקראָכן, זיך אַרומגעוואַשן ווי עס באַדאַרף צו זײַן. אויך אַלץ אויסגעוואַשן, אַפֿילו דעם קוזשאָוויעץ, כאָטש אין קאַלטע וואַסער, דאָך וואַסער. איך וועל פּרוּוון בעטן, אפשר וועלן זיי מיר אויך הײַנט אָוונט ברענגען כאָטש אַ שיסל וואַסער. איך וואָלט זיך גערן אָנטזאָגט פֿון אַ מאָל עסן, נאָר האָבן אַ מעגלעכקייט זיך אַרומצוּוואַשן.

אַ גאַנצן פֿרימאָרגן פֿליִען אום עראָפּלאַנען, עס הערן זיך שטאַרקע אויפֿרײַסן און אַ געדיכטע שיסערײַ. פֿון די באָמבעס בין איך שוין גאָר ניט צופֿרידן. דאָס זענען שוין מסתמא דײַטשישע. דאַכט זיך — לאָגיש — קענען זיי זיך שוין ניט צוריקקערן. זיי קענען, פֿאַרשטייט זיך, קומען אַהער, אַפֿילו פֿון בערלין, וואַרפֿן באָמבעס. דאָס קען נאָר אָנמאַכן אַ חורבן, נאָך אַ ביסל קרבנות. אין אַ מלחמה האָט עס אָבער ניט קיין דעצידירנ־

---

103 פּויליש. „חבֿיבל” און „דו”.

דיקע באַדײַטונג. אַט באַמבאַרדירן זיי ענגלאַנד, זיי האָבן דאָך אַפילו ניט בדעה אַהין אַרײַנצוטרעטן.

די קריסטן ריידן, אַז די סאָוועטן האָבן זיך דורכגעריסן מיט אַ קליין, אַז דער פּאַקטישער פראָנט איז נאָך ווײַט. זאָל זײַן אַפילו אַז עס איז אַזוי. זענען זיי דאָך ניט געקומען אויף קיין געלעכטער און וועלן זיך ניט לאָזן אַרויסשטופּן. ווען איך שטעל זיך פאָר, אַז דאָס קען פּאַסירן, וואָלט איך שוין דאָ ניט געזעסן און אַוועק צו זיי, זיי זאָלן מיך מיטנעמען, אַפילו צום פראָנט. עס לאָזט זיך מיר אָבער ניט גלייבן. הײַנט ווער ווייס? עס קומען דאָך פאָר אַ סך זאַכן ניט קיין לאָגישע, דערהויפּט די־אָ צײַטן. עס נעמט מיך אַרום אַן אימה. וואָלט זיך שוין גיכער געענדיקט די מלחמה, אַ ניט וועלן מיר דאָ אין גאַנצן קיין רו ניט האָבן!

11טער יולי. נעכטן אָוונט האָבן זיי מיר געבראַכט פּאָליטישע נײַס: די דײַטשן לאָזן אַראָפּ אויף ווילנע דעסאַנטן. איינע האָט געזאָגט 7 טויזנט, די צווייטע — 70 טויזנט. קענטיק, די נאָל שפּילט בײַ זיי ניט קיין ראָלע. איך אַליין נעם אָן ביידע ידיעות פאַר אַבסורדאַל. אויב אַפילו יאָ, איז ניט אין אַזאַ צאָל. חוץ ווילנע האָבן זיי דאָך פאַרלאָרן געגנוג שטעט, איז פאַר וואָס זאָלן זיי אָנווענדן אַזוי פיל קראַפט דווקא אויף ווילנע. איך דרינג נאָר פון דעם אַרויס, אַז אויב עס רעדט זיך שוין וועגן דעסאַנטן, הייסט דאָס, אַז ווילנע איז שוין בײַ די סאָוועטן.

עראָפּלאַנען פליען אָן אויפהער. קיין באָמבעס־אויפרײַסן הערן זיך ניט. זענען דאָס מסתמא סאָוועטישע. מײַנע נערוון זענען אָנגעשטרענגט, איך בין אויס באַלעבאָסטע איבער זיי. איך קען זיך מיט זיי גאָר קיין עצה ניט געבן. וואָלט איך כאָטש געהאַט צום רייכערן, וואָלט מיר געווען אַ סך לײַכטער. איך האָב אָבער ניט ווו דאָס צו באַשטעלן. בעטן בײַ די קריסטן, וועלן זיי מיך אָנקוקן מאָדנע. זיי קענען דאָך דאָס ניט פאַר־שטיין. אויסגעהאַלטן אַזוי פיל, מוז איך זיך האַלטן ווײַטער.

מיט אומגעדולד וואַרט איך אויף דעם יונגן מאַן, מיט וועלכן איך בין מיט $6\frac{1}{2}$ מאָנאַטן צוריק אַנטלאָפן פון דאַנען אין וואַלד צוליב די

בורלאַקעס. אַ שווערן מאָמענט האָבן מיר דאַן איבערגעלעבט. בײַ אים זענען אַפילו אַלע אַרומיקע באַקאַנטע, דאָך פאַרשטיי איך, אַז אויך אים איז ניט געווען אַזוי לײַכט דאָס גיין בעטן זיך, מען זאָל אַרײַנלאָזן. איך האָב אָבער אין גאַנצן ניט געהאַט ווו זיך צו בעטן. אָפט מאָל קלער איך וועגן אים און דערמאָן יענע נאַכט. דאָ האָט מען גערעדט, אַז מען האָט אים דערהרגעט. מיטיע אָבער זאָגט, אַז ער ווייס זיכער אַז ער לעבט; הלוואי זאָל עס זײַן אַזוי. עס ווילט זיך דאָך, אַז כאָטש די וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די דײַטשן זאָלן בלײַבן לעבן. די פּוילישע פּאַר־טיזאַנער האָבן אַזוי אויך גענוג דאָ אויסגעשאָכטן. איך האַלט, אַז אויב ער לעבט וועט ער קומען אַהער די טעג. אים איז דאָך מסתּמא אויך אינ־טערעסאַנט צו וויסן צי איך לעב. אויב ער קומט נאָך ניט, קען מען מסתּמא נאָך ניט אַרויסגיין.

די קריסטן האָבן מיר פאַרגעלייגט אַרײַנצוגיין צו זיי אין שטוב. איך האַלט זיך נאָך אָפּ. פאַר זיך האָב איך שוין ניט קיין מורא, נאָר עס דרייען זיך דאָ אַרום באַנדעס כוליגאַנעס, זאָלן אַ מאָל מײַנע באַלע־באַטים ניט האָבן קיין צרות פון זיי צוליב מיר. איך וועל שוין בעסער איבערוואַרטן נאָך אַ פּאָר טעג, עס וועט זיך דאָך מסתּמא אײַנשטעלן אַ מאַכט.

איך זוך ווי צו פאַרקירצן די טעג. זיי האָבן מיר געבראַכט מעדי־ צינישע ליטעראַטור. איך מוז אָבער עטלעכע מאָל אָנהייבן צו לייענען פון דאָס נײַ ביז עס גיט זיך מיר אײַן צו קאָנצענטרירן די געדאַנקען. אַ געוויסער פּראָפעסאָר שרײַבט דאָ, אַז מיט סוגעסטיע קען זיך אַ מענטש אין גאַנצן באַהערשן, אַפילו זיך אויסהיילן פון דער גרעסטער קראַנקהייט. מען דאַרף נאָר האָבן דערבײַ אַ שטאַרקן ווילן. אין אייניקע פאַלן בין איך מיט אים אײַנשטימיק. אָט האַלט איך זיך שוין באַלד 10 מאָנאַטן נאָר מיט סוגעסטיע. אינטערעסאַנט, אַז אַ גאַנצע ריי מיטלען, וועלכע ער גיט אָן, פלעג איך אַליין באַנוצן. הייסט דאָס, אַז דאָס איז ניט אַזוי אידיאָטיש ווי איך האָב דאָס אָנגענומען. צום בײַשפּיל, ער הייסט, אויף צו באַרויִקן די נערוון, מעכאַניש ציילן. איך פלעג שעהען לאַנג ציילן,

אָנצײלן טויזנטער, און זיך זינגען, צוהאָרכן זיך צו עפּעס אַ מאָנאָטאָנעם דזוויענק, צום קלאַפּן פֿון אַ זייגער, אָדער, ווי איך פֿלעג טאָן, צוהאָרכן זיך צום מוקען פֿון אַ קו, אָדער צום טשיריקען פֿון די פֿייגעלעך. אין אַלגעמיין, אָפּשטעלן די אויפֿמערקזאַמקייט אויף די גרעסטע נאַרישקייטן און אויף אַזאַ אופֿן ניט קלערן וועגן קיינע דענערווירנדיקע ענינים. איצט אָבער קען איך שוין זיך מער ניט באַנוצן מיט די אַלע מיטלען. דאָס דענערווירט מיך נאָך מער. איך זוך שוין עפּעס אַנדערש. זיצן קען איך שוין אין גאַנצן ניט, שטיי איך שוין בעסער. פֿאַר טאָג קריך איך אַרויס און ביז עס הייבט זיך אָן דאָ די באַוועגונג, גיי איך אום, איך לויף, איך קריך אויף די הויך אויפֿגעלייגטע היי און שפּרינג פֿון איין ברעג אויפֿן צווייטן, מאַך אַפֿילו גימנאַסטיק. ווען עמעצער דערזעט מיך דאַן, וואָלט ער זיכער געמיינט, אַז איך בין אַראָפּ פֿון זינען. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז איך בין נאָרמאַל, כאָטש קיין משוגענער אָנערקענט זיך ניט צו דעם. איך קאָנטראָליר זיך אָבער פֿון ערשטן טאָג אָן. אויך די קריסטן זאָגן מיר אָפּט מאָל, אַז עס איז אַ וווּנדער ווי איך בין ניט אַראָפּ פֿון זינען זיצנדיק אַזאַ צײַט איינע אַליין. דאָס איז דאָך שוין זיכער אַ באַווײַז, אַז איך בין נאָרמאַל. דער שרײַבן ברענגט מיר אויך אַ געוויסע פֿאַרלײַכטע־רונג. איך פֿאַרקלער זיך גאָרניט וואָס איך שרײַב. איך האָק אָגולנע. עס איז רעכט, אַז אָפּט מאָל שרײַב איך אַזעלכע נאַרישע מגילות, פֿון וועלכע איך אַליין, אויב עס וועט מיר אויסקומען ווען ניט איז איבערצולייענען, וועל דאַרפֿן לאַכן. דערווײַל רוקט זיך כאָטש אַ ביסל די צײַט און דאָס איז פֿאַר מיר דאָס וויכטיקסטע.

12טער יולי. הײַנטיקע נאַכט האָב איך געהאַט אַן אמתן טוש: וואָס ווײַטער רינט פֿון דאַך אַלץ מער. איצטער איז ווידער אַ שיינער, זוניקער פֿרימאָרגן. אפֿשר וועל איך שוין בײַ אַ צווייטן רעגן זײַן אונטער אַן אמתן דאַך! עס האָט אויך שטאַרק געדונערט. איך האָב געקלערט, עס זאָל אַקאָרשט אַהער ניט אַרײַנפֿאַלן אַ דונער. עס וואָלט געווען אין גאַנצן ניט צוגעפּאַסט. איצט וויל איך דאָך געוויס בלײַבן לעבן. עס ווײַזט זיך

אַרויס, אַז טאַקע ניט װײַט פֿון דאַנען אין אַ דאָרף איז געװען אַ שׂריפֿה.

נעכטן, פֿון צװײטן האַלבן טאָג, האָבן זיך געהערט שטאַרקע אויפֿרײַסן און אָפֿטע געדיכטע שיסערײַען. עס איז נאָך אַלץ ניט קיין ענדע. די קריסטן דערציילן, אַז לאָנדאָן האָט אָנגעגעבן דורך ראַדיאָ, אַז די פּױלישע פּאַרטיזאַנער האָבן מיטגעהאָלפֿן צו פֿאַרנעמען װילנע.

איצט איז צו די אַלטע און געפּרעגט, צי האָב איך זיך געשראָקן פֿאַרן דונער. זי איז צו מיר זייער אױפֿמערקזאַם. זי דערציילט, אַז אין ניעמענטשין זענען געפֿאַלן עטלעכע באָמבעס. אין דער רגע האָלט אויך אין קלאַפּן.

13טער יולי. הײַנט איז דער דריטער יאָרטאָג װי מען האָט צוגענומען צלאלן. װאָס װײַטער קום איך אַלץ צום באַשלוס, אַז איך האָב אויף אים ניט װאָס צו האָפֿן. די דײַטשן לאָזן ניט איבער קיין ייִדן בעתן אָפּטרעטן: אין װילנע האָבן זיי אויסגעהרגעט דאָס לעצטע ביסל, װאָס איז נאָך געװען אין בלאָקן, אַ טאָג פֿאַרן אָפּטרעטן. װען עס װאָלט זי״ד אים אָפּילו אײַנגעגעבן צו אַנטלויפֿן, װי װאָלט ער זיך אויסגעהאַלטן גאַנצע דרײַ יאָר. דאָך גיט זיך מיר נאָך אַלץ אַ קלער: אפשר?

איך האַלט, אַז די אַװעקגעפֿירטע אין עסטאָניע לעבן שוין ניט. עס פֿאַרדריסט מיר אויף פּעלמאַנען. ער האָט זיך גראָד געקענט ראַטעװען פֿון געטאָ און געמאַכט אַ פֿאַרזון. דער מענטש האָט מיר זײַנער צײַט געראַטעװעט דאָס לעבן. איך װאָלט געװען זייער צופֿרידן װען איך װאָלט נאָך געהאַט אַ געלעגנהייט אים אָפּצודאַנקען.

בײַ נאַכט האָבן מיר זיך װײַטער געחלומט אַ גאַנצע ריי באַקאַנטע. איך האָב מיט זיי געפֿירט אַ שמועס, עפּעס אַ גאַנצער פּלאָנטער. מיט אַ שװערקייט האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט. איך קען זיך דאָך אַלץ ניט צוגעװוינען, [צום געדאַנק], אַז אַלע זענען טויט.

הײַנט איז דערװײַל אין גאַנצן שטיל, ניט קיין עראָפּלאַנען, ניט קיין באָמבעס. נעכטן האָבן מיר די קריסטן דערציילט, אַז אין װילנע זענען נאָך דאָ דײַטשן. זיי געפֿינען זיך אויפֿן שלאָסבאַרג מיט אַ סך

אַמוניציע, און אַז 28 טויזנט פוילישע פּאַרטיזאַנער העלפן זיי באַקעמפן. וואָס קען דאָס די סאָוועטן אַרן. מיך אַרט עס געוויס ניט. נאָך זייער האַנדלונג לגבי אונדז, דערהויפּט אין די לעצטע מאָנאַטן, מעגן זיי אויס־לייגן די קעפּ, לויט דעם זעלבן מוסטער ווי זיי האָבן געטאָן מיט אונדזערע.

14טער יולי. נעכטן האָב איך דעם ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט גערעדט מיטן אַלטן באַלעבאָס. איך בין געזעסן ניט־פאַררוקט אין לאָך, ניט ווי שטענדיק, און גערעדט מיט דער אַלטער. ער איז אָנגע־גאַנגען. איך האָב זיך שוין ניט באַהאַלטן, ווי פריִער, און געזאָגט אים „גוט־מאָרגן". ער האָט זיך אָפּגערופן: "כאָץ' ראַז פּאָקאַזאַלאַסיאַ" [104]. ער האָט דערמאָנט ווי ער האָט צוזאַמען מיט דער קאָלכאָזניצע געזוכט אין די שטרוי; ער איז דאַן אַליין געווען צעשראָקן, מיינענדיק אַז דאָ האָט זיך באַהאַלטן אַ דעסאַנט אָדער סתם אַ גזלן. דאָס איז גראָד פײַן, איך בין געזעסן אַ צעשוידערטע פון שרעק, און זיי האָבן גאָר מורא געהאַט פאַר מיר; ווי ער האָט געפונען אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער אין דעם פרעמדן שײַער, ווו איך בין דאַן געזעסן, און געזאָגט מען זאָל זוכן, צי געפינט זיך ניט עמעצער; ווי ער פלעגט באַמערקן די אויסגעלעגענע שטרוי, ביז ער האָט זיך שוין דאָ בײַם ענדע דערוווּסט וועגן מיר. ער וווּנדערט זיך, ווי האָב איך אויסגעהאַלטן אַזאַ צײַט, דערהויפּט די ווינ־טער־מאָנאַטן, אין שײַער. איך ווייס אַליין ניט ווי איך האָב אויסגעהאַלטן. די הענט מיט די פיס האָב איך אַפילו אָפּגעפראָרן, זיי שטעכן מיר אַפילו. עס האָט אָבער געקענט זײַן אַ סך ערגער. דאָס געפיל, אַז איך מוז און דער שטאַרקער ווילן האָבן מיר מיטגעהאָלפן. פון ערשטן טאָג אָן האָב איך זיך געשטעלט אַ ציל, אַז קיינער אין דאָרף זאָל מיך ניט זען און אויסזיצן בײַ די קריסטן ביזן ענדע. דעריבער האָב איך זיך אַנטזאָגט צו גיין צו זייערער אַ באַקאַנטער, ווו זיי האָבן מיר געוואָלט אײַנאָרדענען אין

[104] רוסיש. „כאָטש איין מאָל זיך באַוויזן".

אַ שטוב. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז אין אַ שטוב וואָלט מיר קיינער לאַנג ניט געהאַלטן. צוליב די פּאַרטיזאַנער זענען דאַן אַלע געווען זייער אָנגעשראָקן. אויב עס איז שוין טאַקע די ענדע, האָב איך אויסגעפֿירט. קיינער פֿון די אַרומיקע ווייס וועגן מיר ניט.

15טער יולי. מען טאָר זיך ניט באַרימען. נעכטן בין איך נאָך־אַ־האָר ניט דורכגעפֿאַלן. אומדערוואַרט האָט מען פֿונאַנדערגענומען דעם דאַך צו פֿאַרריכטן. איך בין געבליבן אונטערן פֿרייַען הימל. וואָלטן כאָטש געווען נאָר די אייגענע, האָט דערבײַ געהאָלפֿן איינער אַ קאָלכאָזניק. איך האָב זיך פֿאַררוקט טיף אין מײַן נאָרע. ער האָט שוין אָבער געזאָלט נעמען שטרוי. אַראָפּנעמענדיק אַ פּאָר קוליעס וואָלט ער מיך גלײַך דער־זען. איצט דראָט מיר שוין ניט קיין סכּנה. עס וואָלט אָבער אים אויס־געקומען ווילד. דאָס איז דאָך געוויס אַ סענסאַציע, ער וואָלט דאָס פֿו־נאַנדערגעקלונגען איבער דער גאַנצער געגנט.

מײַן שטענדיקע טאַקטיק, אַז געזינטער איז, אַז פֿון יעדער זאַך, אַפֿילו פֿון אַ נאַרישקייט, זאָלן וואָס ווייניקער וויסן. בין איך טאַקע געזעסן אָנגעשטרענגטערהייט, עס איז מיר געווען פֿאַרדראָסיק גאָר בײַם ענדע דורכצופֿאַלן. עס האָט זיך מיר אָבער אויך דאָס מאָל אײַנגעגעבן. עס איז אָנגעגאַנגען די אַלטע, זי האָט קענטיק פֿון פֿריִער ניט געוווּסט, זי האָט אַוועקגערופֿן אַלעמען עסן, אַליין געקומען און מיר מיטגעהאָלפֿן אַריבער־צוטראַנספּאָרטירן זיך אין אַן אַנדער ווינקל.

אין דער לאָך בין איך אָפּגעזעסן 72 טעג, אײַנגעבירגערט מיט אַלע „באַקוועמלעכקייטן". איך האָב געקלערט, אַז עס וועט מיר שוין ניט אויסקומען צו בײַטן די ערטער און אַרויסקריכן פֿון דאַנען אויף דער פֿרײַ. אין דער אמתן וואָלט איך שוין געקענט אַרויסקריכן, איך האָב זיך אָבער ניט ווו און צו וועמען צו אײַלן. זאָל זיך אַ ביסל אײַנשטילן. אַרומדרייען זיך אין דאָרף וויל איך אויך ניט. מען וועט דאָך איצט מיך באַוונדערן פּונקט ווי עפּעס אַ זעלטענע ווילדע חיה, וואָס האָט זיך אָפּגע־ריסן פֿון אַ טיפֿן וואַלד. חוץ דעם דרייען זיך דאָ אום נאָך אַלץ כוליגאַנעס.

בעסער אָפּזיצן נאָך אַ ביסל, איידער עס זאָל אויסקומען צו קריכן פון דאָס נײַ. איצט געפין איך זיך אויף דעם זעלבן אָרט, ווו איך בין געווען אַרויפגעקראָכן פון ערשטן טאָג פון מײַן קומען און אָפּגעזעסן 68 טעג. איצט וועל איך שוין אַזאַ צײַט ניט דאַרפן זיצן.

יעדעס מאָל, נאָכן אַריבערקלײַבן זיך, מאַך איך זיך גלײַך „באַקוועם”. פון דאַנעט זע איך שוין ניט וואָס עס קומט פאָר בײַ די קריסטן. איז נעם איך אָבער אַרויס אַ גאַנצע ברעטל און איך האָב אַנטקעגן זיך אַ שיין בילדל: דעם הימל,ביימער און פעלדער.

17טער יולי. נאָך־אַ־האָר ניט אַוועק אין ווילנע.ביידע יונגע קריסטינס זענען אַוועק און מיך מיטגערופן. איך האָב זיך אָבער נאָך אָפּגעהאַלטן זיך צו אײַלן. זען די אויסגעלייגטע מתים אין די גאַסן? פאַר דעם זענען מײַנע נערוון צו שוואַך. דעם חורבן וועל איך ניט פאַרזאַמען.

עס דריקט מיך אַ שווערקייט, ווי טרעט מען אַרײַן פון דאָס נײַ אין לעבן? עס שרעקט מיך די עלנטקייט. ווו גיין? וואָס טאָן? עס וועלן זיך אפשר געפינען באַקאַנטע, פרײַנט. עס איז אָבער ניט דאָס. מיר איז באַקאַנט דאָס געפיל צו זײַן צווישן מענטשן און פילן זיך איינזאַם. איך דאַרף ניט קיין סך, איך דאַרף נאָר איינעם...

19טער יולי. דאַכט זיך, אַז הײַנט זיץ איך דעם לעצטן טאָג אין שײַער. איך האָב פאָרט באַשלאָסן מאָרגן צו גיין אין ווילנע אויף אַ ראַז־וועדקע[105]. מען דאַרף דאָך סוף־כּל־סוף אַרויסקריכן. איך זיץ שוין אַזוי איבעריקע 2 וואָכן. נאָך דעם וואָס איך האָב דורכגעמאַכט האָב איך שוין געמעגט זײַן אין גאַנצן קאַלטבלוטיק. דאָך קען איך זיך ניט באַ־הערשן, דאָס האַרץ שפּרינגט אין דער לופטן; לעצטנס קען איך אַפילו ניט אײַנשלאָפן [———]

[105] רוסיש. אויסשפּיר.

בית לוחמי הגיטאות ע"ש יצחק קצנלסון / הוצאה לאור
בשיתוף עם הוצאת הקיבוץ המאוחד

ספרים חדשים:

לייזער ענגעלשטערן / אין געטאָם און וועלדער.
זכרונות של איש וילנה — גורל משפחה יהודית בגיטו וביערות. 206 עמ׳.

ארתור ד. מורס / והעולם שתק (עת ניספו ששת המיליונים).
פרשת אדישותו של העולם החופשי אשר עמד מנגד כאשר יהודי אירופה הועלו על הגרדום. תרגם: יוסף עוזיאל; ערך והקדים מבוא: שלמה דרך. 323 עמ׳.

גדליה אלקושי / יאנוש קורצ׳אק בעברית — ביבליוגרפיה מוערת בצירוף מבוא.
פירוט יצירותיו של הפדגוג הגדול שנתפרסמו בעברית במשך 50 שנה; צוינו גם מאמרים על קורצ׳אק ודרכו האחרונה. מבוא מקיף על חייו ועזבונו הספרותי של אבי־היתומים. 258 עמ׳.

שרה נשמית / מאבקו של הגיטו.
ספר לימוד למורה ולתלמיד. פרקיו: נפילתה של אירופה, "הפתרון הסופי" של הבעיה היהודית, המרי האזרחי בגיטאות, מדוע אחר כל כך המרד?, הנוער המאורגן בגיטאות, המרד, המרד בגיטו וארשה. מהדורה שלישית. 200 עמ׳.

יאנוש קורצ׳אק / מן הגיטו (1939—1942).
יומנו של הסופר והפדגוג הגדול, שנרשם בגיטו וארשה ערב הגירוש למחנה ההשמדה; תרגם: צבי ארד. דברי מבוא ובהם תיאור תקופת חייו האחרונה על רקע הגיטו הדועך — יצחק פרליס. הערות — צבי שנר. 216 עמ׳.

אהרון כרמי, חיים פרימר / מן הדליקה ההיא.
סיפורם של שני חברי הארגון היהודי הלוחם בגיטו וארשה. רשם וערך: אהרון מאירוביץ׳. מהדורה שניה. 240 עמ׳.

ישראל אוטיקר / תולדות החלוץ בפולין 1932—1935.
ניתוח סוציולוגי וסטטיסטי של אספקטים שונים בהתפתחות תנועת "החלוץ" בפולין בשנות השיא שלה. 226 עמ'.

TUVIA BORZYKOWSKI / *Between Tumbling Walls*
ספר עדות של איש הארגון היהודי הלוחם. — גיטו וארשה במערכה, המחתרת בצד הארי, היהודים במרד הפולני של אוגוסט 1944. תרגם לאנגלית: מנדל קוכאנסקי. 229 עמ'.

VLADKA MEED / *On Both Sides of the Wall*
זכרונותיה של קשרית במחתרת היהודית בווארשה הכבושה. תרגמו לאנגלית: משה שפיגעל, סטבן מיד. 344 עמ'.

YITSKHOK RUDASHEVSKI / *The Diary of the Vilna Ghetto*
June 1941 — April 1943
דפי יומנו של נער כבן י"ד, שנרשמו בגיטו וילנה בצלו המאיים של הפתרון הסופי. תרגם מיידיש לאנגלית וערך פסח מאטנקו. 192 עמ'.

YITZHAK KATZNELSON / *Vittel Diary*, 22.5.43 — 16.9.43
יומנו של יצחק קצנלסון שנכתב במחנה ויטל. ביומן — תיאור ימיו האחרונים של הגיטו וארשה. דברים על חייו ועזבונו של מקונן השואה. מהדורה שניה. תרגם לאנגלית: מאיר כהן. 276 עמ'.

MENDEL GROSSMAN / *With a camera in the Ghetto*
אלבום צילומים מגיטו לודז', מבחר יצירותיו מעזבונו של האמן אשר ניספה. 112 עמ'.

ФРИДА МИХЕЛЬСОН | Я пережила Румбулу
סיפור קורותיה של תושבת ריגה אשר ניצלה מטבח שערכו הגרמנים בדצמבר 1941 ביערות רומבולה על־יד בירת לטביה. ערך ותרגם לרוסית מיידיש: דויד זילברמן. 246 עמ'.